STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04848

MITREA KOKOR

Mihail Sadoveanu

*Permanent preservation of this book was made possible
by Phyllis & Marvin Fleisher
in memory of
Robbin Nan Fleisher*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָס דאָזיקע בוך איז אויסגעצייכנט געוואָרן אין 1950 יאָר

מיט

דעם גאָלדענעם-שלום-מעדאַל



מיכאיל סאדאָוועאנו

מיכאיל סאדאָוועאנו

מיטרעאַ קאָקאָר

פון רומעניש מאיר ריספלער
הילע: קאָרנעליו באבא

מלוכה פארלאג פאר ליטעראטור און קונסט
בוקארעשט

I

נישט ווייט פון א באראגאן לעבן דעם וואסער ליסא, האָבן די לייבאייגענע געבויט א דאָרף, שוין לאנג, ס׳דארף זיין זייט דעמלט הונדערט יאָר. זיי האָבן עס גערופן מאלו־סורפאט, ווייל די ליסא האָט זיך אויסגעגראָבן א טיף געלעגער, און ווען די וואסערן זיינען געוואקסן פלעג דער ווילדער שטראָם רייסן און אונטערגראָבן די פעלדער פון דער דאָרפס קוסטע.

דעם באראגאן, האָבן די לייבאייגענע א צונאָמען געגעבן „דראָפּי״ זיי פלעגן זאָגן:

דאָרטן צייטיקט זיך דער בעסטער ווייץ וואָס געהער דעם פּוּוערים־שינדער.

פון יענעם טייל פלעגן פליען צומאָל אויף די הייכן פונעם ווינט מחנות פון ווילדע פייגל פון וואנען ס׳נעמט זיך דער נאָמען פון דער וויסטע.

— ס׳איז נישט קיין וויסטע, מ׳וואָלט געקענט דאָרט בויען דערפער; נאָר דער אלטער מאווראָמאטי האָט איבערגעלאָזט א צוואה זיינע זין אז זיי זאָלן קיינעם נישט דערלויבן דאָרט זיך באזעצן. אין די „טראָפּן״ איז פאראן גאָלד, די פּריצים זאמלען רייכטימער, מיר לעבן אין דחקות און ווערן פארפוילט אין אָרעמקייט.

די פויערים פלעגן זומער ארויסגיין אויפן פעלד, אריבער גייענדיק איבער דער תהומדיקער ליסא אויף א שוואכער בריק. ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דעם אָקסן־ברונעם, האָבן זיי געפילט דעם ריח פון רייפן ווייץ וואָס איז געקומען פון די „טראַפּן".

— כ'האָב חשק צו א וויים שטיקל ברויט. האָט איינער זיך אָנגערופן. די איבריקע האָבן געלאכט. עמעצער האָט אמאָל געענטפערט:

— וואַרט ביז ס'וועט קומען דער טאָג ווען פאַראַקערן דעם באַראַגאַן וועלן מיר.

די רייד וועלכע זיינען נאָך נישט פאַרשטענדליך געווען פאַר אים, האָט דעמלט מיטרעא קאָקאָר געהערט ווען ער איז נישט מער אַלט געווען ווי עלף יאָר. ער האָט אויך געלאכט.

פאַרוואָס לאכסטו? האָט אים געפרעגט זיין מוטער וועלכע האָט זיך געמאכט א שטרויזיץ לעבן אים אין וועגעלע.

— איך לאַך גלאַט אַזוי.

— ווען א מענטש פאַרשטייט נישט, דאַרף ער נישט חוזקן.

— איך פאַרשטיי דוקא יאָ.

דער פאָטער האָט פאָרויס געטריבן די ברוינע פערד, האָט אויסגעדרייט דאָס פנים און האָט מיט א ברוגזן לאַך געזאָגט:

— דער דאָזיקער מיטרעא האָט שכל פון א געלערנטן; מען דאַרף אים לאָזן לערנען.

— איך וועל אים געבן א פּליאַסק איבער דער מאָרדע בדי ער זאָל זיך נישט אריינמישן אין די רייד פון די דערוואַקסענע.

זי האָט אים געגעבן פון דער האַנט א פּאַטש איבערן מויל. מיטרעא האָט איינגעשלינגען די טרערן און האָט געשוויגן.

— דו זאָגסט שוין גאָרנישט?

מיטרעא האָט פאַרעקשנט אראָפּגעלאָזט דאָס פנים און האָט געוועגדט זייטווערטס א שוואַרץ שוידערלעך אויג.

די פויערטע האָט אים נאָך אמאָל דערלאַנגט.

— פאַרוואָס האָסטו אים געשלאָגן, אנאַפּיע? האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעדרייט דער פויער.

— ווייל ער קוקט אויף מיר ווי א גנב.

— אגאפּיע, לאָז דאָס יינגל צורו!

— ניין, כ'לאָז אים נישט. דו, יאָרדאַן זאָלסט דיך נישט אריינמישן ווייל איך בין אויף אים בעל־הבית. לאָמיך אים נאָך איינמאָל כאַפּן אזוי קוקן אויף מיר ווי אצינד וועל איך זיין פעל אויפהענגען אויפן טשוואָק. דו פלעגסט אויך צומאָל אזוי קוקן. איך האָב דיך אָבער אָנגעלערנט איך וועל אויך אָנלערנען דעם דאָזיקן מיטרעא.

די איינוווינער פון מאַלו־סורפאַט וועלכע האָבן יעדן געגעבן א צונאָמען האָבן אויך אגאפּיע דעם לאַנגנס צוגעגעבן דעם שפּאָט־נאָמען „די קורצע", ווייל זי האָט דערגרייכט נאָר ביז צו יאָרדאַנס אקסלען. א קורצע, א דיקע און א בייסיקע, און יאָרדאַנען פון דער פאַמיליע לונגו, האָבן זיי גערופן קאָקאָר ווייל ער האָט געהאַט א לאַנגע און א קרומע נאָז און אביסל אָן אָנגעבויגענעם רוקן. ער איז געווען א גוטמוטיקער און רויקער מענטש. אין אלע טעג פונעם יאָר סיי די וואָכעדיקע סיי די יומטובדיקע האָט דאָס ווייב זיך מיט אים געקריגט און געוואָרפן שטעכווערטלעך. זי פלעג זיך ארויפשטעלן אויף א בענקל כדי זי זאָל קענען נענטער אויף אים אויסגלאָצן א פּאָר אויגן. ער האָט זיך אונטערגעגעבן. נאָר מיטרעא וועלכער איז ענלעך געווען מיט זיין פאָטער האָט אָבער געירשט אירע שטעכווערטלעך. אין דער געמיינדע איז ער געווען פארשריבן אויף זיין טאַטנס צונאָמען. ער האָט נישט געהייסן מיטרעא לונגו, נייערט מיטרעא קאָקאָר, ער האָט אויך געירשעט פון יאָרדאַנען דאָס פארכמורעטע שווייגן און דעם שווערמוטיקן זייטיקן בליק. יאָרדאַן האָט אים ליב געהאַט, אגאפּיע אָבער האָט אים גערודפט זי פלעגט זאָגן:

— „בעסער וואָלט איך אים געבוירן א לאָשיקל און ס'וואָלט אים א וואָלף פארצוקט".

אגאפּיע הייסט אויף דער העלענישער שפּראַך „ליבע", פון זיין מאַמעס ליבע, איז איינציקע מאָל מיטרעאַן אויסגעקומען צו לויפן אין דער וועלט אריין און זאָל זיך שוין מער קיינמאָל נישט אומקערן.

אגאפּיע האָט ליב געהאַט־דעם גרויסן זון. ער איז אין איר איינגאַנצן געווען געראָטן. ער איז געווען קורץ און גראָב: מען

האָט אים אפילו צום מיליטער נישט גענומען. ער האָט גע־טויגט צו שווינדלערייען און געשעפט. ער האָט געמאַכט שותפות מיט א סוחר, דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעלאָזט פונעם שותף, און האָט זיך אליין געעפנט א בענזין־מיל, אין עק דאָרף וואָס גרענעצט זיך מיט דער ווייסטע פונעם וואסער־ליסא. יענעם קורצן גראָבן און אָנגעבלאָזענעם האָט מען גערופן גיצע דער לאנגער. די מענטשן האָבן פאר אים נישט געזוכט קיין אנדערן צונאָמען. דעם מילנערס נאָמען איז געווען דער סאַמע פּאסיקסטער נאָמען.

אגאפּיע די קורצע וואָס האָט חתונה געהאט צו די 15 יאָר האָט געהאט אסאך קינדער. יעדעס צווייטע יאָר איינס. לעבן, זיינען נאָר געבליבן די צוויי; גיצען דעם בכור האָט זי דריי חדשים לאנג געגעבן די ברוסט. זי האָט אים זייער ליב געהאט. דאָך האָט זי אים נאָך דריי חדשים אנטוויינט, און ווען די שוויגער קאָנסטאנדיא וואָלט נישט געהאט אויף אים רחמנות, זי זאָל אים לאָזן זייגן ביי א ציג, וואָלט אויך גיצע געגאנגען אויפן וועג פון וואנען מ׳קערט זיך מער נישט צוריק. נישט פאר שלעכטיקייט האָט זי דאָס געטון. נאָר דערפאר ווייל זי אליין איז געווען א נישט אנטוויקעלטע. די דאָרפס הייבאמס האָבען זי באדויערט, וואָס דער פאָטער אירער דער פעטער מאנאָלע האָט איר חתונה געמאכט צו יונג. אָבער דער פעטער מאנאָלע דער שענקער איז פון אן אומגליק געשטאָרבן דאָס ווייב, זי איז צעקוועטשט געוואָרן פון א פאס, און נאָך אזוי פיל יאָרן ווי ער פלעג זאָגן, קומט אים אויך אן אנדער ווייב און ער האָט חתונה געהאט מיט אן אלמנה פון אדינקאטא, און אגאפּיען האָט ער שוין נישט געקאָנט ליידן לעבן זיך. יאָרדאן לונגו איז אויך געווען יונג, די עלטערן זיינע האָבן אָבער געגלוסט צו די נדן־פעלדער. דאָס געשעפט איז גיך גע־שלאָסן געוואָרן און יאָרדאן האָט זיך מיט אמאָל דערזען דער בעל־הבית אין דעם מיידלס שטוב, נאָך איידער ער האָט גע־מאַכט מיליטער. ווען דער שענקער וואָלט אים נישט געווען אויסגעקויפט פון דער קאָמיסיע וואָלט גאָרנישט גוט געווען, אָבער אזוי איז אויך נישט געווען גוט, ווייל אגאפּיעס פעפער האָט אים באלד אָפּגעברענט דעם גאָרגל. פון די איבריקע זעקס

קינדער וואָס מאַנאַלעס טאַכטער האָט געשענקט דער וועלט, זיינען אייניקע אומגעקומען פון פּאָקן און אַנדערע פון גע־שווירן, אַנדערע פון וויינען אַנדערע פון געזאָטענע מאָן־קעפּלעך, יעדער איינער ווי אַזוי ס'איז אים געווען אָנגעשריבן. אַגאַפּיע האָט זיי נישט געגעבן די ברוסט. די הייבאַמס האָבן זי געראָטן זי זאָל זיך נישט נעמען צום האַרץ.

דער אַכטער איז געווען מיטרעאַ. ער איז געבליבן לעבן, ער האָט בייגעקומען דעם צוקייטן בייגל וואָס מ'האָט אים אין מויל אַריינגעגעבן, די מאָן־קעפּלעך, דאָס מאָזלען און די ווינט־פּאָקן. ער האָט זיך נישט אָפּגעפּאַרעט ווען ער האָט אויסגעגאָסן דאָס קעסעלע מיט זידנדיק וואַסער, די חזירים האָבן אים נישט צע־ריסן ווען זיי האָבן אים געטראָפן אין אַ מילטער לעבן דער שטוב, בשעת ער האָט געוואָרפן מיט די הענטלעך און פיסלעך ווי אַ קנייפער און האָט געשטאַמעלט צו זיי. ער איז נישט געשטאָרבן פון דעם געקעבין פון גרינע פּרוכטן און אויך נישט פונעם פערד־מיסט וואָס די דאָרפס באַבעס האָבן אַריינגע־קוועטשט אין זיין מויל אַריין ווען ער איז קראַנק געווען אויף קייך־הוסט. ער האָט זיך פאַרעקשנט צו בלייבן אויף דער זינ־דיקער וועלט.

ער איז געווען גלייך ווי צו געשניטן, ער זאָל אויסוואַקסן הויך ווי זיין פאָטער די נאָז האָט זיך באַוויגען ווי אַ שנאָבל פון אַ שפּאַרבער, די אויגן האָבן זיך אים פאַרגרעסערט און פאַרלענגערט ווי צוויי שוואַלבן, דער פאָטער זיינער האָט אים ליב געהאַט ווייל ער האָט זיך געזען אין דעם דאָזיקן זונדל, דערפאַר האָט אַגאַפּיע אים נישט געקאָנט ליידן, זי האָט זיך געזוכט מיט אים צו קריגן, ווען זי האָט אים געזען לעבן זיך און איז שטענדיק גרייט געווען אים אַ שמיץ טון מיט אַ ריטל.

מיטרעאַ האָט זיך גיך אויסגעלערנט זיך אויסצוהיטן. ער האָט געהאַט לאַנגע און פלינקע פיס און איז אויסגעווען די צייט אומקערנדיק צו איר אַ צעשויבערטן קאָפּ מיט אַ טייוולאָנישן געלעכטער. זיין מוטער האָט אויף אים געלויערט באַזונדערס ווען ער פלעג זיך פאַרגנבענען אינעם גאָרטן פון הינטער דער שטוב אין דער צייט פון די קאַרשן און פלוימען.

— דו שפּרינגסט, שפּרינגסט איבער די פּלויט, דו ביסט

דו, האָט זי אים נאָכגעשריגן. — ביז עס וועט אין דיר אריין א דראַנג.

ער איז נעלם געוואָרן צווישן די דערנער, און איז ארויס דורך די לעבער:

זי איז אריבער געשפּרינגען דעם פּלויט נאָך אים: נאָכ־יאָגנדיק אים ביז אין גאַס אריין, ביים טייכל האָט זיך מיטרעא אָפּגעשטעלט און האָט זיך געחדושט וואָס די מוטער איז נישט פארטשעפּעט געוואָרן אינעם דראַנג מיט וועלכן זי האָט אים געדראָט.

ער וועט זי אמאָל טרעפן, האָט ער צו זיך געטראכט, און דעמלט וועל איך געראטעוועט ווערן!

פארנאכט ווען ער איז הונגעריק געוואָרן און ער איז אהיימגעקומען, האָט אגאַפּיע פון אים ארויסגעקלאַפּט דעם פּאָרעך מיטן שטעקן און דערנאָך אים צוגעשטעלט דעם שיסל מיטן עסן. אומזיסט האָט זיך דאָס קינד געקלאָגט פאר יאָר־דאנען. דער אויסגעמוטשעטער פויער, וואָס איז ערשט געקומען פונעם פעלד, פון אזא היץ, האָט זיך געגוויטיקט אין רו, ער האָט געשוויגן. און דאָס קינד האָט געקלערט צו גנבענען עט־לעכע גראָשן כדי ער זאָל קויפן א פּידעלע שוועבעלעך, פייער געבן דער שטוב ווען זיין מוטער וועט זיין אליין ביים וועב־שטול.

שווערער ווי שטענדיק איז געווען דער ווינטער. אין קוימען האָבן געפייפט בייזע ווינטן. ער האָט שטיל געוויינט אין דער פינצטער אויף א ראַגאָזשינע. צומאָל, שפּעטלעך, האָט אים עמעצער אין דער פינצטער צוגעדעקט מיט א גרעבערער דעק. מיטרעא האָט דערפילט.

— זאָל דאָס זיין דער טאטע, האָט ער זיך געקלערט. ס'איז אָבער נישט דער טאטע, ווייל ער טרעט שווער.

אפשר זיינען דאָס די טריט פונעם „מלאך" האָט ער איינ־מאָל געזאָגט צו זייניקע.

די מוטער זיינע האָט געלאכט:

— וועלכער מלאך קומט צו אזא שד ווי דו?

אין א טאָג האָט ער זיך געבעטן ביי יאָרדאנען:

— טאטע, אָט איז געקומען דער ווינטער, איך בין נישט

מער ווי א פּוליאַק, זומער האָב איך צו טון אָדער מיט די גענדז אָדער מיט די צוויי חזירימלעך אָדער מיט די ציגן. אַט לויף איך אין קרעטשמע, אַט צום גלח. אָדער גיי ברענג די קו פון דער טשערעדע. ווינטער איז דאָ ווייניקער צו טון, מיין פאַר־לאַנג איז טאַטע צו גיין אין דער שול. דער הער לערער ראָט מיך צו: ער זאָגט אַז איך בין געגליכן ווי א ווייץ צווישן דערנער. אויב איך וועל לערנען וועט עס אויסקומען אַז די ווילדע גראָזן פון מיר וועלן אויסגעריסן ווערן. דעם טאָג פון די הייליקע אַפּאָסטאָלן ווער איך 13 יאָר אַלט.

— הערסט וואָס דאָס מעזיניקל זאָגט? האָט זיך יאָרדאַן געוואונדערט.

אגאַפּיע וואָס האָט זיך צוגעהערט הינטער דער טיר, איז צוגעקומען מיט צאָרנדיקע בליקן.

— איך האָב אַלץ געהערט. און דו יאָרדאַן, האָסט גע־לערנט? און איך? צו וואָס טויג מיר די צרה? גיצען האָב איך אויך נישט געשיקט צו דעם צייט־פאַרלירער. מיר האָבן גענוג וואָס צו טון און דאנקען גאָט, ס'פעלט אונדז גאָרנישט אין שטוב. זאָל דיין מעזיניקל קומען צום שכל אויב נישט וועל איך אים געבן איבערן שיידל אַז דער קאָפּ זיינער וועט פאַרזינקען ווערן אין בויך. ס'דאכט זיך אים אוים אַז ער האָט נישט וואָס צו טון ווינטער, איך וועל פאַר אים שוין געפונען אַרבעט, איך וועל דיר ווייזן דו פאַרעך דו, וואָס לויפסט נאָך שמאָנצעס!

דער מעזינעק האָט נישט געוואָגט ער זאָל אַרויסזאָגן די ווערטער וואָס האָבן געזאָטן אין אים. ער וואָלט געוואָלט אויס־שרייען: „דו ביזט א מהומה נישט קיין מאַמע!"

ער האָט זיך אָבער פאַרדעקט דאָס מויל מיט דער דאָלאָניע.

זי האָט אים לאַנג אָנגעקוקט און בייזוויליק געשמייכלט. ס'האָט אווסגעוויזן אַז זי האָט אים פאַרשטאַנען.

דאָס איז פאַריבער. דער ווינטער איז אוועק, דערנאָך דער ליסאַס פּרילינג־שטראָם. די מאַלורענער זיינען אַרוים אַקערן. מיטרעא האָט אָנגעגריפן דעם אַקער־אייזן און האָט געשפּאַנט אָנגעבוינן אויף דער צעגראָבענער ערד אויף די שפּאָרן פונעם

פלוג. ער האָט געגלעט די אויגן פון די מידע פערד, און האָט גערעדט צו זיי. דערנאָך איז ער ארויסגעגאנגען מיט זיין פאָ־טער און מוטער גראָבן די ערד. אינדערהיים איז געבליבן א געדיינגענע אלטיטשקע אויף אלץ אכטונג צו געבן. ס'האָט גע־בלאָזן א ווארעם ווינטל, די זון האָט געשטראלט, די מוטער זיינע האָט אים מער נישט געזאָגט קיין שטעכווערטל. ס'האָט אויסגעוויזן אז זי האָט אים מער נישט אין זין. דאָס איז אויך פאריבער. אויף די פייערטעג פון די הייליקע אפאָסטאָלן פעטער און פאוועל, זיינען יאָרדאן און אגאפיע אליין געפאָרן אין שטאָט אריין מיטן וועגעלע זיי זאָלן קויפן פארשיידענע זאכן. מיטרעאן האָט אָנגעזאָגט די מאמע זיינע:

— דו זאָלסט זיך נישט אוועקרירן פון דער שטוב. זאָלסט אויף אלעמען אכטונג געבן, זאָלסט הערן וואָס איך זאָג. כדי איך זאָל דיך נישט שעלטן.

— ווען א מאמע שעלט, לאָזט זיך אויס אש און פאָרעך

פריער מיט א טאָג האָט גערעגנט און די ליסא האָט גע־בראכט טריבע כוואליעס. ס'האָט גערעגנט א גאנצע נאכט. אין דער פרי האָט זיך אויסגעלייטערט אויף עטלעכע שעה, די דאָרפס־לייט זיינען געגאנגען אין שטאָט אריין. די וואָלקנס האָבן זיך אויפסניי צעבייזערט און א גאנצן נאָכמיטאָג האָט געגאָסן וואסער פונעם הימל. מיטרעא איז געשטאנען איינזאם, באטראכטנדיק דעם פון דרום־זייט גרויען שיין. מענטשן זיינען געגאנגען אויפן וועג מיט זעק אויף די קעפ, און האָבן גע־רעדט צווישן זיך אז דאָס וואסער וואקסט. „ס'זאָל נאָר נישט מיטרייסן די בריק, ווייל דאָס וואָלט אונדז אָפּגעטיילט פונעם פארזיי, האָט זיך איינער אָנגערופן".

נאָכמיטאָג איז געשען א שרעקלעכער אומגליק, אויף דער בריק זיינען אייליק דורכגעפאָרן עטלעכע וועגן וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון דער שטאָט. אויף דעם פוס־געשטעל פון דער בריק האָבן זיך געוואָרפן די כוואליעס אויסגעמישט מיט די קלעצער וואָס זיינען פארכאפט געוואָרן פונעם שטראָם.

די וואקלנדיקע בריק, האָט אויסגעוויזן ווי עס קראכט אין איר די גלידער. די דאָרפס־לייט פון די דריי קרייץ־וועגן האָבן געשמיסן די פערד זיי זאָלן וואָס געשווינדער אָנקומען צום

ברעג פונעם דאָרף. זיי זיינען דורך, ס'זיינען געבליבן נאָר יאָרדאַן און אַגאַפּיע.

— יאָג גיכער, האָט שוידערלעך אויסגעשריגן די פּויערטע.

יאָרדאַן האָט געשמיסן די ברוינע פערד. ווען זיי האָבן זיך אָנגעשטרענגט שנעלער צו לויפן, האָט זיך דאָס געהילץ־ווערק צעפּאָלן ווי אַ שפּילעכל. ס'האָבן זיך אויסגעמישט קלעצער מיט מענטשן, פערד מיט וועגעלעך. די פּויערים פון די דורכ־געגאַנגענע וועגעלעך האָבן אַרויסגעלאָזט אַ שרעקלעך געשריי. זיינען אַראָפּגעשפּרונגען פון די וועגאַלעך און זיך געקערט צו דער ריפּע. ס'זיינען צוגעשפּרונגען ווי אין אַ שטורעם אויך אַנדערע גאַספּאַדאַרן; איינער האָט געטראָגן אַ שטאַנג מיט וועלכע ער האָט געהאַלטן אין איין שטויסן גלאַט אין הימל אַריין.

מ'האָט זיי אַרויסגענומען, יאָרדאַנס קאָפּ איז געווען פאַר־בלוטיקט און צעפּלעטשט. מ'האָט אים אַנידערגעלייגט אויפן ברעג און לעבן אים דאָס ווייב. אַגאַפּיע, האָט געהאַט צעבראָ־כענע פיס, און האָט קוים געאָטעמט.

זי האָט געעפנט די אויגן און האָט אויף אַמאָל דערזען מיטרעאַן לעבן זיך. דעם יונגעלס אויפגעריסענע אויגן זיי־נען געווען פול מיט פּחד, ער האָט געציטערט און געקלאַפּט מיט די ציין.

ס'האָט אויסגעוויזן אַז אַגאַפּיע וויל אים עפּעס איינרוימען; ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר, און די טרערן האָבן אים באַגאָסן.

זיין מוטער האָט אַריינגעלייגט איר לינקע האַנט אין בוזעם און האָט אַרויסגענומען אַ שטיקל לעקעך אויסגעפּאָרעמט ווי אַ האַרץ. ס'איז געווען באַשריבן מיט רויטן צוקער. יענץ האַרץ פון ווייץ און האָניק איז ווייך געוואָרן און האָט אויס־געוויזן ווי פאַרבלוטיקט. דאָס האָט געדויערט אַ רגע. זי איז דעמלט געשטאָרבן און איז געבליבן מיט אַ פּנים וואָס איז פאַרשטאַרצט פון אַ קראַמף ווי פון ציין קריצעניש, דערלעבן, האָט יאָרדאַן געקוקט מיט אייז־שוואַרצע אויגן צו דעם אומברחמנותדיקן הימל.

II

גיצע דער מילנער איז נישט אסאך עלטער געווען ווי דרייסיק יאָר, ער האָט אָבער אויסגעוויזן אסאך עלטער, „פון זאָרגן און פון צרות" ווי ער פלעג זיך באקלאָגן.

א קורצער און א דערטראָנקענער אין שמאלץ. די באָרד איז אים נישט געוואקסן, מיט ברעמען וואָס זיינען ארומגע־רינגעלט מיט רויטן. די נאָז איז אים צו פרי רויט געוואָרן פונעם פלוימען־בראָנפן. ס'איז אים געפעלן די משקה; ער פלעג טרינקן מיט א מאָס: א פערטל ליטער יעדן אינדערפרי. „אינעם פאָרעך פון דער מיל — פלעג ער זאָגן — איז נישט מעגלעך אָן א קאפעלע בענזין. איך הוסט אויך גלייך מיטן מאָטאָר".

סטאנקא, זיין ווייב, איז געווען גרעסער פון אים, א ריינע מיט זומער־שפּראָצן. האָט ער געזאָגט א וואָרט האָט זי אים בייגעקומען מיט צען. ביי דער לויה פון די עלטערן, האָט זי שוין קרים געקוקט אויף איר שוואָגער מיטרעא; דערנאָך האָט זי זיך אומגעקערט צו גיצען: זי האָט אים מיטן פּיסק גע־קלאפּט אין די אויערן. זי האָט געהאט סדרעלע־אויגן, ווי א פּיש. זעענדיק זי פונעם אָנהויב אָן א פּיינטלעכע, האָט זי מיטרעא אין זיך געשאָלטן.

אינעם עלטערן־הויז האָט מען געדעקט א טיש, די גאָס־

פֿאַדאַרעס וואָס זיינען געזעסן אין שכנות האָבן געגעסן און געטרינקען, מיטרעא האָט געפֿונען פֿלאַץ ערשט צום סוף ווען ער האָט אויף גיך עפּעס געגומען און איז אוועק אין א זייט ער זאָל קייען אין דער שטיל. סטאַנקא האָט אים באַלד גע־כּראַפּן מיט אירע ווייסלעכע אויגן און האָט פֿאַרקרומט די נאָז.

„מיט דער דאָזיקער וועט מיר דאָס לעבן זיין נאָך שווע־רער" האָט דער בחור געקלערט.

דער גלח האָט געמאַכט דאָס געבעט, דערנאָך גערעדט וועגן גיהנם און וועגן גן־עדן. ווער ס'איז גוט אויף דער וועלט, וועט אים זיין גוט אויף יענער וועלט. דער וואָס איז שלעכט אויף דער וועלט איז פֿאַרמשפּט אין גיהנם אריין, די רוחות זאָלן מיט אים אַרבעטן שטענדיק און אייביק. נאָר מיט מתנות און געזאַנג קען מען רירן גאָטס גענאָד. דער בעל־עבֿרה זאָל זיך מתודה זיין, דער אומצופֿרידענער זאָל זיך באַרויקן.

„מיט געלט קויפֿט מען זיך אויך פּלעצער אין גן־עדן" האָט מיטרעא אין זיך געלאַכט.

— האָסט געזען ווי דער בעל־עבֿרהניק מאַכט חוזק? האָט סטאַנקא געזאָגט דראָענדיק מיטן קאָפּ דעם מילנער. דער גלח רעדט פֿון הייליקע זאַכן און דער שטן ריזעט דעם ביין, בייסט פֿונעם קוכן און לאַכט. דו וועסט גיין, דו שוואָגער מיטרעא, צום רוח.

— פֿאַרקערט, כ'וועל מיר קויפֿן א רייזע־בילעט וועגן גן־עדן.

— מיט וואָס?

— אַזוי איז עס. נאָר די רייכע וועלן אהין פֿליען מיטן אייראָפּלאַן. אַז ס'איז נישט מעגלעך, וועל איך גיין וואוהין דו זאָגסט. דאָרטן האָב איך געהערט זיינען פֿאַראַן סעודות און פֿידלער יעדע וואָך.

די שוועגערן האָט געגעבן א פּליעסקע מיט די הענט.

— האָסט געהערט, גיצע, וואָס ער זאָגט?

— כ'האָב אים געהערט. וואָס ווייסט ער פֿון אַזעלכע זאַכן?

ער האָט זיך מיטאמאָל אָפּגעריסן און האָט געגעבן א קלאַפּ מיטן פּוס:

— דו ווייסט, אָדער דו ווייסט נישט?

כ'ווייס נישט, ברידער, ווייל כ'בין דאָרט נישט געווען. איר זענט דאָרט געווען און איר ווייסט.

— מיר זיינען אויך נישט געווען, חכם וואָס דו ביסט!

— אויב אזוי פון וואנען ווייסט איר פונעם גן־עדן?

— מיט אים איז נישט מעגלעך צו ריידן, גיצע, האָט סטאנקא אויסגעשריגן, דו זאָגסט איינס, ער זאָגט קיינס. דו ווייזט אים ווייס, ער זאָגט אז ס'איז שווארץ.

— זאָג איך גרוי, זאָגסטו בלוי, האָט מיטרעא געמורמעלט.

— אזוי רעדסטו מיט מיר, דו יונגאנטש דו?

— כ'בין טרויעריק, ווייל כ'בין געבליבן אליין אויף דער וועלט.

אזוי ענטפערסט דו מיר, קינד וואָס דו ביסט, און דו ווילסט כ'זאָל דיך באוואשן, כ'זאָל דיך אָנטון און כ'זאָל דיך דערנערן? כ'האָב געגוג מיינע, דו פעלסט מיר נישט אויס, כ'האָב מיידלעך אין דיין אלטער; כ'קען דיך נישט האלטן לעבן זיי. איך האָב מיין קלענערע שוועסטער. מיר זיינען אסאך און דער טיש איז ענג.

מיטרעא האָט געזיפצט.

— זע נאָר וואָס ס'איז, האָט דער מילנער געזאָגט רייבנדיק זיך די נאָז. ס'איז מיר א רחמנות אויף דיר. ווייל דו ביסט מיר אַן אייגענער ברודער. דו, ווייב, זאָלסט שווייגן און זאָלסט הערן מיין באשלוס.

— אויב דיין באשלוס איז א גוטער, וועל איך אים אויסהערן, גיצע, אלא נישט, וועל איך נישט הערן.

— דו זאָלסט יאָ הערן!

דער מילנער האָט געגעבן א קלאַפּ מיטן פּוס.

— גוט, גיצע, דו ווייסט אז איך גיי נישט ארויס פון דיינע רייד; זאָלסט עס נאָר אזוי מאכן ווי ס'געפעלט מיר.

— כ'וועל טון אזוי ווי ס'איז ריכטיק און דו זאָלסט שווייגן.

— כ'שווייג. ווען דער מאן רעדט, דארף דאָס ווייב מורא

האָבן פאר אים. זיי וויסן, גיצע, אז כ'האָב דיר נישט אלץ גע־זאָגט וואָס כ'האָב דיר צו זאָגן וועגן דעם ענין וואָס מיר גרייטן צו. מיר זיינען, אזוי צונויף געשטופּט אין דעם שטיבל לעבן דער מיל. מיר דארפן ס'זאָל זיין גראָמער. מיר קענען שוין דאָרט נישט לעבן; מיר וועלן זיך איבערציען אין די עלטערנ'ס הויז. דאָ האָבן מיר גוטע שטאַלן וועגן די בהמות. א גאָרטן מיטביימער. ס'האָט זיך נעבעך באַקלאָגט די שוויגער מיינע אגאַפּיע, אז דער הולטיי גנבעט אלע קארשן און אלע פלוימען.

— ידו שווייגסט צו ניין? האָט זיך אויפגערעגט דער מיל־נער וואָס איז געווען אונטערן גלעזל, וועגן דעם ענין פאר־שטייסטו מיך האָב איך אליין געטראַכט אָן כ'זאָל פרעגן ביי דיר עצות. הייסט עס אז מיר וועלן זיך אהער איבערציען דאָס איז דער באשלוס. צו דער מיל קענען מיר אים נישט נע־מען, ווייל מיר זיינען צופיל. דאָ קענען מיר אים נישט לאָזן, ווייל מיר ציען זיך איבער אהער. מיר וועלן זען פארשטייסטו מיך, וואָס מיר האָבן צו טון.

מיטרעא האָט זיי דורכגעגומען מיט זיינע שווארצע בליקן. ער האָט אנטשלאָסן געזאָגט:

— איך האָב אויך מיין טייל פון די עלטערנס פּאָגאָנעם.

— כא־כא! האָט זיך דער מילנער צעלאַכט; דיין חלק איז טאקע א חלק, וואָס קאָנסטו אָבער דערמיט טון? האָסט אפילו נישט קיין מכשירים עס צו באארבעטן, ביסט נישט פּוליעריק. דיין טייל וועל איך דיר געבן נאָכדעם ווי דו וועסט מאכן מי־ליטער. ביז דעמלט, הייסט עס, וועל איך דיין חלק באארבעטן.

— די פּאָגאָנעס וואָס געהערן מיר, ברענגען פּירות; אזוי אז מיר קומט אויך א חלק.

— כ'זע אז דו קענסט רעכענען.

— כ'וויים נישט. פון דעם וואָס ס'קומט מיר וואָלט איך געקענט לערנען. סטאנקא איז ארוים פון די כלים.

— דער דאָזיקער יונגאטש וויל אונדז אריינפירן אין גרויסע הוצאות.

— כאפּ נישט, כאפּ נישט; שוויג, און לאָז מיך, איך זאָל ריידן.

ער האָט זיך געווענדט צום בחור ;

— דו, לאַ־יצלח ! דיין טאַטע איז אויך נישט געווען קיין למדן, ער האָט מיך אויך נישט געשיקט אין שול אריין. פון דעסטוועגן איז ער געווען א לייטישער מענטש, איך בין אויך, דו פארשטייסט ? פון וואנען זאָל מען נעמען אויף עסען, טרינקען, אָנטועכץ, ביכער און אסאך אנדערע זאכן וואָס מ׳דארף האָבן וועגן דער שול ?

— וואָסזשע וועט ארויס פון מיר ? א בעטלער וואָס שטייט אויף די וועגן ?

— דו, מעזינעק, דו זאָלסט נישט גלאָצן מיט דיינע פייג־ טלעכע אויגן, ווי מיין מאמע פלעגט נעבעך זאָגן אז דו האָסט אזא טבע. דו זאָלסט מיך פאָלגן, ווייל איך בין דיין גרעסערער ברודער און דיין בעל-הבית. איך וועל צו טראַכטן און וועל זען.

דער מעזינעק האָט געשוויגן. ס׳האָבן אים אָנגעהויבן רינען טרערן. זיי האָבן זיך געגאָסן ווי דיניטשקע טייכעלעך און טראָפּענווייז אראָפּגעקאַפּעט אויפן רעקל.

ער האָט זיך אָבער מיטאמאָל אויסגעדרייט צו דער וואנט ; און האָט איינגעשלונגען דאָס געוויין. ער האָט זיך אומגעקערט מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— ס׳איז מיר א רחמנות אויף דיר, אָרעם קינד ! האָט געזיפצט די פרוי.

ער האָט געקריצט מיט די ציין :

— מיין ברודער ברענגט מיך דערצו איך זאָל ווערן א גזלן אויף די ברייטע שליאכן !

— געוואלד ! געוואלד ! האָט דער מילנער געשריגן און האָט זיך געגעבן א לאָז צו אים. ווארט נאָר ס׳וועט זיך דיר שוין אלץ אָפּגליסטן.

ער האָט זיך געריסן די האָר פון די שלייפן, מיט גרויזאמע און אויסגעגלאָצטע אויגן.

דאָס בחורל איז פלינק אריבערגעשפרינגען די שוועל און האָט געגעבן א טראסק מיט דער טיר אויף דער קליאמקע גיצע האָט זיך אָן איר אָנגעקלאפּט ווי א באראן.

— דער רוח זאָל דיך נעמען דו געמיינער יונג וואָס דו

ביסט! כ'וועל דיך צעמערשטן אויף הונדערטער און טויזנטער שטיקלעך. איך וועל דיך צוזאמען נעמען מיט דער גרעבליע.

ער האָט אויפגעריסן די טיר און האָט מיט איר א שליי-דער געטון צו דער וואנט. ער איז געגאנגען מיט אן איינגע־בויגענעם און אראָפּגעלאָזטן קאָפּ פאָרויס. ער איז שווער גע-לאָפן און מיט דער לינקער האנט האָט ער זיך געריבן די בייל וואָס איז אים אויסגעוואקסן פון דעם קלאַפּ. מיט דער רעכטער האנט האָט ער געכאפּט א שטעקן וואָס איז געשטאנען אין ווינקל פונעם פּאָרצימערל. ס'איז שוין קיינער נישט געווען פאר אים מ'זאָל אים קענען אָפּהאלטן, דער עולם איז זיך צוגאנגען.

אינדרויסן איז מיטרעא געשטאנען לעבן דעם שאָפּראָן, פאר די פערד. מיט א לאנגן היי־גאָפּל מיט אייזערנע ציין האָט ער פאר זיי אנידערגעלייגט דאָס פריש אָפּגעשניטענע גראָז. ווען גיצע איז דערשינען ווי א צעמישטער, האָט ער אויפגעהערט צו ארבעטן, מיט דעם היי־גאָפּל אין דער לופטן און האָט אים גלייך אָנגעקוקט מיט א איבערגעמאכטע פארוואונדערונג.

דער מילנער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאָרקענדיק ווי א גע־צוימטע פערד. ער האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז פיס, און דערנאָך פון די פיס ביז צום קאָפּ און אויך דעם גלאנץ פו־נעם היי־גאָפּל. אָן א שום ספק איז דער בחור געווען שטארקער פון אים א פול ברוסטיקער און א ברייט־ביייניקער.

— לאָמיר אָפּלאָזן, מעזינעקל, די חכמות און די נאריש־קייטן... האָט ער געפּאָנפּעט מיט א געביטן קול. דערנאָך האָט ער אויסגעשטשורעט זיינע שווארצע ציין.

ס'האָט זיך געגעבן א לאָז נאָך אים אויך סטאנקא מיט א צעפּאָלאָשעטן קאָפּ און האָט אָנגעכאפּט דעם שטעקן.

— גיצע, גיצע, האָט זי געיאָמערט; לאָז דאָס קינד צו רו; זיי אים מוחל!

— כ'לאָז אים אָפּ... האָט בעלעבעטשעט דער מילנער; ער זאָל מיך אָבער מער נישט ערגערן. מיין הארץ און מיין לעבער זיינען קראנק. טאָמער רעגט מיך עמעצער אויף ווערט מיר פארסמט דאָס בלוט.

— ביז דו וועסט אָרדנונג מאכן, האָט אים דאָס ווייב גע־בעטן, וועט מיטרעא דאָ בלייבן אָפּהיטן די בהמות און די

עופות. איך וועל אים שיקן פון אונדזער מיל עסן און ער וועט זיין צופרידן. נישט אזוי מיטרעא ?

מיטרעא האט געשוויגן קוקנדיק אויף זיי אַן ער זאָל זיך טון א ריר. דעמלט האט זי אויך פארשטאנען די סכנה. זי האט געשעפטשעט:

— וואס טוסטו, גיצע ?

כ'וועל זען, האט דער מילנער געשטאמלט. כ'גיב אים שטיוול און קליידער. כ'גיי ריידן מיטן הער קריסטעא ער זאל אים געבן א שטעלע אין הויף.

דער בחור האט מסכים געווען צושאקלענדיק מיטן קאפ גיצע האט הייזעריק געלאכט:

— ס'איז גוט אזוי ?

— ס'איז גוט.

נאכדעם וואס זיי זיינען אוועקגעגאנגען, און זיינען געווען אליין אויפן וועג, האט דער מילנער געזאגט צום ווייב:

— מיר ווערן פטור פון אים. דארטן אין הויף וועט ער האבן צו טון מיט יענעם אלטן רוח. דער פריץ קריסטעא וועט אים שיסן.

— כ'האב מורא געהאט, האט סטאנקא געיאמערט.

— וואס פארא מורא ? איצט האב איך געזען וויאזוי מ'דארף אים נעמען. ער איז פונקט אזא נאר ווי דער טאטע, ער איז אבער אזוי גרויזאם ווי די מאמע. איצט ווייס איך וויאזוי אים צו ברענגען וואו איך וויל. איך וועל אים ארייננארן, אז איך קלייד אים אוים. מיר וועלן מאכן קאנטראקט אויף פינף יאר מיטן פריץ. נאכדעם וואס ער וועט זיך דא מוטשען פינף יאר, פארשטייסטו מיך, וועט מען אים טרייבן מיט דער בייטש און מיליטער אריין. און דערנאך. האט זיך געענדיקט.

סטאנקא האט געמורמעלט און זיך געצלמט:

— גיב גאט מיר זאלן פטור ווערן פון אים. לייז אונדז אוים, הייליקע מוטער פון דעם רשע.

III

דער האדזשיוער־הויף, איז געשטאַנען פיר קילאָמעטער ווייט פון מאַלו־סורפּאַט צווישן שיטערע אַלטע אַקאַציע־ביימער, אויף אַ צעשפּרייט בערגל, אין שכנות פון דער וויסטע דראַפּי, ווייל דאָרטן האָט זיך קיין שום אָרטיקער מענטש נישט געקענט אויפהאַלטן. נאָר די בהמות פלעגן זיך פאַרבלאָנדזשען אויף דעם רעכטן פלאַך אויסמישנדיק זייער געוואָי מיט די קולות פונעם ווינט. און אויף די הייכן האָבן זיך געדרייט די אָדלער, זוכנדיק אַ פאַרפוילט אָוונט־ברויט אַרום די טשערעדעס פון ווייסע שאָף און רינדער. ס׳האָבן זיך נישט געפונען אויף דעם פלאַץ ווי נאָר דריי טיפע ברונעמס מיט גלייך־געוויכט בעליקעס, געצויגן ווייט איינע פון דער אַנדערער, און אַ קוואַל וואָס איז געווען מער אַ זומפּ אין אַ הייל. נאָכן 15־טן דעצעמבער האָט זיך דער ווינטער, די האַרין פון שטורעם געמיטלעך שפּאַצירט. דער פרילינג האָט זיך מיט זיינע פריצייטיקע שווידערנישן באַוויזן און ס׳זיינען אין אים גיך פאַרוויאַנעט געוואָרן די בלומען. אינמיטן זומער האָט אונטער אַ ווייסלעכן הימל די אומברחמנותדיקע היץ געדריקט. צווישן די ווייץ־פעלדער האָט זיך ווען און ווען באַוויזן רייטנדיק, גלייך ווי פון אונטער דער ערד, אַן אויפזעער, אויף זייטיקע ערטער האָבן זיך שעמעוודיק געדרייט ביסיקעס. פון מזרח זייט האָט זיך באַוויזן אַ לופט־געשפּענסט.

פונעם הויכן טורם, האָט דער אַלטער מאַוורשמאַטי געהאַט די טבע צו קוקן מיטן שפּאַקטיוו אויף זיין רייכטום. איבער־הויפּט אין דער צייט פון אַקערן און שניידן. צומאָל איז אים נישט געפעלן וואָס ער האָט געזען, און דעמלט האָט ער אויפ־געציטערט גלייך ווי אַ בין האָט אים געלאָזט די גיפט; ער פלעג אַפלאָזן דעם שפּאַקטיוו און שרייען:

— כ׳גיי צו זיי! כ׳וועל די ליידאַקעס ווייזן וויאַזוי מ׳אַר־בעט פריצישע ערד. כ׳האָב זיי געגעבן געלט זיי זאָלן שניידן די תבואה, נישט כדי זיי זאָלן זוכן פיש אין אַדינקאַטאַ. איך גיי זיי שיסן.

ער איז נישט געגאַנגען, ווייל ער האָט זיך נישט געקאָנט רירן פון דאָנען ביז אַהין.

אַלץ אַזוי פלעג ער זיך אַנברוגזן אויף די זין, ווייל זיי פאַרשווענדן דאָס געלד אין אויסלאַנד. זיי האָט ער אויך גע־דראָט מיט דער ביקס, ווען ער פלעג אָן אויפהער באַקומען בריוו וועגן געלט און נאָכאַמאָל געלט. ער האָט עטלעכע מאָל געשאָסן אויף די פרעסערס אָן ער זאָל טרעפן, און זיי, האָבן זיך שוין מער נישט אומגעקערט פון דאָרט.

קריסטעא דער איצטיקער בעל־הבית, האָט געקויפט די פּאָ־סעסיע פונעם אַלטנס יורשים. ער האָט זי אפילו נישט געזען. ער האָט געמאַכט דעם קויף־פאַרקויפס אַקט דורך זייער פאַר־שטייער און האָט זיי געשיקט דאָס געלט קיין פּאַריז — דורך אַ באַנק. פון יענע פריצישע יורשים האָט מען שוין מער נישט געהערט. זיי האָבן געלעבט ביז זיי האָבן געענדיקט דאָס שמאַלץ פון דער דראָפּישער ערד, אויסגעמישט מיט טרערן און בלוט פון די האָרעפּאַשניקעס.

מיט אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אין האַדזשיו האָט זיך קריסטעא באַנוצט. מיטן הויז־טורם, מיטן שפּאַקטיוו. ער האָט אָבער נישט געשפּאַסט ווען ער האָט געדראָט אַז ער שיסט מיט דער ביקס. ער האָט זי טאַקע אָנגעלאָדן מיט שראָט אָדער מיט קליינע שטיקלעך זאַלץ. ער איז געווען שטרענג און נישט קיין פאַרשלאָפענער. ער פלעג אַרומפאָרן אויף דער פּאָ־סעסיע אויף אַן איינשפּענער, ס׳האָט אים שנעל געשלעפּט אַ שוואַרץ פערד: ער פלעג האָבן מיט זיך די ביקס. פון דער־

וויטענס נאָך פלעג ער שרייען מיט אַ מוראדיקער שטים און דראָען הויבנדיק אין דער לופטן די האנט ווי אַ פיסטאָן. ער איז געווען מיאוס און אלט, ער האָט געהאַט אַ פּנים פון אַן אָנגעבלאָזענעם טומטום. מחמת ער האָט געהאַט אינמיטן פּנים אַ מאָדנע פאַרמירטע בולבע, האָבן די מענטשן פון מאלוסורפאט אים אַ נאָמען געגעבן קריסטעא דער דריינאָזיקער. אנדערש האָט מען אים נישט גערופן; זיי האבן פארגעסן זיין פאמיליע־נאָמען. אַ גליק וואָס ער האָט זיך קוים גערירט און באלד אָנגעהויבן סאפען; אזוי ארום האָבן אסאך מאָל די מענטשן געקענט זיך ראטעווען פון זיין גרימ־צאָרן. ער פלעג זיי נאָכקוקן ווי זיי גייען, האָט זיי געשאָלטן און האָט זיי אָפּגעלאָזט, ווייסנדיק אז ס׳איז פאראן אַ מעגלעכקייט ער זאָל זיי ברענגען צי זיך, אָדער זיי צו דערגרייכן. ער האָט זיי געטראָפן מיט דער הילף פונעם פּרימאַר און זשאנדאר. אָדער זיי זיינען אליין געקומען צו אים געשטויסן פון אָרעמקייט און נויט.

צו קריסטעא דעם דריינאָזיקן, האָט גיצע דער מילנער געפירט זיין קלענערן ברודער.

ער האָט אים געפונען אין הויז־טורעם, מיט די אָפענע פענצטער, אכטונג געבנדיק מיטן שפאקטיוו אויף זיינע פארמעגנס.

— ווארט צו אַ ביסל, האָט ער זיי באפוילן, כ׳זע עפּעס וואָס ס׳געפעלט מיר נישט. דער נייער קוטשער האָט געשלאָגן דאָס פערד. כ׳וועל אים די קישקע דורכן מויל ארויסנעמען.

זיי זיינען געשטאנען און האָבן געהערט ווי ער ברומט. מיטרעא האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט זיין שארף אויג.

ער האָט זיך געוואונדערט. דער דריינאָזיקער סאמעוועט זיך מיטן מילנער. גלייך ווי זיי וואָלטן געווען ברידער. נאָר דער פּאָסעסער איז געווען הויך און גראָב, און דער מילנער האָט אים געגרייכט ביז צום אקסל. דער דריינאָזיקער האָט אויסגעוויזן ווי אַ עלטערער ברודער; און גיצע זיין קלענערער ברודער,

— וואָס ווילסטו לונגו? האָט מיטאמאָל געפרעגט דער בעל־הבית פונעם גוט.

כ'האָב געבראַכט דאָס מעזיניקל, פּריץ לעב, אַזוי ווי איך האָב אייך מודיע געווען.

— יאָ, דער אַדמיניסטראַטאָר האָט מיט מיר דערפון גע־רעדט. די אַלטע זיינען געשטאָרבן. דו קענסט זיך נישט מיט אים באַנוצן?

— ניין, פּריץ לעב, כ'האָב גענוג אויף מיין קאָפּ. כ'האָב מיר געקלערט כ'זאָל אים אהער ברענגען לערנען, ס'זאָל פון אים אַרויס אַ געניטער ערד־אַרבעטער, אַ בעסערער פון מיר. זייט אַזוי גוט און נעמט אים צו אויף 5 יאָר, ביז ס'וועט קומען די צייט פון מיליטער־דינסט. נאָכדעם וועלן מיר זען. ער וועט זיך אפשר איינאָרדענען אין זיין הויז.

דער דריינאָזיקער האָט געטון אַ צווייפלענדיקן שאָקל מיטן קאָפּ, און האָט געוואָרפן אַ לאַנגן קוק אויפן בחור.

— דאָס יינגל ווייזט אויס צו זיין אַ וויל בחורל, האָט ער דערנאָך געזאָגט. — אויב ער איז אויך געהאָרכזאַם, וואָלט מען פון אים געקענט מאַכן אַ לייט. איך האָב אָבער משרתים גענוג.

— מיר פערלאַנגען נישט קיין סאַך פּריץ לעב.

— כ'ווייס. דערפון איז גאָרנישט קיין רייד. דער לוין איז לויט דעם פליים. ערשט שפּעטער קען מען זען וויפל ער איז ווערט. דאָס ערשטע יאָר וואָלט אים געווען גענוג עסן און קליידן. פאַר קינדער איז ביי מיר אַזוי דער סדר: נאָר אַזוי ווי כ'האָב דיר שוין געזאָגט, ער פעלט מיר נישט אויס. כ'האָב מער מענטשן וויפל כ'באַדאַרף.

דער מילנער האָט זיך אַ פאַרצרהטער אַ קראַץ געטון דעם קאַרק. מיטרעא האָט זיך געפרייט. דער פּאָסעסאָר האָט אויפס־ניי גענומען דעם שפּאַקטיוו, ריכטנדיק אים צו די שטאַלן. ער האָט אים באַלד אוועקגעלייגט און האָט גיצען באַפוילן:

— ווען וועסט אַראָפּגיין, גיב הינטען אַ באַפעל, מ'זאָל מיר אהער שיקן טשיאָרנעאַן. דעם קוטשער טשיאָרנעאַן.

— כ'האָב פאַרשטאַנען פּריץ לעב, האָט גיך הכנעהדיק גע־ענטפערט דער מילנער.

ער האָט געזיפצט און האָט ווידער אַמאָל געלייגט די האַנט אויפן קאַרק.

— פריץ לעב, כ׳וואָלט אייך געבעטן איר זאָלט אונדז נישט פארלאָזן.

— וואָס זאָל איך זאָגן, לונגו, האָט געענטפערט דער דריי־נאָזיקער. כ׳האָב דיר שוין געזאָגט אז דארפן, דארף איך נישט, אפשר נאָר דיר צוליב, ווייל איך וויים אז דו ביסט א היימי־שער מענטש.

דעם מילנערס פנים איז אויפגעלעבט געוואָרן. מיטרעא האָט אראָפּגעקוקט.

— מיר וועלן אייך זיין דאנקבאר... האָט געענטפערט גיצע פארנויגנדיק זיך. מיר קושן אייך די רעכטע, איך און דער מעזינעק.

— גוט! גוט!

דער פריץ האָט געשמייכלט.

„זיי האָבן זיך איינפארשטאנען" האָט אין זיך געקלערט דאָס יינגל. „מילא זאָל זיין אזוי אויך, כ׳וועל נישט שטארבן"

מיטרעא איז טאקע געבליבן פון יענעם טאָג אָן אין האָד־זשיווער הויף. גיצע האָט זיך אומגעקערט קיין מאלו־סורפּאט.

ס׳איז גוט צו זיין א קנעכט ביי די שינדערס. האָט מיטרעא נאָכדעם זיך געטראכט. לערנסט דיך אויס צו שטיין מיט אָן איינגעבויגענעם רוקן, ארבעטסט גלייך מיט די בהמות: מ׳וועקט דיך אויף איידער די זון גייט אויף. אויב איך אייל מיך נישט גענוג צו, איז מיך מכבד דער אויפזעער מיט דער שפּיץ פון דער בייטש. אינדערפרי איז נישטאָ קיין צייט צו ריזען א אויסגעטריקנט שטיקל ברויט. דערפאר אָבער צו מיטאָג, האָט די פאסאָליע־זופּ ווייניק באָבעלעך. די אוגערקע איז ווייך און די מאמעליגע איז פון אָנגעצינדן מעל. — איך האָב געוואגט צו זאָגן אז ס׳איז ביטער.

— ס׳געפעלט דיר נישט? האָבן זיי מיך געפרעגט און גע־לאכט.

— ס׳געפעלט מיר יאָ. ס׳איז בעסער פונעם פריצס זעמל.

— דער שינדער זאָל דיך נאָר נישט הערן, ענטפערן זיי, ווייל, טאָמער הערט ער דיך, נעמט ער פון דיין פלייצע אראָפּ א פאס הויט, און מאכט פון איר א רימען זיך אונטערצוגארט־לען.

און אנדערער פרעגט מיך:

— דו לאָשעקל דו, וואָלסט מסתּם געוואָלט וויין?

— פארקערט, זאָג איך, כ'האָב וואַסער פונעם טייך און צו־מאָל א ציבעלע: ס'איז מיר גענוג.

— דו, א רוחישער יונגאַטש ביסטו.

— אמת, דעם רוח געהער איך טאַקע.

פון מיינע רייד האָבן געלאַכט אַלע דינער.

— דו מיטרעא, ס'זאָל דיך נישט הערן דער אויפזעער גיצע. ער וועט דיך פארמסרן פארן שינדער.

— ווײ, טאַקע א גרויסער אומגליק און אז ער פארמסרט מיך, פארליר איך מיין פאָסטן.

זיי האָבן ווידער געלאַכט.

ס'גייט מיר נישט אזוי אינעם „פאָסטן, ווי אינעם שלאָגן.

אין דער אמתן, האָט מיטרעא געטראַכט, נעמענדיק אין אכט וויפל ער האָט צוגעזען, — דער אינדערפרידיקער צוויק פון דער בייטש איז נישט מער געווען ווי א מילדער גלעט אין פארגלייך מיט דעם דריינאָזיקנס שרעקלעכע שלעק.

ער איז געשטאַנען דערביי ווען טשיאָרנעא האָט אריינגע־כאַפּט. יענער איז געווען א דין און לונגענזיכטיק ציגיינערל. דער דריינאָזיקער האָט אים דערלאַנגט א פאַטש האָט ער זיך געגעבן א קאַטשע אויף דער לינקער זייט, באַלד האָט ער אים געגעבן א פליאַסקע פון דער רעכטער זייט מיט דער אנדערער לאַפּע. און ווען ער האָט אים א טשמעלע געטון מיטן פויסט אינעם שטערן, איז ער געפאַלן אויף דער פלייצע. ער האָט אים געטרעטן מיט די פיס ביז וואַנען ער האָט געפילט אז ער גליטשט זיך אין בלוט. דעמלט האָט עס אים אָנגעהויבן צו עקלען און ער האָט אים געלאָזט געמאַך. פאַר דעם איבערהויפּט האָט מורא מיטרעא. דערפאַר איז ער ווי א קוועקזילבער. ער איז פאַרזיכטיק אומעטום, ווי ס'זאָל נישט זיין, ביים אקערן ביים זייען. ביי דער דרעש מאַשין, אומעטום איז ער דער ערשטער. דער דריינאָזיקער האָט אים אויפן אויג פונדער־ווייטנס. צום ערשטן האָט ער אים דערזען דורכן שפּאַק־טיוו, דערנאָך קומט ער אראָפּ. מיטרעא האָט צו טון אינעם

שטאל. מיטרעא האָט נישט קיין צייט צו ריידן. ער דערוויי־טערט זיך. אויבן זעט מען הארבסט־וואָלקנס געטריבענע פונעם ווינט. ער דאַרף פאַרשטאָפּן דעם לאָך דורך וועלכן די קעלט גנבעט זיך אריין. ווינטער וועט זיין נאָך קעלטער, ער האָט רחמנות אויף די בהמות, זיי זאָלן נישט ליידן. און מער פון אַלעמען האָט ער רחמנות אויף זיך, ווייל ער שלאָפט דאָרט, מיט די אָקסן אויף א שטרוי־געלעגער. ער האָט זיך נישט מיט וואָס צו צודעקן. ווען ער וואָלט געהאט אַנטועכץ און א בונדע...

ער וועט דאָס באקומען, ווייל דאָ לעבט זיך ווי אין א קיניגרייך. ביז דעמלט אָבער, זיינען זיינע מלבושים נאָר שמאטעס.

ער האָט זיך באגעגנט מיט דער בעל־הביתטע. זי איז א יונג פריצעלע. זי איז דאָס דריטע ווייב ביי דעם דריינאָזיקן. זי דערזעט א בחור מיט אויגן ווי די שוואלבן. הויך, שיין גע־וואקסן. פארוואָס מיידט ער זי אוים? ער האָט זיך פארשעמט; ער פארדעקט זיך.

— וויאזוי הייסטו?

— מיטרעא.

— וואָס באהאלטסטו?

מיטרעאן איז דאָס האַרץ פארקילט געוואָרן ער האָט גע־ענטפערט מיט א ביטערער שנאה, פארשטייענדיק אָבער, אז ער קען וואגען. ס'האָט אים אָנגערעגט איר שמייכל.

— כ'באהאלט דאָס ווערקצייג. דאָס פארמאָג איך.

זי האָט אויפגעציטערט א דערשטוינטע. דערנאָך האָט זי געלאכט און האָט זיך נישט אָנגעברוגזט.

אזוי ארום האָט מיטרעא באקומען דעם אנדערן טאָג נייע קליידער און זי איז ווידער געקומען אים זען.

— וואָס זאָגסטו מיטרעא, ס'איז בעסער אזוי?

— אודאי.

— נאָר אזויפיל האָסטו צו זאָגן?

— וואָס זאָל איך זאָגן?

— זאָג, כ'קוש די האנט"

מיטרעא האָט אוועקגעקוקט אין א זייט, נאָך מער פאר־שעמט ווי נעכטן:

— כ׳קוש די האנט.

— אזוי, לערן דיך אוים זאָלסט נישט זיין אזוי אָפּ־שטויסנדיק. און ווען דו רעדסט זאָלסטו קוקן צו מיר.

זי איז אוועק. א בלאָנדע, מיט א גרויסן שטרוי־הוט באפוצט מיט א בלאָער באנד.

מ׳האָט גערעדט פארשיידענעס צווישן די הויף־מענטשן וועגן דער פרוי דידינא.

— ס׳קען זיין האָט זיך געטראכט מיטרעא, א פלאמיקער א אומרויקער.

שפעטער איז אים איבערגעגאנגען, ער האָט שוין מער נישט געקלערט צו דעם געשעעניש.

IV

אין א רעגנדיקן טאָג, נאָך אסאך אנדערע רעגנדיקע טעג; האָט מיטרעא קאָקאָר זיך געבעטן ביים אויפזעער ער זאָל אים דערלויבן צו גיין ביז צו זיין ברודער דער מילנער.

אויפן פעלד האָט מען נישט געקענט ארבעטן. די בהמות האָט מען נישט געקענט ארויסנעמען אויף דער פאשע. די דיר־נערשאפט האָט געזשומעט פארהייעט און פארשמייעט ארום דעם בעל־הבית ווי א פוילע מחנה.

דער אלטער אויפזעער, טריגלעא, האָט אים געעצהט:

— מעגסט גיין, מיטרעא, אויף א צוויי דריי שעה. גיב אכטונג זאָלסט נישט פארשפעטיקן, ווייל דעם שינדער קען נאָך אָנקומען דער חשק ער זאָל אונדז אלע צונויפרופן און מאכן דעם אפּעל. ס'פאלט אים צומאָל איין. ווער ס'פעלט, זעט שוין נישט קיין ברויט ביז וואנען די זון וועט אויסטרוקענען דאָס פעלד. דער דאָזיקער הויט־שינדער האָט אזא מין משוגעת. ווייל יענער האָט געפעלט, דערפאר גיסט זיך אזוי פיל וואסער פון די וואָלקנס.

מיטרעא האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ שמייכלנדיק בייז:

— ער ברוגזט זיך אָן אויף די רעגנס?

— וויאזוי זאָל אים דאָס נישט ארן? אז ס'גיסט ווי אצינד איז דאָס א ריין אומגליק.

— ער קען נאָך, האָט מיטרעא געלאַכט, שיסן מיט דער ביקס אין די הייליקע פון אויבן.

— ס'קען זיין, ווייל ער קומט נישט צו אָפּט אין קלויס־טער אריין. דו אָבער רייד נישט אזוי, יונגערמאַן, ער זאָל דיך נישט הערן.

— אפילו ווען ער הערט מיך ליבער טריגלעא, האָט ער נישט פארוואָס ברוגז צו ווערן. יענער, דער פון אויבן, וואָס ער גיט אונדז פוילע רעגנס, האָגלען און שטורמווינטן—זאָלסט אים נישט שיסן? און הונגער, קרענק, אומגערעכטיקייט... לאָזט די בייביקע זיי זאָלן בייקומען די שוואַכע...

— דו שד, דו, איז אויפגעבראַכט געוואָרן דער אויפזעער; לאָז שוין אָפּ און רייד נישט אלץ וואָס ס'פאַלט דיר איין אין קאָפּ, כ'וועל דיך מכבד זיין מיט דער שפּיץ פון דער בייטש. מ'קען נאָך מיינען אז דו ביסט א געלערנטער.

— פארקערט, כ'האָב געהאַט דאָס גליק וואָס דער ברודער האָט מיך נישט געשיקט לערנען. זיי נישט ברוגז ליבער טריגלעא כ'גיי און קום אין איין מינוט.

— נעם דיר א זאַק און מאַך דיר א גלאָגע, האָט אים גע־ראָטן דער אויפזעער, און זיין רויטע נאָז האָט געגלאַנצט אין דער ווייטער באָרד. כאַפּ דיך ארויף אויף דער קליאַטשע. זאָלסט איר דאָרט ביי דער מיל געבן א זשמענע קלייען.

— סיידן איך זאָל גנבענען, ווייל דער ברודער ווייסט נישט פון קיין רחמנות, נישט אויף א מענטש און נישט אויף א בהמה. ער איז דורך און דורך פול מיט גיפטיקער קאַרגשאַפט, אז ער גייט אַזש נישט אריין אין דער הויט. צו וואָס טויג אים אזוי פיל גאָלדענע רענדלעך? אז ער לעבט ווי א שלעפּער, ער איז אָרעמער פון אונדז.

— גיי שוין דו, האָט זיך אויף אים געבייזערט דער אַל־טער, — דו רעדסט גלייך ווי פון דער עוואַנגעליע ארויס. גלייך דו וואָלסט געווען א גלח.

מיט א גלאָגע פון א זאַק, רייטנדיק אויף א נידעריק פערדל, איז באַלד דער מעזינעק אָנגעקומען צו גיצע לונגום מיל. א זיבן אכט וועגעלעך זיינען געשטאַנען אונטערן שאָ־

פראָן. א צען מענטשן דרייען זיך אויפן רעגן אהין און אהער, מיט איבערגעקערטע קוטשמעס.

מיטרעא בינדט זיך צו דאָס פערדל אונטער א דעכל. שלעפט אים ביי די אויערן, גיט אים א פריינטלעכן פאטש אויפן האלדז און איילט זיך צו צוקומען צו דער טיר פון דער מיל. דער מאָטאָר האָט געקלאַפּט און געשפּיגן דורך א רייער צו די כמארעס צו. ווען ער האָט געזאָלט אריינגיין, דערשיינט אויף דער שוועל גיצעס בויך. דער מילנער האָט געגלאָצט מיט זיינע פארבלוטיקטע ברעמען:

— דו ביסט אויך געקומען? כ'זע מיר נישט ארויס דעם קאָפּ פאר צרות. זע נאָר וויבאַלד ס'ווארטן כ'זאָל זיי מאכן פּאָפּ־שויע־מעל.

מיטרעא איז שטיין געבליבן איז אויפגעבראכט געוואָרן און געקוקט אויף גיצען פון אויבן.

— אויב אזוי גיי איך כ'קום איבער א יאָר.

— האָ! שטיי, וואָס איז?

— ברודער, אויב דו נעמסט מיך נישט ארויס, ברודער, קום איך צוריק. כ'האָב געהאט אביסל צייט, ווייל ס'האָט גע־רעגנט און בין געקומען. אין דער צייט וואָס די מיל מאָלט צוויי זעקלעך מעל, וועלן מיר אָפּמאָלן צוויי ווערטער.

— גוט, גיי אריין.

— די שוועגערן סטאנקא איז אינדערהיים?

דער מילנער ציטערט אויף.

— וואָס איז? ביסט מסתם הונגעריק?

— ניין. כ'וויל זי זען ווי א שוועסטער.

גיצע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ היטנדיק זיך פאר אים ווי פאר א ווילדער בין.

— לאכסט פון איר. ס'איז א שרעק, זי האָט אזויפיל אר־בעט. זע נאָר, לאָמיר אריינגיין אין דעם צימער. כ'האָב א פענצטערל דורך וועלכן איך זע וואָס ס'קומט פאָר, שלעכטע מענטשן יינגעלע, אזוי ווי נעמסט נאָר אראָפּ די אויגן פון זיי גנבענען זיי אז ס'איז א שרעק.

דאָס יינגל האָט זיך געוואונדערט:

— זיי זאָגן, אז דו ביסט דער וואָס גנבעט. ס'גייט זיי

נישט ארוים דער חשבון, נאָכדעם וואָס זיי גיבן דעם מאָל־שטייער, און פארשטייען נישט וויאזוי דאָס געשעט.

— ווער זאָגט דאָס? האָט געלאכט דער מילנער — זאָלסט נישט גלייבן די נאראָנים.

— וויים איך? זע נאָר, גיצע, פון יענעם עודף וואָלט איך דיך געבעטן דו זאָלסט מיר געבן אביסל. — דאָס פעדדל זאָל האָבן וואָס צו קייען.

— וואָס? דו ביסט געקומען רייטנדיק? כ׳האָב נישט. כ׳גיב נישט, זאָל אים האָדעווען דער בעל־הבית דיינער, ער האָט פונוואַנען.

— זיי נישט אזוי קאַרג ברודער, האָט דער מעזינעק גע־זאָגט מיט א פארזיסערט קול; דאָס פערדל איז אויך א לע־בעדיק באשעפעניש, וואָס ארבעט גלייך מיט מיר, ס׳איז טאקע נישט מיינס, כ׳האָב אָבער אויף אים רחמנות.

— מעגסט אויף אים האָבן רחמנות, דאָס פרעסן קאָסט אָבער.

דער מילנער איז צוגעגאנגען צום קליינעם פענצטערל און האָט ארויסגעקוקט. ער איז צוריקגעקומען.

— זעץ דיך אויפן בעט. וואָס הערט זיך נאָך עפּעס אין הויף? ס׳רעגנט, דו, אויף דערהרג׳עט צו ווערן. ס׳איז א קללה, נישט קיין רעגן.

— וואָס קען מען טון? מיר קענען זיך נישט מיט אים שלאָגען.

דער מילנער האָט זיך צולאכט.

דו, וואָס זאָגסטו עפּעס דערצו וואָס דער פריץ האָט זיך איינגעהאנדעלט א פילאָזאָף אנשטאט א קנעכט?

— דעם פילאָזאָף קען ער נישט, האָט דאָס יינגל געענ־טפערט. יענעם וואָלט ער אפשר נישט אזוי געשאָלטן, ווי ער שעלט מיך. ער וואָלט אים געזאָגט א גלייך וואָרט.

— איך בין אָבער געוויר געוואָרן אז ער איז צופרידן פון דיר.

— ער מעג זיין צופרידן, איך בין אָבער נישט, נישט פונעם לוין און נישט פונעם עסן.

— דו מיטרעא, זאָלסט נישט זינדיקן, האָסט א גוטן בעל־הבית, האַלט דיך אָן איב.

דאָס יינגל האָט אים שטרענג אָנגעקוקט. גיצע האָט אוועקגעקוקט אין א זייט, און האָט געמורמעלט:

— כ'זע דיך גאַנץ גוט אָנגעטון!

— נו יאָ, מ'האָט מיר געשענקט עטלעכע שמאַטעס.

— ווער?

מיטרעא האָט נישט געענטפערט.

— כ'האָב עפּעס געהערט, האָט געמורמעלט דער מילנער.— זאָלסט נאָר האָבן שכל.

— כ'האָב נישט.

— מיט נאַרישקייטן, קענסטו דיך נישט איינהילן, נישט אָנטון און נישט זאַט ווערן.

— ס'קען זיין.

— ביי פּרויען געפינט מען מער רחמנות.

— ניין ברודער, ווי ביטער ס'זאָל נישט זיין די מאַמעליגע וואָס מ'גיט מיר, וויל איך זי נישט אַריינוואַרפן אין דער בלאָטע. כ'האָב נישט וואו צו שלאָפן, ווינטער איז מיר קאַלט. כ'עס זייער שלעכט און זייער ווייניק גאַכדעם וואָס איך אַרבעט איבער די כוחות. כ'זע אַז אינעם האַדזשיוער הויף איז נישטאָ קיין גערעכטיקייט כ'וואָלט אוועק ערגעץ אַנדערש.

דער מילנער האָט זיך דערשראָקן, ער איז געשפּרונגען אין דער לופטן.

— ס'קען נישט זיין, האָסט קאָנטראַקט. דו דאַרפסט נאָך דינען דריי יאָר. ער וועט דיך ציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מיין פּנים איז אין שפּיל. ער קען פון מיר מאָנען שאַדנערזאַץ.

— כ'וואָלט אוועק ערגעץ אַנדערש... האָט נאָכאַמאָל מיטרעא געזאָגט גלייך ווי ער האָט נישט געהערט גיצעס קלאָגערישע רייד. איך וואָלט דיך געוואָלט פרעגן, אַזאַ אָרדענונג איז אומעטום אין אַלע פּאָסעסיעס? דאָ נעמען די קנעכט ווייניק געלט, האַרבסט, פאַר אַסאַך אַרבעט פאַרן פרילינג זיי קענען עס נישט באַצאָלן. דעם פּריזס מיל מאָלט מענטשן, ביז ס'קלויבט זיך אויס פון זיי שטויב. און די וואָס אַרבעטן בשותפות, גיבן דריי חלקים און נעמען צוויי פון פינעף, און ביז

ס׳קומט צום פארטיילן, גייט זיי ארוים די האָר דורך דער קוטשמע. ווײ צו זייער ארבעט! אז ס׳ווערן קאליע די קאָט־שאנעם אין די הויפנס, נעמט זיי צו דער פריץ פאר א גאָר־נישט, פאר דער בראָנפן־ברענעריי.

דער מילנער הערט, רייבנדיק זיך די נאָז מיט גרוים אומ־רויקייט.

— דו, פונוואנען ביסטו געוויר געוואָרן אזעלכע זאכן?

— כ׳האָב דאָך געזען.

— און אז דו האָסט געזען, פארגעס.

כ׳קען נישט און וויל נישט.

— זאָלסט דוקא דאָס יאָ פארגעסן. פאר א שלעפער פאסט נישט ער זאָל משפטן די גרויסע לייט. דער אָרעמאַן זאָל זיך אָפּהיטן זיין טאָג־טעגליך ברויט, מעג עס זיין ווייניק, מעג עס זיין ביטער, ברויט איז ברויט! אנדערש ביסטו א פארלוירע־נער, מעזינעקעל, ער צעקוועטשט דיך מיטן נאָגל ווי א לויז. אזוי האָבן די מענטשן אָנגעהויבן צו מורמלען אינעם יאָר 1907. די קויל האָט זיי פארשטאָפּט דאָס מויל. די קאנאָנען האָבן אויסגעמישט זייערע הייזער מיט דער ערד. ווײ איז זיי. כ׳בין ערשט צו מיר געקומען, קוים מיר צונויפגעשטעלט אביסל פארמעגן. ס׳זאָל אויף מיר נישט פאלן די צרה וואָס קען קו־מען אויף דיר.

גיצע האָט נאָכאמאָל ארויסגעקוקט דורכן צעבראָכענעם שייבל. דערנאָך האָט ער אויף מיטרעאן געוואָרפן אזא בליק וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען.

— זאָלסט נישט אזוי גיך אוועקגיין. זיץ נאָך אביסל, סטאנקא וועט דיר געבן עפּעס צו פארזוכן.

ער איז אייליק ארוים, אָן ער זאָל וואַרטן אויף אן ענט־פער. דאָס יינגל איז געבליבן אליין. די מיל האָט מיטאמאָל אויפגעהערט צו רוישן. ס׳האָט זיך געהערט דאָס קריגערישע קול פונעם מילנער, די מענטשן האָבן פארדראָסיק געענטפערט. אפשער קריגט ער זיך מיטן מעכאניקער, האָט זיך מיטרעא געקלערט. ס׳איז שטיל געוואָרן. באלד האָט זיך געהערט פון הינטן, וואו ס׳איז געווען די וווינונג, א אויפשטאנד־געשריי,

וואָס איז באַלד פאַרדעקט געוואָרן פונעם מילנערס טיפן ברום.

מיטרעא האָט זיך געקלערט, מיט א פאַרשטיינערט האַרץ; „דאָס איז פאַר דעם שטיקל ברויט. כ׳דאַרף עס נישט האָבן. כ׳וועל עס אוועקגעבן דעם פערדל".

די נידריקע טיר האָט זיך געעפנט. ס׳איז אַריינגעקומען גיצע, נאָך אים א בייגעוודיק מיידל, ווי א בוקעט, מיט קאַשטאַנען־אויגן, מיט א בלאָ קלייד מיט רויטע שטרייפן, זי האָט געבראַנגט א טעלער מיט נים און ברויט.

— שטעל אַנידער דאָ האָט גיצע לונגו געהייסן.

נאַסטאַסיע איז געווען סטאַנקאַס שוועסטער. זי האָט אַני־דערגעשטעלט דעם טעלער אויפן טיש. בשעת אירע אויגן וואָס האָבן אַלץ מער געשיינט פון באַוואונדערונג, זיינען געווען גע־ווענדט צו מיטרעאן. זי האָט אים כמעט נישט דערקענט, אַזוי איז ער אויסגעוואַקסן און זיך געמענטשט, ווי א קיילעכיקער עפּלבוים וואָס בליט דאָס ערשטע מאָל אויף אין פרילינג. די אויערן אירע זיינען רויט געוואָרן ווי צוויי רויטע בלעטלעך. זי האָט זיך דערמאַנט אין די פּאָמשטן אַז די מיידלעך האָבן דערקלערט ליבע דעם בחור אינעם הויף. זי האָט זיך אָבער געטרייסט מיט דעם מילנערס ווערטער וואָס ער פלעג זאָגן צו זיין ווייב סטאַנקאַ: „דער דאָזיקער מיטרעא וואָלט גע־קענט אויפגערעכט ווערן, ער איז אָבער א לאָ־יצלח און פאַר־שפּילט דאָס מזל".

דער בחור האָט געשמייכלט צו נאַסטאַסיען. ער האָט אוועק־געלייגט דאָס רעפטל ברויט. די נים פונעם טעלער האָט ער זיך אַריינגעלייגט אינעם בוזעם. פונעם ברויט האָט ער צוויי מאָל אָפּגעביסן. וואָס ס׳איז געבליבן איז געווען פאַרן פערדל׳ס וועגן.

— בלייבט געזונט, האָט ער זיך אָנגערופן. דער מילנער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל:

— גייסט שוין?

מיטרעא האָט נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. און איז אוועק־געגאַנגען נאַסטאַסיא איז צוריקגעגאַנגען צו סטאַנקאַן שמייכלענ־

דיק צו זיך אליין. נאָך איר איז דער מילנער אריינגעגאנגען וואָרטשנדיק. ער האָט געשאָלטן דעם ברודער זיינעם. דאָס ווייב האָט נישט אויסגעדרייט דאָס פּנים זי האָט הנאה געהאט פון די קללות און האָט אריין געשעפּטשעט אין דער לייוונט וואָס זי האָט געוועבט: „וואָס האָב איך געזאָגט? פון קיין הונטישן עס קען מען קיין ווידענע זיפּ נישט מאכן".

V

נאָך עטלעכע טעג אָנהייב סעפּטעמבער האָט אויפגעהערט צו רעגנען. און דאָס וועטער איז קיל געוואָרן.

איייניקע פון די הויפּט־דינער צווישן וועלכע אויך מיטרעא — האָבן אָנגעהויבן צו ארבעטן, ווייט אויפן פעלד ביי דעם אָקסן־ברונעם. זיי האָבן פארזייעט ווייץ און זיך געאיילט, ווייל די לאנגדויערדיקע רעגנס האָבן פארשפּעטיקט די הארבסט ארבעטן.

אצינד זיינען די נעכט געווען קלאָרע, מיט א פּיאָלעטנ־הימל, אויף וועלכן ס׳האבן געפונקעלט א מענגע קליינע שטערנדלעך און מאָרגן־שטערן ווי פלאמיקע בלומען.

די מענטשן זיינען געשלאָפן לעבן די פייערן פון פּריטעס און מיסט וואָס האָבן זיך פּאוואָליע גערייכערט. איייניקע פון די עלטערע האָבן דערציילט מעשיות פון אמאָל ווען דזשורדזשיו איז געווען אונטערן טערקישן יאָך און וועגן די רייטער וואָס האָבן באפאלן די ארומיקע קריסטן פון יענער זייט דוניי.

מיטרעא אָנגעטון אין א אלטן מאנטל, אָנגעשפּארט אויפן עלנבויגן האָט זיך צוגעהערט, ווען און ווען איז ער געפאלן מיטן פּנים אויפן הייסלעכע ערד וואָס האָט אים געדינט אויף א צוקאָפּנס. „אלע צרות פאלן אויפן אָרעמאן, האָט ער זיך

געקלערט. אַט זיינען באַפאַלן די טערקן, וואָס זיינען ערגער געווען ווי די פּעסט, אַט זיינען די פּריצים, וואָס זיינען ערגער פון די טערקן. נאָך די דאָזיקע האָבן זיך געיאָוועט אויך די מילנערס, פאַר זיי איז נישט פאַראַן קיין עלטערן, קיין ברודער, נאָר איין זאַך פאַרזשערען וואָס מער געלט".

דאָס שימערן פון די מאָרגנשטערן האָט זיך אויסגעפּעדעמט צווישן זייַנע אויגנהייטלעך ער האָט אָנגעהויבן דרימלען און דערנאָך אַנטשלאָפן געוואָרן.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אסאַך פריער איידער די זון איז אויפגעגאַנגען ער האָט געהערט די אָקסן מעלה־גרה'ן, דערנאָך איז אים אריין אין געהער אנדערע געדרוישן פון דער וויסטע. שוואַרצע פייגל זיינען געפלויגן אין דער הויך און ס'האָט אָנ־געהויבן צו בלאָזן אַ ווינטל פון דער ווייטער דוניי, דעמלט איז אויסגעצייכנט געוואָרן אויפן ראַנד פונעם האָריזאָנט אַ פּורפּור ליניע. די חברים אַרבעטער האָבן זיך אויפגעכאַפּט מיט אָפּגעמוטשעטע ביינער פון דער האַרעוואַניע און זיינען זיך צונויפגעקומען צום ברונעם. זיי האָבן זיך געשטילט דעם הונגער שלינגנדיק וואַסער וואָס האָט געהאַט אַ טעם פון ים־בלאָטע.

אין דער צייט ווען מיטרעא האָט געפּעלט פונעם הויף, האָט זיך באַוויזן דער מילנער צום הער קריסטעא. ער האָט געקלאַפּט מיט די שטיוול אויף די טרעפּ און איז אַרויפגעגאַנ־גען אויפן הויז־טורעם. דער פּריץ האָט געוואַרט ער זאָל זיך אַראָפּנעמען די קושמע און זאָל זיך בוקן. ער האָט אים גע־קוקט גלייך אין די אויגן פאַרשנדיק זיין אויסזע, פרעגנדיק זיך מיט וואָסערע פּלענער זאָל געווען קומען צו אים גיצע לונגו.

— וואָס איז ?

— פּריץ לעב, רעדט דער מילנער, — כ'האָב פאַרשפּעטיקט עטלעכע טעג, היינט אָבער האָב איך מיך אַנטשלאָסן צו ראַ־פּאָרטירן. מיין ווייב סטאַנקאַ האָט מיך אויך צוגערעדט: גיי, זאָגט זי, און זאָג.

— פאַרוואָס האָסטו דיך אָפּגעשטעלט ?

— כ׳האָב מיך אָפּגעשטעלט אביסל ווייל ס׳האנדעלט זיך פון מיין ברודער מיטרעא. כ׳האָב רחמנות אויף אים.

— כ׳זע.

— מ׳דאַרף אים אָנלערנען פּריץ לעב, ס׳זאָל נישט זיין דערנאָך צו שפּעט.

דער דריינאָזיקער איז ווילד געוואָרן, ר׳האָט צונויפגעצויגן זיינע גראָבע ליפּן ווי א הינטישער פּיסק.

— פון וואָס איז אייגענטליך די רייד?

— פּריץ לעב, איז באגייסטערט געוואָרן דער מילנער, — דער מעזינעק מיינער גייט ארום און לויבט זיך, אז אייניקע פרויען גייען אויס נאָך אים.

— דאָס אינטערעסירט מיך נישט האָט זיך פאַרקרימט דער פּריץ.

— כ׳מיין אויך אזוי. ס׳איז טאקע נישט קיין וויכטיקע זאַך, פּריץ לעב, האָט זיך געאיילט גיצע איינצושטימען. וואָס גייט דאָס אונדז אָן? פאַרוואָס זאָל ער אָבער ריידן אויף דער הויפּס־אדמיניסטראַציע?

— וואָס רעדט ער? אז דו האָסט צו זאָגן, זאָג, דריי דיך נישט ארום. דו ביסט נישט קיין וואָלף און איך בין נישט קיין טשערעדע. רייד קלאָר.

— כ׳רייד, אז ס׳איז א באַפעל. ווער ס׳האָט אים אָנגע־שטאָפּט דעם קאָפּ ווייס איך נישט, אז מ׳האָט פאלש געמאָסטן די פאַלשעס.. אז מ׳פאַרטיילט שפּעט די פּאַפּשויעס וואָס מ׳האָט געאַרבעט בשותפות... אז אויף די ארבעטער ווערן ארויפגעוואָרפן אָן א שיר שטייערן... ער ווייסט דען וויפל שוועריקייטן ס׳האָט א בעל־הבית מיט אזויפיל קבצנים?

דער פּריץ האָט אביסל נאָכגעקלערט. ער האָט נישט אויס־געזען נישט רויק.

— ווען האָט ער דיר דאָס געזאָגט?

— ווען ס׳האָט גערעגנט איז ער געקומען צו מיר אין דער מיל. ער איז טאקע געקומען רייטנדיק אויף א פערדל וועלכן כ׳האָב געגעבן אביסל קערנדלעך.

— דאָס גלייב איך נישט, דו גיצע, האָט דער דריינאָזיקער זיך צעלאַכט.

— כ'לעבן פריץ, אויף מיין ערנוואָרט!
— לאָז דאָס אָפּ. זאָג וויאַזוי האָסטו אים אויסגעפּאָרשט.
— באַלד זאָג איך. מעזיניקל, זאָג איך צו אים, כ'זע אַז דו ביסט גוט אָנגעטון. ווער האָט דיר געשענקט אַזאַ מתנה?
— לאָז דאָס אויכעט אָפּ, דידינא האָט אויף אים רחמנות געהאַט און האָט געגעבן דעם קינד יענע שמאַטעס. כ'בין צופרידן פון אים. ער איז אַ גוטער אַרבעטער און איז קלוג.
— ער זאָל זיך נאָר האַלטן אין דער מעלה, פריץ, און זאָל נישט אין זינען האָבן קיין נאַרישקייטן.
— ביז אַצינד האָב איך נישט געזען ער זאָל זיך געוועזן אָפּגעבן מיט אַזעלכע זאַכן, האָט קריסטעאַ געזאָגט.
— פריץ, ער האָט אַ לאַנגע צונג.
דער דריינאָזיקער האָט דורכגענומען מיטן קוק דעם מילנער.
— אויב אַזוי, דו גיצע, לאָמיר זי אים אָפּקורצן.
— פריץ, ער איז אויך פאַרעקשנט.
— אַז ער איז פאַרעקשנט, לאָמיר צונישט מאַכן זיין עקשנות.
דער הער קריסטעאַ האָט געמאַכט אַ מינע פון איבערלייגונג.
— ס'וואָלט מיר באַנג געטון כ'זאָל אים פאַרלירן. אַזוי אָבער קאָן איך אים אויך נישט לאָזן. כ'וועל הייסן מאַכן אויספאָרשונגען. ווער ווייסט צו ס'וועט נישט אַן אַנדערער דערשיינען אויף וועלכן מיר האָבן זיך אפילו נישט גערעכנט. עפּעס אַן אינסטיגאַטאָר. זאָגסט אַז ער האָט זיך באַרימט מיט די קליידער?
— ער האָט זיך באַרימט און געלאַכט...
דער מילנער איז אוועקגעגאַנגען, קלערנדיק, אַ צופרידענער אַז ס'איז אים געלונגען דער פאַראַט.
— איך שלאָג אים נישט, ווייל איך קען נישט, האָט געמורמעלט גיצע, זאָלן אים אַנדערע שלאָגן!
דער מילנער האָט זיך באַוויזן אין הויף מיטוואָך. דאָנערשטיק מיטאָגצייט, האָט דער פּלוטאָניער־זשאַנדאַרם קערנעאַצאַ, מיט זיין געלן דאָקאָרל, מיט צוויי שוואַרצע פערד, זיך אָפּגע־

שטעלט ביים אָקסן־ברונעם און האָט צוגערופן מיטרעאן. ער האָט אים באַפוילן ער זאָל זיך אַרויפזעצן לעבן אים.

— פאַרוואָס? האָט מיטרעא געפרעגט קוקנדיק שאַרף אויפן מענטש פון די מאַכט־האָבער.

— וועסט שוין זען.

— ס'איז מיר געקומען א בריוול פון ערגעץ?

— אויף דער העלפט האָסטו געראָטן. די אַנדערע העלפט וועסטו געוויר ווערן ווען מיר וועלן אָנקומען אין אַמט.

מיטרעאס אויגן זיינען פאַרשאָטנט געוואָרן. ער האָט געפילט אַז פאַר אַזאַ אומגליקלעכן ווי ער קען קיין שום גוטס נישט קומען.

— הער פלוטאָניער קערנעאַצאַ, האָט מיטרעא געפּראוווט צו זאָגן כ'וויל עפּעס נעמען אין מויל אַריין, ווייל איך בין הונגעריק ווי דער מאָלדאָוואַן פון דער ערשטער פּאַרזיי־מאַשין פּלעגט זאָגן: „ס'האָבן געגעכטיקט ביי מיר אין בויך די מייזלעך".

— דו וועסט עסן אין מאַלו־סורפּאַט.

— דאָ אָבער האָבן מיר געבראָטנס פון א אינדיק און סדרעלע, האָט מיטרעא זיך געוווערטעלט.

דער זשאַנדאַרם איז גערירט געוואָרן און האָט אים געקלאַפּט אויף דער פּלייצע.

— קום זעץ דיך אויף דער בריטשקע, ווייל איך האָב אויך אַנדערע אַרבעטן.

אויפן וועג, האָט דאָס יינגל געפּראוווט עטלעכע מאָל צו ריידן מיט שטעכ־ווערטלעך מיט זיין באַגלייטער, אפשר וועט ער אים עפּעס אויסזאָגן. דער פּלוטאָניער מיט די אַראָפּגעלאָזטע וואָנסעס האָט אָבער געשוויגן. ער האָט אים דערציילט פון די ביסיקעס: קערנעאַצאַ איז נישט געווען קיין יעגער, האָט ער זיך פונדעסטוועגן אינטערעסירט מיט וואָס פאַר א ביקס פאַנגט מען יענע פייגל. מיטרעא האָט געלויבט דעם פּריץ פון האַדזשיוער הויף, דער פּלוטאָניער האָט אַביסל געשמייכלט, די צונג איז אים אָבער געבליבן צוגעקלעפּט.

נאָכדעם וואָס זיי זיינען אָנגעקומען קיין מאַלו־סורפּאַט און זיינען אַריינגעגאַנגען אין דער זשאַנדאַרמעריע, האָט דער פּלו־

טאָניער א שריי געטון צו א קאַמעראַד א סאָלדאַט ער זאָל עפענען דאָס „גאַסטצימער". אָן ער זאָל זיך בייזערן אָדער זאָגן א שלעכט וואָרט, האָט דער פּלוטאָניער אים איינגעלאַדן ווי א חשובן גאַסט. דאָס יינגל האָט איינגעצויגן די קין־באַקן אַז ער האָט אַזש געפילט אין מוח דאָס קריצן פון די ציין ער האָט זיך אָבער באַהערשט.

ער איז אַריינגעגאַנגען אינעם גאַסט־צימער. עטלעכע ליידיקע בענק. אויף דער וואַנט איז געווען אויסגעצויגן א קאַלענדאַר און איינגערייַמט אין דינע שוואַרצע ראַמלעך האָט געהאָנגען וואָלאַר־צעפּעשס בילד.

— אַצינד גייט עס נישט ווי אין דעמס צייטן האָט זיך געוואָרטלט דער פּלוטאָניער. אַצינד האָבן מיר אַנדערע מעטאָדן. דו שטייַ דאָ אינעווייניק ביי דער טיר, האָט ער דערנאָך באַפוילן דעם סאָלדאַט. קיינער גייט נישט אַריין און דער עיקר קיינער גייט נישט אַרויס.

— וואָס איז מיט מיר? האָט מיטרעא מיט פאַרדראָס געפרעגט. וואו איז דער בריוו?

ס'איז נישטאָ קיין שום בריוו, יונגערמאַן, ס'האַנדלט זיך אַז דו דאַרפסט עפּעס מודה זיין.

— כ'האָב נישט וואָס.

— הער, מיטרעא, זיי געלאַסן. ענטפער נישט אַזוי, ווייל ס'איז נישט גוט. ס'קען דיר פאַרקלענערט ווערן די צאָל פון די ציין אין מויל. אַז דו ווייזט אָן אַלץ ווי ס'געהער צו זיין; וועסטו גרינגער אַרויס. כ'גיב דיר א ברידערלעכע עצה.

מיטרעא קאָקאָר האָט געגעבן א יעבץ און האָט אים דורכגענומען מיט די אויגן:

— וואָס זאָל איך זאָגן?

— נישט אַזוי, נישט אַזוי, יונגערמאַן, רייד שיין מיט מיר.

— וואָס זאָל איך זאָגן? איז מיטרעא דערציטערט געוואָרן.

— זאָלסט מיר זאָגן, בחור, דו, וואו איז די ביקס. מיטרעא איז אויפגעשפּרונגען. דער זשאַנדאַרם האָט באַמערקט אַז זיין מענטש האָט אויסגעגלאָצט א פּאָר אויגן אַרויסווייזנדיק די

זיין, דערנאָך איז אים דאָס פּנים נעל געוואָרן, ווי פון א טריבן טרויער.

וואָס וואָלט ער געקענט ענטפערן? האָט מיטרעאַן גע מוטשעט אויב ער אנערקענט אז ער האָט גענומען די ביקס, וועט ער מוזן אָנווייזן וואו ער האָט זי באהאלטן. אויב ער זאָגט אז ער ווייסט פון גאָרנישט און האָט גאָרנישט גענומען — וועט ער אַלץ דעמזעלבן סוף האָבן: מ׳וועט אים באפאלן מיט פּעטש, מיט קולעקעס און מיטן שטעקן, אָדער מיט די רימענעס אָדער מיט א נאסן שטריק.

ער האָט מיט צאָרן אויסגעשריגן:

— כ׳ווייס נישט פון קיין שום ביקס. כ׳דארף זי נישט האָבן. כ׳וויל קיינעם נישט הרגענען: לאָז מיך אָפּ!

— אויב דו וועסט מודה זיין, וועסטו באקומען א גרינ־גערע שטראָף. מיטרעא קאָקאָר האָט זיך צאָרנדיק געאמפּערט:

— ווע מגס ביקס?

— דעם פּריין׳ס קריסטעא, מען קען מיט איר ביסיקעס שיסן.

— ס׳זאָל זיין די ביקס מיט וועלבע די קינדער צילן ווען זיי גנבענען פלוימען?

— דו געמיינער יונג, ווילסט איך זאָל דיר ענטפערן? א רוח און א שלאַק זאָל דיך טרעפן! זאָג וואו איז די ביקס, אויב נישט גיי איך איבער צו אנדערע מעטאָדעס.

— כ׳ווייס נישט, לאָזט מיר צורו! האָט עקשנותדיק אויס־געשריגן דאָס יינגל.

דער פּלוטאָניער האָט רויק באפוילן:

בינד אים, אראָן. אָט דער בחור נעמט מיך ארויס פון די כלים.

מ׳האָט אים געבינען.

— דו, דו זאָגסט?

— כ׳ווייס נישט וואָס צו זאָגן.

זיי האָבן אים געגעבן פּעטש, קולעקעס, ביז זיי זיינען מיד געוואָרן. מיטרעא האָט זיך איינגעקנוילט מיטן פּנים אויף דער ברוסט און האָט געציטערט און זיין גאנצער מהות איז געווען פול מיט א שטיל געוויין.

— זע נאָר ווי ער וויל נישט אויסזאָגן, האָט זיך געוואונ־דערט דער פּלוטאָניער קערנעאַצא. טו אים אויס און ברענג דעם נאַסן שטריק.

דער זשאַנדאַרם האָט אים אויפגעבינדן, און האָט אים אויסגעטון דאָס העמד. דאָס ייִנגל האָט זיך געמאַכט גלייך ווי ער וואָלט געווען אָנמעכטיק און צעשמעלצט. דער זשאַנדאַרם האָט אַרויסגענומען פון דער שאַפע די שטריק. ער האָט גע־עפנט די טיר, כּדי צו גיין צום ברונעם זיי באַנעצן. דעמלט האָט אים מיטרעא אַ שטויס געטון און האָט אים געגעבן אומ־פאַרהאָפט, בליץ־שנעל אַ זעץ. ער איז אַריבער געשפּרונגען אי־בער אים און איז אַוועק.

דער פּלוטאָניער קערנעאַצא איז אים נאָך, און זיך אויס־געגליטשט אויף דער שוועל.

ווען מיטרעא האָט געזאָלט אַריבערשפּרינגען דעם רינשטאָק כּדי ער זאָל אַרויס אויפן שטראָז, שטעלט זיך אָפּ פּונקט פאַר אים די הויבע דראָשקע פונעם הויף, מיטן פעטער טריגלעא אויף דער קעלניע. פון הינטן האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס דער הער קריסטעא כּדי צו זען דעם וואָס איז אַרי־בערגעשפּרינגען דעם רינשטאָק, מיט צעשויבערטע האָר און מיט־פאַרבלוטיקטע אויגן. אויפן הוילן קערפּער ביז צום גאַרטל, בלאָע סמנים.

דער בעל־הבית האָט געשריגן:

— שטיי! לאָז אים אָפּ, קערנעאַצא. גענוג!

— כ׳האָב אים אויסגעפאָרשט, פּריץ, קערנעאַצא האָט גע־סאַפּעט, — ער וויל נישט מודה זיין.

— וואָס זאָל ער מודה זיין? מ׳האָט נישט געגנבעט די ביקס. דער מעכאַניקער האָט זי גענומען, אויסצופּוצען. גיט אים דאָס העמד מיטן רעקל. זאָל ער זיך אַרויפּזעצן לעבן טריגלעאַן.

מיטרעא האָט זיך געשעמט פאַר זיין הוילקייט. אין דער דראָזשקע איז געווען אויך די פרוי, דידינאַ. זי האָט זיך אַמו־זירט פון דעם וואָס ס׳איז פאָרגעקומען און האָט אַצינד גע־וואָלט לייענען אַ פרייד אין די אויגן פון יענעם פּלינקן בחור, די פרייד וואָס ער איז ניצל געוואָרן.

די הויט פון איר הוט־השדרה איז אויפגעציטערט געוואָרן, ווען זי האָט געזען דעם ריזיקן צאָרן פון יענע שיינע ארומ־געצייכנטע אויגן.

מיט דעם אלעמען, האָט מיטרעא געמורמעלט א דאנק, אויס־מיידנדיק איר בליק. דערנאָך האָט ער געשפּיגן מיט בלוט אין פּאָרעך אריין, האָט זיך אָנגעטון דאָס רעקל און האָט זיך ארויפגעדראפּעט לעבן טריגלעאן.

VI

דער פּריץ האָט אים גערופן אויפן טורעם־הייזל.

— גיי, האָט אים געראָטן טריגלעא, זע וואָס ער זאָגט דיר. זיי רויק.

מיטרעא האָט געגעבן אַ זיפץ ביז אין די טיפעניש פון זיינע געדערים און איז געגאַנגען.

דער בעל־הבית זיצט אויף זיין ווייכן שטול. דער שפּאַקטיוו אויפן טישל. די ביקס ביי דער זייט, אָנגעשפּאַרט צום פענצ־טער. ער האָט לאַנג דורכגעבליקט דאָס ייִנגל. ער האָט נישט געטראָפן זיין בליק.

— דו מיטרעא דו, קוק צו מיר. הערסט נישט?

— כ׳הער.

— קוק צו מיר!

— כ׳קוק.

— זאָג, וויאַזוי איז דאָס געווען, מיט דער צרה מיט דיינער?

— ווייס איך?

— ס׳האָט דיר וויי געטון?

— ניין ס׳האָט מיר נישט וויי געטון ס׳האָט מיך געפרייט און פריילעך געמאַכט.

דער דריינאָזיקער האָט זיך אָנגעכמורעט.

— דו, וויאזוי רעדסטו דאָס מיט מיר ? קוק נישט אין ווינקל. הייב אויף די אויגן.

— כ׳האָב מיך געפרייט און משמח געווען ווייל ס׳האָט געקאָנט זיין נאָך ארגער.

— אזוי יאָ, איז אויפגעקלערט געוואָרן דער פריץ קרים־טעא, — ביסט קלוג, און רוחיש.

— כ׳בין אן אָרעמער בחור, פריץ.

— דער בעל־הבית האָט געביטן דעם טאָן פון זיין שטימע :

— זע נאָר, דו מיטרעא, איך האָב מיך געפרייט וואָס דיין גערעכטיקייט איז ארויסגעקומען ס׳וואָלט מיר געווען באנג גע־טון נאָך אזא גוטן דינער ווי דו. האָט צוגעלייגט א גוט וואָרט די פריצה.

מיטרעא האָט געשוויגן, מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן.

— קענסט שוין גיין, האָט אים באפוילן דער בעל־הבית.— שטיי אביסל. כ׳האָב געהערט אז דו היטסט דיר נישט די צונג. רעדסט פארשיידענע זאכן.

— וואָס וואָלט איך געקאָנט זאגן, פריץ, כ׳זאָג קיינעם גאָרנישט כ׳האָב צו טון מיט מיר און מיט מיינע צרות.

— גוט יונגערמאן, דו ווייסט אז ס׳איז פאראן א וואָרט אין דער הייליקער עוואנגעליע.

— כ׳ווייס נישט, האָט דאָס יינגל געמורמעלט.

— דו זאָלסט שווייגן ווען ס׳רעדט דער בעל־הבית. דאָס שטייט אין דער הייליקער עוואנגעליע : „ווער ס׳האָט אויערן אויף צו הערן זאָל הערן”. — האָסט פארשטאנען ?

מיטרעא האָט צווויידייטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דאָס דאָזיקע וואָרט זאָלסטו דיר ארייַנשלאָגן אין קאָפּ אריין.

האָסט געהערט ?

— כ׳האָב געהערט.

— אויב אזוי איז גוט. איך וועל דיר העכערן דעם לוין.

מיטרעא האָט נישט געענטפערט.

— און אָט האָסטו א צוואנציקער. זאָלסט דיר קויפן טו־טון און בראָנפן זאָלסט אויך הנאה האָבן.

מיטרעא איז אראפגעגאנגען פונעם באלקאן קריצנדיק מיט די ציין, מיטן צעקנייטשטן צוואנציקער אין דער לינקער פויסט.

ווען ער איז אנגעקומען צום שטאל, צום פעטער טריגלעא, האט ער אוועקגעווארפן דעם צוואנציקער, האט אויף אים גע־שפיגן און אים צעריבן מיטן שטיוול. ער האט מיאוס גע־שאלטן.

דו, וואס איז ? האט זיך געוואונדערט דער אלטער. מיטרעא האט פארצרהט געזיפצט.

— פארליר דיך נישט, יונגערמאן, האט אים טריגלעא באַ־רויקט. וואס האט ער דיך געפרעגט ? וואס האט ער דיר געזאגט ?

— א רוח אין זיין מאמען און אין זיינע געטער אריין. האט מיט פארצויגענע קינבאקן געמורמלט קאקאר.

טריגלעא האט זיך אומגעקוקט. קיינער איז נישט געווען אין דער נאענט.

— ער האט געזען די פלייצע דיינע ?

מיטרעא האט געשאקלט מיטן קאפ אויף ניין.

ס'וואונדערט מיך נישט, האט טריגלעא געזיפצט. זיי גייט נישט אן וואס מיר ליידן. אין מיינע פארביטערטע טעג האב איך גענוג געליטן ביי די דאזיקע פריצים. מאך נישט קאליע דעם צוואנציקער טייערינקער. ער וועט אונדז צונוץ קומען. איך נעם אים און גיי... איך קום באלד צוריק און מיר וועלן זיך אביסל צונויפריידן. ס'וועלן קומען פארשיידענע מענטשן און דיך פרעגן וואס און ווען : דו זאלסט שווייגן.

מיטרעא איז אליין געבליבן און געקלערט. ס'האט אים ווייגעטון דאס גאנצע לייב ווי נאך א שווערע ארבעט : און אין דער פלייצע האט· אים געשטאכן גליענדיקע שפילקעס. די גאל האט זיך אין אים צעשפילט ער האט זיך איינגעהאלטן מיט אלע כוחות ער זאל נישט ארויס פון די כלים. ער איז אזוי אליין געשטאנען מיט פארפרוירענע אויגן. דענקנדיק צו א גרויליקער נקמה, וואס איז אים אבער נאך נישט גענוג קלאר געווען.

דער שטאל איז געווען ליידיק. די בהמות און די דינער

זיינען געווען אין די דראָפּיעס, אין דער וויסטע. דער בין־השמשות איז געקומען גלייך ווי צו פאַרנעפּלען די רו. אין יענער נאַכט האָט ער זיך געדאַרפט אומקערן צו דער אַרבעט, צווישן די איבעריקע פאַרביטערטע. ער איז געווען אַ קנעכט צווישן קנעכט ער האָט נישט געהאַט קיין עלטערן. דער ברודער איז נישט געווען פאַר אים קיין ברודער. ער האָט זיך געפילט אויסגעהוילט פון סיי וועלכער ליבע און פון סיי וואָספאַראַ רחמנות פון קיינעם אין דער וועלט. ער האָט מיט ווייטיק אַראָפּגעשלינגען זיינע ביטערע טרערן.

— כ'האָב פאַרשפּעטיקט. האָט געזאָגט דער פּעטער טריגלעא, ווען ער איז אַריינגעקומען. ביז צו דער קרעטשמע איז ווייט. זע, כ'האָב געבראַכט אַביסל פלוימען־בראָנפן. און ברויט כדי דיר אויסצוהיילן די וואונדן. טרינק דו אַביסל, איך טרינק אויך כדי דיר צו לייסטן געזעלשאַפט. ביז מאָרגן וועלן זיך די וואונדן אַביסל פאַרהיילן.

— לאָמיך דיר זאָגן וואָס דו ווייסט נישט, מיטרעא, האָט ווייטער גערעדט דער אַלטער, באַנדאַזשירנדיק די שלענגלדיקע בלוטיקע־פּאַסן פון דער פּלייצע. ביטער איז אונדזער לעבן ביז מיר קומען אויף דער עלטער, און דערנאָך איז ביטער ביז וואַנען מיר קומען אום. איך האָב איבערגעלעבט יענע צייט ווען די דערפער האָבן זיך אויפגעהויבן, און האָבן פאַרברענט די הייף. די מאַכט האָט געשיקט די מאָלדאָווענער זיי זאָלן שיסן אויף אונדזעריקע. און מיך האָבן זיי קאָנצענטרירט און מיך געשיקט מיטן רעגימענט אין די מאָלדאַווישע געגנטן, מיר זאָלן אַנדערע פאַרשטאָפּן דאָס מויל, אַלץ פון אונדזערע ערד־אַרבעטער.

כ'האָב געהאַט אַ קלענערן ברודער. אַ קינד: איז ער געבליבן אינדערהיים כּדי אַכטונג צו געבן אויף די בהמות מ'האָט געפּויקט אַז די קנעכט זאָלן נישט פאַרלאָזן די הייזער. זיי זאָלן נישט אַרויסגיין ווייל די רעגירונג שיסט. אין אַ איינדערפדי איז מיין ברודער אַרויסגעגאַנגען אין הויף אַריין. אַ פּאַטרולע מיט אַ יונגן אָפיציר זיינען דורכגעגאַנגען אויפן וועג. דער אָפיציר דערזעט מיין ברודער — וואָס איז מיט דיר דאָ?
— כ'בין אַרויסגעקומען, זאָגט דאָס ברודערל, כ'זאָל געבן עפּעס

עסן די בהמות. דער אָפּיציר נעמט ארויס פון דער קעשענע דעם רעוואָלווער און האָט געמאכט פּאַק! דאָס יינגל איז גע־פאלן ווי א ווייצן־זאנג, ער האָט אפילו קיין פּיפּס ניט געטון. אלץ אין דעם זעלבן אינדערפרי האָבן זיי געגעבן א האק מיט דער שווערד מארינאַן גיצע טשאַרטעס, זי איז געווען טראָגנ־דיק און דאָס קינד איז ארויס פון איר, אויפן שטויביקן וועג. זיי האָבן ארייננעוואָרפן אזוי פיל שרעק אין די קנעכט, אז זיי זאָלן עס געדענקען אויפן גאנצן לעבן. זיי האָבן אונדז אָנגעלערנט און מיר דולדן. מיר זיינען נאָך אָרעמער. כ׳ווייס נישט וואָס ס׳וועט נאָך געשען... ס׳טוט דיר ווי?

ניין, פעטער טריגלעא, אָבער ס׳רייסט מיר דאָס הארץ...
כ׳פרעג מיך: ביז ווען?

— ביז גאָט וועט זיך אומקוקן אויף אונדז.

מיטרעא האָט געזיפצט און געיעכצט, דערנאָך האָט ער אין דער שטיל אויסגעהערט פונעם פעטער טריגלעא אנדערע דערציילונגען וואָס האָבן אמאָל פּאַסירט. ער איז אביסל מבושם געוואָרן פונעם בראָנפן און האָט אָנגעהויבן צו דרימלען.

דער פעטער טריגלעא האָט אויפגעהערט און האָט געפרעגט:

— שלאָפסט?

— נאָך נישט, האָט מיטרעא געענטפערט.

כ׳האָב דיר געוואָלט זאָגן אז פריער מיט צוויי טעג, איידער ס׳האָט זיך דיר געטראָפן דער אומגליק, איז געקומען אין הויף אריין דיין ברודער גיצע. ער האָט געזאָגט אז ער האָט צו טון מיטן פּריץ. ער האָט מן דסתם פארלאנגט ער זאָל דיר העכערן דעם לוין.

— מיטרעא איז אויפגעשפּרונגען פון זיין געלעגער. ער האָט געשריגן ווי אן אָפּגעבריטער:

— דער ברודער גיצע?

— וואָס דען אן אנדערער?

— דער מילנער?

— ער, טייערינקער. דיין ברודער דער מילנער.

מיטרעא האָט געפילט ווי ס׳האָט אים געטון א בליץ אינעם מוח, ער האָט פארבינען די רייד וואָס ער האָט געזאָגט אין דער מיל ווענן די געשעפטן פונעם הויף, מיט דעם וואָס דער

דריינאַזיקער האָט לעצטענס געזאָגט אויפן טורעם־הייזל.

— זאָלסט וויסן, פעטער טריגלעא, אז מיין ברודער האָט מיך פארקויפט דעם פריץ. ס'איז נישט גענוג געווען וואָס ער האָט מיך אוועקגעגעבן פאר א קנעכט, ער וויל מיך אויך אומ־ברענגען.

— עהע! האָט געזיפצט דער אלטער! — ס'איז פאראן א ווערטל: „ס'זאָל נאָר נישט זיין פון דער הייליקער עוואנ־געליע"?

מיטרעא האָט אויסגעשטשורעט די ציין.

— ניין, ס'איז פון דער הייליקער וויטיק, טייערינקער.

— „ווער האָט דיר ארויסגענומען דאָס אויג?—דער ברודער — דערפאר איז ער אריינגעקראָכן אזוי טיף".

— טיף האָט ער מיר אריינגעשטאָכן, פעטער.

— ס'קען אזעלכס מעגלעך זיין? האָט געצווייפעלט דער אלטער טריגלעא.

— לויט איינציקע פאקטן וואָס מיר וויסן פון גיצען, האָט אזעלכעס געקענט געשען: מיט דעם אלעמען, טייערינקער, איר זענט דאָך פון איין מאמע און איך וויים אז ער גייט אין קלויסטער אריין און איז זיך מודה ומתודה. די הייליקע מו־טער קען אים נאָך שטראָפן. ער גייט גלייך אין גיהנום אריין צום שטן.

— פעטער טריגלעא, ער האָט נישט קיין מורא פאר די געשפענסטער פון יענער וועלט. אים, זאָל גוט זיין דאָ, פעטער טריגלעא. ער זאָל זאמלען מאָל־שטייער, ער זאָל פאראקערן מיינע פאָגאָנעס ערד... וויי, וויי! וויאזוי האָב איך אים דעמלט נישט אריינגעשטאָכן דעם הייגאָפּל...

— ווען?

— דעמלט ווען ער האָט געוואָלט מיך אָפּריימען פון דער ערד, נאָכדעם וואָס מיר האָבן מקבר געווען דעם טאטן מיט דער מאמען.

טריגלעא האָט זיך געמאכט דעם צלם.

— היט אים הייליקע מוטער פונעם שטנס הענט! לאָז נישט צו אזא גדאנק, מיטרעא, ס'זאָלן דיר נישט פארפוילט ווערן די ביינער אין תפיסה.

— כ'לאָז מיך אָפּ פּעטער טריגלעא, בעסער, ווען ס'וועט קומען די צייט, וועל איך אים שלעפּן צום משפּט.

— כ'וואָלט דאָס אויך נישט געטון, מיטרעא, איר וועט זיך איינפּארשטיין.

מיטרעא האָט געפילט אז ס'איז אים דערגאנגען ביז צו דער גאָל. טריגלעא האָט זיך געוואונדערט, זעענדיק ווי ער לאכט צו זיך אליין און ווי ער שטרענגט זיך אָן, באלד נאָכדעם ארויסצוגיסן די גיפט פון זיך. ער האָט אים נאָכאמאָל געגעבן צו טרינקן אביסל בראָנפן ביז דאָס יינגל איז געפאלן מיטן פּנים אויפן בינטל שטרוי און די אויגן זיינע זיינען פארנעפּלט געוואָרן. דעם אנדערן טאָג גאנץ פרי האָט דער פּעטער טריגלעא אָפּגעפירט מיטרעאן מיט א וועגעלע ביז צו די דראָפּיעס און האָט אים דאָרט אראָפּגעלאָזט צווישן די ווימלענדיקע ארבעטער.

קודם האָט קיינער נישט געקוקט אויפן יינגל. ערשט צו מיטאָג צו ווען זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפצוזאמלען פאר דעם ברונעם און טריגלעא האָט זיי ארויסגעבראכט פונעם ציימער דעם באָרשט פון די קרייטעכצער און דאָס ברויט פון גערשטן, האָבן זיי אים באפאלן מיט שטעכווערטער, אייניקע פון איין זייט און אנדערע פון דער צווייטער זייט. זיי האָבן געזען ווי ער איז נאָכגעלאָזט, גלייך ווי ער וואָלט ארויס אָן אָפּגעפּארעטער פונעם באָד. די אויגן־עפּעלעך זיינען אים געווען פארלאָפן מיט רויטע פעדעם. אן אנדערש מאָל וואָלטן זיי נישט געוואגט אים צו טשעפּן, קענענדיק אים אלס א העפּטיקן און א דרייסטן. ,אצינד. אָבער האָבן אפילו די יונגסטע געוואגט:

— דער פּלוטאָניער קערנעאצא האָט אים געפירט אויף א חתונה.

— ער האָט אים ארויסגעגעבן א תשובה.

— אפשר האָט אים דער פּריץ קריסטעא גאָר גערופן ער זאָל אים שענקן א פּאָר אנדערע שטיוול.

— ניין ער האָט צוגעשלאָגן נייע פּאָטקאָוועס אויף די אלטע, ווייל ער האָט זיי אָפּגעריבן נאָכגייענדיק די מיידלעך.

מיטרעא האָט געשוויגן, פאר מידקייט איז ער ארויפגעפאלן אויף א בינטל אלטע קאָטשאנעס, ער האָט נישט געזען

קלאָר, ער האָט נישט געהערט. די טריגלאָיערן האָט געמאַכט א גוטן באָרשט און אים גוט געפעפערט, און דאָס ברויט איז געווען צו אַלטגעבאַקן און מיט זיינע יונגע ציין וואָלט ער עס געקענט בייקומען, ער האָט אָבער צו גאָרנישט קיין חשק געהאַט. ס'איז אים געווען נמאס דאָס לעבן און ער וואָלט געוואָלט אריין אין דער ערד. ער זאָל זיך אָפּרוען צווישן די טויטע.

ער האָט זיך צוגעטוליעט צו טריגלעאַן. דער אַלטער האָט געמאַכט אַן אָנשטעל פון א שטיקל בעל־הבית. ער האָט געדרייט א גראָבן ציגאַר פון פּאַפּשויע בלעטער און האָט דערציילט „וויאַזוי ס'אין געשען דאָס בלבול אויפן אומגליקלעכן מיטרעא".

— וויאַזוי איך ווייס נישט, אַזוי האָט ער נישט געוואוסט פון קיין ביקס.

— וויאַזוי האָט ער געקענט וויסן, אַז די ביקס איז אַפילו נישט געגנבעט געוואָרן.

— ס'איז דען דאָס ערשטע מאָל וואָס דער פּריץ גרייט צו אַזאַ שפּיל ? זיי האָבן געשוויגן, מיטרעא האָט זיך אומרויק געוואָרפן. דערנאָך האָט ער זיך באַרויקט און זיך געלייגט אויף דער אַנדערער זייט, גלייך ווי ער וואָלט געווען שלעפעריק. טריגלעא האָט געבראַכט די באַבע קיצע טריגלאָיע, וואָס איז געווען מיטרעאס הייבאַם צוריק מיט א צוואַנציק יאָר. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט זיך געזויגן די ליפּן פון איר אָנציינוקן מויל. דערנאָך האָט זי געגייגט איר קערפּער בלאָזנדיק אויף אַלע פיר זייטן. זי איז געווען א שווערלעכע און האָט געקרעכצט בשעת זי האָט זיך אויסגעגלייכט דעם קערפּער. מיטרעא האָט איר געענטפערט פון די קאָטשענעס : ער האָט אויך געקרעכצט.

בשעת זי האָט באַמערקט אַז ער הייבט אויף א פינגער האָט זיך דאָס צעאַקערטע ערדיש פּנים אירס באַלויכטן.

— זיי האָבן אים געשלאָגן האָט זי געיאָמערט. טריגלעא האָט זי איבערגעשלאָגן.

— דאָס זעט מען, קיצא.

— ס'איז אָבער נאָך עפּעס געשען : ס'האָט עמעצער אים געגעבן א גוט אויג.

— גיבער, קיצא, האָט אים עמעצער צעקלאַפּט די נירן.

— דאָס קען אויך זיין, איך ווייס אָבער אַז ער האָט גע־כאַפּט אַ גוט אויג. כ׳וועל אים נעמען צו מיר אויפן בוידעם פונעם שטאַל, אים אָפּשרעכן, און אים איינהיילן. זיי זאָלן נאָר נישט דערלעבן דעם מאָרגנדיקן טאָג די נאַזיקע, און די אויס־געפּאַסטעטע מילנערס, ווי די חזירים, און די ווייבער, וואָס ס׳גייען זיי ארויס די אויגן נאָך די מאַנסבילן!... דער ווינט זאָל זיי אויסטרוקענען, דער טיפוס זאָל זיי פאַרברענען, ווייל זיי האָבן אַ תל געמאַכט פונעם יינגל.

— שווייג באַבע, האָט טריגלעא געמורמעלט. יענע לייט זאָלן דיך נישט הערן.

— שווייגן זאָלן יענע וואָס איך ווייס, זיי זאָלן קיינמאָל נישט עפּענען דעם פּיסק!

נאָכדעם וואָס זיי האָבן אים געטראָגן און אנידערגעלייגט אינעם שאָטן פונעם שאָפּראָן האָט די באַבע טריגלעא אים איינגעהילט אין אַן אַלטן פּעלץ. טריגלעא האָט זיך געדרייט אהין און אהער אָן אַ שום זין צווישן די טעפּ און מכשירים, ער האָט געזוכט אַ לעבעדיקע קויל אינעם אַש פונעם אויוון, ער האָט אויסגעשטרעקט זיין אָדערדיקן און לאַנגען האַלדז כדי נאָכאַמאָל צו זען מיטרעאַן און ערשט שפּעטער האָט ער געשטשעפּטשעט צו דער טריגלעאַכע :

— דער אויפזעער ראַדו האָט געזאָגט, זאָלסט טון וואָס ס׳איז צום טון און זאָלסט ראַטעווען דאָס יינגל. אַ טאָג צוויי גייט עס נאָך, אָבער דערנאָך וועט געוויר ווערן דער דריינאָזי־קער און זיך אָנצינדן ווי אַ פייער. דעם דריינאָזיקן גייט נישט אָן קיין קראַנקע. ער האָט נישט מיט זיי וואָס צו טון און וואַרפט זיי ארויס.

די באַבע האָט זיך אומגעקערט מיט אַ רוגזה ווי אַ צע־שויבערטע קוקווייקע.

— זאָל אים דער רוח דעם גאָרגל פאַרציען, ער זעטיקט זיך גאַרנישט אָן פון די רוחים, און ס׳איז אים אָן אָכטיק מיט וויפל ער ווערט פעטער, מ׳האָט דאָך דאָס יינגל געשלאָגן נאָך זיין באַפעל און אצינד לייגט מען די שולד אַלץ ארויף אויפן יינגל? כ׳קען דאָס דאַזיקע אויפירעכץ, האָט זי געגעבן אַ

זיפץ, כ'קען, כ'קען דאָס גאַנץ גוט, ווייל מיט מיר האָט זיך דאָס אויך געטראָפן כ'בין געלעגן צען טעג און אז ס'איז גע־קומען צו דער רעכנונג האָט ער מיר אָפּגעצווינגן דרייסיק. ער האָט מיר צוגענומען מיין לוין און האָט מיר נאָך צוגעשטעלט פּראָצענט, ס'זאָל זיך אים שוין אמאָל צעגיסן זיין פוילע גאַל! יאָן, זאָלסט א לויף טון נאָך הײנטיקע נאכט צו אונדזער כאטע אינעם הויף און זאָלסט זוכן אונטער דער איקאָנע א פלעשעלע מיט אייל פון בילזנקרויט, כ'זאָל אָנשמירן די וואונדן פונעם יינגל. כ'האָב אָנגעשמירט אויך די וואונדן פון אסאך אנדערע און האָב זיי אויסגעהיילט פון די בראנד־וואונדן פון דער בלייענער בייטש. כ'וועל אויך אויסהיילן דאָס יינגל און וועל אים שטעלן אויף די פיס. אסאך וועט ער דאָ נישט פאר־בלייבן. דעם פרילינג האָט מען אים פארשריבן צום מיליטער און אינעם חדש סעפּטעמבער וועט ער פאָרן צו זיין רעגי־מענט. אפשר וועט ער גיכער געפונען מיטלייד אין דער פרעמד.

— וואָס פאר א מיטלייד קען ער דאָרט געפונען?

— ער וועט טרעפן מער ווי ביי זיין ברודער, דער אָנגע־בלאָזענער ווי מיט א סטראָסטשערע, מער ווי ביי די פּריצים און פּריצות. איינעם געפעלט וואָס ער ארבעט פאר דריי, אָן אנדערע פאר אנדערע זאכן. זאָלן זיי קומען און זען וואָס זיי האָבן געמאכט פון אזא טייערן בחור. זונטיק גיי איך אין קלויסטער אריין און וועל דאָרט תּפילה טון און אים פארקלאָגן פאר דער הייליקער מוטער. אָ, גוטער גאָט, הייליקע מאריע, בלאָז זיי אָן און דערנאָך מאך אזוי, אז זיי זאָלן קראפּירן, זיי זאָלן צוזאמענפאלן ווי פון א ביקס! וואָס איז, דער מאמעס זונעניו? פארוואָס קרעכצכטו? ס'טוט דיר וויי די פּלייצע? ס'טוען דיר וויי די קריזשעס?

מיט פארמאכטע אויגן פון זיין געלעגער, האָט מיטרעא געגעבן א שאָקל מיטן קאָפּ וואָס האָט געהייסן אז ס'טוט אים נישט וויי נישט די פּלייצע און נישט די קריזשעס.

— כ'ווייס, כ'ווייס, טייערינקער, אז דיין הארץ איז פאר־וואונדעט פון צאָרן און אומגערעכטיקייט.

מיכרעא האָט נישט געענטפערט. דער פעטער טריגלעא איז

ארויסגעגאנגען. די אלטיטשקע איז געבליבן אליין, זי זאָל זיך באַראָטן מיט זיך אליין און מיט די געשפּענסטער.

טריגלעא האָט געבראַכט דעם אייל פון בילזנקרויט. צוזאַמען מיט דעם אייל האָט ער אויך געבראַכט דעם באַפעל פון דעם פּריץ קריסטעא. מען זאָל אים געבן א ענטפער צו מיטרעא קאָקאָר טוט זיין פליכט. אויב ער טוט נישט זיין פליכט, זאָל קומען זיין ברודער דער מילנער זען די השבונות פון זיין ברודער: ווייל ער איז שולדיק פאַר קליידונג און שיכונג. און פאַר אנדערע זאַכן וואָס זיינען פאַרשריבן אין די רעגיסטערס. פאַר אלץ וואָס פעלט פון דער שטאַל און פונעם מאַגאַזין, קען מען נישט ציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט ווי נאָר די וואָס האָבן די טבע צו גנבענען פּריצישע ביקסן.

— זאָלסט אויף אים שיקן א דונער, גאָטעניו, אויף דעם אומרחמנותדיקן, האָט זיך די באבע קיצא געבוקט צו דעם שפּינוועבס וואָס ס׳האָט געהאָנגען אויף דעם שטרויענעם דאַך פונעם שטאַל.

— נאָך דער באבע קיצעס געבעט האָט זיך גאָט דערבאַרעמט. ס׳האָט נישט געדונערט און נישט געבליצט, נאָר ס׳איז אָנגעקומען פון מערב־זייט א ווינט א גרויסער אויף דער וויסטע פון דראַפּיע. ווען און ווען האָט יענער ווינט געבראַכט שלאַקס רעגנס. ווען די רעגן־כוואַליע האָט זיך אָפּגעשטעלט האָט דער ווינט געבלאָזן און געפייפט.

ס׳האָט געברענט אין אויוון א שטיל פייער פון פאַרפוילט שטרוי. דער רויך איז ארוים ווי א זייל דורך דער עפנונג פונעם דאַך, די באבע קיצא איז געזעסן אויף דער ראָגאָזשינע מיט די פיס אונטער זיך, אכטונג געבנדיק אויף מיטרעאן. ווען און ווען האָבן ארויסגעלייכט צוויי פייערדיקע אויגן פונעם גליענדיקן אש. די באבע האָט געשפּיגן אויף דעם געשפּענסט.

מיטרעא האָט געקוקט גלייך צו די צוויי פייערלעך פון דעם גליענדיקן אש. ער איז אלץ נאָך נישט געווען וואַך. די באבע האָט אים געטאַפּט דעם שטערן און האָט געזען אז ער איז פול מיט היץ. צומאָל איז ער פאַרזינקען געוואָרן אין א נישט רויקן שלאָף, פון וועלכן ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און דעמלט האָט געגלינזערט דאָס גליענדיקע אש ווי צוויי גלי־ווערם און

זיינע האלב־אָפּענע אויגן. ער האָט געקרעכצט ער האָט געשעפּטשעט עטלעכע סודות־פולע ווערטער.

קיצא טריגלאָיע האָט זיך צו אים גוט צוגעהערט. זי האָט זיך געצלמט, צומאָל האָט זי זיך צולאכט פארציענדיק די ליפּן אויף איר ליידיק מויל.

— די וואונדן האָבן זיך אויסגעהיילט, האָט זי איינגערוימט טריגלעאן צוטוליענדיק זיך צו אים אינעם שטרוי. ס'איז געווען שפּעט אינדערנאכט און דער ווינט האָט זיך צוביסלעך אָפּגעשטעלט. די וואונדן האָבן זיך פארהיילט, דער הארצווייטיק האָט זיך אָבער נישט אָפּגעטון פון אים. ווען די הענער האָבן געקרייעט אינמיטן דער נאכט איז אים די היץ אָפּגעגאנגען און באלד איז ער איינגעשלאָפן. כ'האָב אָבער מורא אז אויפדערנאכט וועט ער ווייטער ריידן פון דער היץ. אפשר וועט ער נישט ריידן פון דער היץ. גלייך ווי די נשמה גייט פון אים ארויס, און גייט ערגעץ אוועק, פארן הויף אָדער פאר דער מיל. די אויגן זעען פון דאנען ווי זיין נשמה אָנעם קערפּער גייט ארום ווי א געשפּענסט. לאָקערט אויף עמעצן. אויף יענע וואָס האָבן אויף אים אויסגעטראכט דאָס בלבול און האָבן אים צעשמעלעט. ער באפּט זיי אָן און רעכנט זיך אָפּ מיט זיי.

— דאָס יינגל איז נאָך קראנק, קיצא. כ'קלער אָבער אז ס'וואָלט געקענט זיין אזוי ווי דו זאָגסט. אָבער נישט דורך א קרענקלעכן געשפּענסט. נייערט ס'זאָל קומען אין דער אמתן די צייט, ווען אויך די הערצער פון די קנעכט זאָלן פארהארטעוועט ווערן פון די אלע רשעותן אין וועלכע זיי זיינען פארזונקען.

אזוי האָט מיטרעא קאָקאָר פארבראכט אין דער וויסטע, אויפהייבנדיק זיך פון זיינע ליידן, ווען ס'האָבן אָנגעהויבן דורכצופליען אונטער די הארבסט כמארעס די ווילדע גענדז צו מזרח צו.

VII

א צייט האָט זיך מיטרעא קאָקאָרס לעבן וואָס ער האָט עס פאַרבראַכט אינעם רעגימענט געווען ווי אין א נעפּל. גלייך ווי ס'וואָלט מקוים געוואָרן דער חלום וואָס ער פלעג ווען און ווען חלומען אין די פיבערדיקע נעכט. ס'איז געווען דערזעלבער חלום. ס'האָט זיך אים געדאַכט אז ער שטייט און וואַרט ס'זאָל זיך פאַר אים עפענען א גרויסער אייזערנער טויער צו אן אומבאַקאַנטע לאַנדשאַפט. ער האָט געוואַרט אין דער טונקל אין דער בלאָטע, גלייך ווי נאָך א רעגן. ער האָט געוואוסט אז ס'זיינען דאָ אַסאַך אַנדערע וואָס וואַרטן אין פאַרשאָטנטע ווינקלען. ער האָט זיי געפילט כאָטש ער האָט זיי נישט געזען און נישט געקאָנט. ער איז געשטאַנען און געקוקט גלייך צום הויכן און שווערן טויער. ער האָט געדאַרפט אַריבערגיין אויף אַנאַנדער געביט. ער האָט געהאַט דאָס געפיל אז ער האָט זיך אָפּגעטיילט פון א טייל פון זיין לעבן וואָס ער האָט געלעבט אין מאַלו־סורפאַט און האָט זיך דערמאַנט פון אַלץ מיטאַמאָל — גלייך ווי ס'וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען אין משך פון די יאָרן. אַלץ איז געשטאַנען ווי פאַרשטאַרצט הינטער אים און ער זאָט אַלץ פאַרלאָזט. נאָכדעם וואָס ער האָט אַביסל געוואַרט האָט ער פאַרשטאַנען אז דער טויער וועט זיך עפענען. פּלוצעם אָבער האָט ער זיך רעכנשאַפט געגעבן אז ער איז אָנגעטון אין

שמאטעס, באָרוועס, מיט א נאקעטן נישט באדעקטן קאָפּ וואָס ער האָט אים ערשט אויפגעהויבן נאָך די ליידן. די באבע טריגאַליע האָט געלאכט צו אים ארויסווייזנדיק אים די אָפּגע־ריבענע יאסלעס און האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט: „ס׳קען נישט זיין טייערינקער, זאָלסט אזוי גיין צו דער הייליקער מאריא...״

נאָכדעם וואָס ער האָט זיך אויפגעכאפּט פון יענעם פיבער־דיקן חלום, האָט אים דאָס הארץ געקלאפּט. א טייל פון זיין לעבן האָט זיך געענדיקט ער האָט זיך געפילט אזוי עלנט צווישן פרעמדע, וויאזוי ער איז געווען אן עלנטער און א יתום אין זיינע קינדער־יאָרן. נאָר טריגלעא און זיין אלטיטשקע האָבן אויף אים רחמנות געהאט. אצינד האָט ער זיך אָפּגעשייד אויך פון זיי.

ער איז געקומען מיט א מורא אין רעגימענט אריין, וואַרטנדיק ער זאָל דאָרטן טרעפן שרעקלעכע פייניקונגען. ער איז צופרידן געווען וואָס ס׳האָט זיך אים גאָרנישט געטראָפן פון די אלע אומקלאָרקייטן וואָס ער האָט זיך פאָרגעשטעלט.

ער איז אריין אין די הענט פון דעם פלוטאָניער־מאזשור קאטאראמע, אנטשלאָסן ער זאָל אלץ אויספירן ווי אין א קנעכטשאפט פון וועלכער מען קען נישט ארויס ווי נאָר דורך געניצלעכע אונטערטעניקייט. די שרעק פאר שלאָגן האָט גע־לויערט ווי א חיה אין אים. ער האָט מורא געהאט פאר זיין אייגענעם אויסברוך ווי פאר אן אויסגעצויגענע פייל פון א פאסטקע. אזוי אז דער פלוטאָניער־מאזשור קאטאראמע האָט אין אים געפונען א געהאָרכזאמען און קלוגן בחור. ער איז אים געפעלן און האָט אים גענומען אונטער זיין השגחה. אָבער דאָס האָט געבראכט א צו קליינע פארלייכטערונג צו דער פאר־ביטערטקייט וואָס האָט אים געמוטשעט.

צוויי חדשים נאָכדעם וואָס מיטרעא האָט איינגערוקט, האָט דער פלוטאָניער־מאזשור געגעבן, אזוי ווי ער פלעג זאָגן דעם פסק:

— דו, קאָקאָר דומיטרו, דו, א שאָד. ביסט א געהאָרכזא־מער און א קלוגער בחור, דו קענסט אָבער נישט לייענען און שרייבן. ווען דו וואָלסט געווען עפּעס לערנען וואָלט איך פון

דיר געמאַכט א לייט. לויט ווי איך האָב פאַרשטאַנען האָסטו א קליינע האָפענונג אויף דעם פאַרמעגן פון דער היים. אַזוי אַז דו וואָלסט אפשר געקענט קומען אויף מיין פּלאַץ; ווייל אין יאָר 1942 פאַרענדיקט זיך מיין דריטער אַנגאַזשאַמענט. און דעם צושטאַנד אין וועלכן דו געפינסט זיך קענסטו ווערן א פרונטאַש און ווייטער איז פאַר דיר די מיליטערישע קאַריערע פאַרמאַכט. אַנאַנדערט מאָל: האָט ער געזאָגט:

— דו, קאָקאָר דומיטרו, וואָלסט מיר געקאָנט זאָגן אַז דו וועסט לערנען אין רעגימענט. וועל איך דיר ענטפערן: דו קאָקאָר דומיטרו, די אַרטילעריע איז א שווער געווער דו קריכסט אַריין אין דער טעאָריע ווי אין א בלאָטע, אַז דו קענסט אַזש נישט אַרויס. האָסט נישט קיין צייט דו זאָלסט דיך אָפּגעבן מיטן לערנען.

אַנימלט, שפּעט באַנאַכט, אין דער קאַנצעלאַריע, פאַרן איג־ספּעקטירן די רעקרוטן, האָט דער פּלוטאָניער־מאַזשור קאַ־טאַראַמע א טובה געטון דעם קאָוואַל פּלאָרעאַ קאָסטעאַן און האָט מסכים געווען דעם כבוד פון צוויי ליטער וויין. מיטרעאַ האָט צוגעהאָלפן פּלאָרעאַן אין די פרייע שעה'ן ווי איינער וואָס פאַרשטייט זיך אין ער זאָל באַזאָרגן און באַהערשן די קאַוואַלעריע־פערד.

— דו, קאָקאָר דומיטרו, זעץ דיך אויך דאָ אַנידער אויפן בענקל און טרינק א גלעזל. דער דאָזיקער עלטערער קאַמאַראַד פאַרלאַנגט דיך. ער זאָגט אַז דו ביסט א גוטער קאַמאַראַד און לערנסט גרינג די מלאָכה פון קאָווען פערד. אַז דו וועסט אויפכאַפּן ביי אים די קליינע אותיות, ווערסטו איבער א יאָר א קאַפּאָראַל. ער באַפרייט זיך א סערזשאַנט און דו בלייבסט אויף זיין פּלאַץ. כ'וואָלט געקענט זאָגן אַז אין אייך האָב איך דעם גאַנצן צוטרוי. פּלאָרעאַ איז מיין רעכטע האַנט. קאָקאָר איז מיין לינקע האַנט. כ'מיין אַז מיר וועלן מאָרגן גוט אַרויס מיט די אינספּעקציעס. די גאַנצע זאָרג און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַלט אויף אונדז. וואָס ווייסן די דאָזיקע?...

פון די הערן אָפיצירן, רעדט דער אָבערפעלדפעבל קאַטאַ־ראַמע מיט א זייער קליינעם רעספּעקט.

— וואָס ווייסן די דאָזיקע, צו מאַכן דעם הויף די

פריצעס, אומגיין ווינטער אויף די בעלער, שפילן קארטן. קאַ־טאַראמע האָט נישט שטודירט אַזויפיל ווי זיי, קאַטאַראמע האָט נישט מער געלערנט ווי פיר גימנאַזיע־קלאַסן, ער האָט אָבער געלערנט די מלאָכה און פאַרשטייט זיך אויף אין מיליטער־איינגעלעגנהייטן. עהע! ווען ס'וואָלט נישט געווען דער פּלו־טאָניער קאַטאַראמע...

ער האָט זיך געדרייט די לאַנגע גרויע וואָנסעס און האָט געלאַכט:

— ווען קאַטאַראמע וואָלט נישט געווען, וואָלט שווער גע־ווען פאַר די הערן, וואָס זאָגסטו, אַלטער קאַמאַראַד?

— אַזוי איז עס ווי איר זאָגט, הער אָבערפעלדפעבל, האָט אים פלאָרעאַ פאַרזיכערט, שטויסנדיק מיטן פינגער אונ־טערן טיש, מיטרעאַס קני.

— ווען איך וואָלט געהאַט זייער שול, עהעי, וואָלט איך ווייט אָנגעשפּאַרט וואָס זאָגסטו אַלטער קאַמאַראַד? ער גיסט זיך אָן נאָך א גלעזל און זאָגט: כ'וואָלט געוואָרן... אָדער אפשר וואָלט איך געבליבן גלייך ווי זיי. איך וואָלט מיר גוט געלעבט און ס'וואָלט מיך גאָרנישט געאַרט. איך וואָלט געהאַט אַן אָבערפעלדפעבל, אַזעלכן ווי איך בין אַצינדערט. אָבער־פעלדפעבל, טו דאָס, אָבערפעלדפעבל, טו יענץ, אָבערפעלדפעבל, טו אַלץ, ווייל דערפאַר צאָלט דיר די מלוכה און דערפאַר ביסטו געוואָרן אַן אָבערפעלדפעבל. וואָס צאָלט מיר די מלוכה? אַז אַך צו מיינע טעג. כ'קען מיך קוים אויספּלאָנטען. ס'וואָלט אַלץ בעסער געווען איך זאָל געווען זיין א קאָלאָנעל און דער הער קאָלאָנעל אויף מיין פּלאַץ. ניין, אַזוי איז אויך נישט גוט, ווייל די דאָזיקע קענען זיך נישט אויס.

— פאַרקערט, ווען איר וואָלט געווען א קאָלאָנעל, וואָלט איר זיך אויסגעטויגט.

— כ'מיין אויך אַזוי האָט געענטפערט שטאָלץ דער אָבער־פעלפעבל. אויף אַנאַנדערן אופן וואָלט איך געהאַלטן דעם צוים און וואָלט איינגעצויגן די שפּאָרן אַזוי ביז איך פאַר־בליבן דאָס וואָס א איך בין, און אין 1942 יאָר וועל איך אַרוים אויף פּענסיע. אויב די מלוכה וועט מיר געבן ערד. עפּן איך מיר א מיל...

מיטרעא קאַקאַר האָט אויסגעשטורעט די ציין.

— ווי מיין ברודער גיצע.

— וואָס דיין ברודער איז א מילנער דו קאַקאַר? יענער וואָס האָט דיר צוגענעמען די ערד?

— יענער, איך וועל מיר אָבער אָפּנעמען די ערד, נאָכדעם וואָס כ'וועל ארויס פונעם מיליטער.

— ווילסט אפשר אים איינקלאָגן? האָט געלאַכט דער פּלאָ־טאָניער־מאזשור. ביז ס'וועט זיך ארויסווייזן דיין גערעכטיקייט, וועסטו לאָזן די נשמה און וועסט ליגן דאָס לעבעדיקע אויפן טויטן. קלער בעסער אז די מלחמה איז פאר דער נאָז און מיר דארפן נישט מער ווי די פיר איילן. די רגע פון טיפן טרויער פון די לעצטע ווערטער האָט דער פּלוטאָניער־מאזשור געהיילט אויסלייזיקנדיק אויף דער גיך דאָס גלאָז ווייך.

פּלאָרעא קאָסטעאס פּנים איז פארכמורעט געוואָרן:

— מיר שווימען ווי די בלעטער אין וואסער, האָט ער גע־זאָגט. די יוגנט פון דער וועלט קומט אום און בלייבן קאַ־ליקעס.

— וואָס רעדסטו די אלטער קאמאראר? האָט זיך באגייס־טערט דער פּלוטאָניער־מאזשור. זיינען מיר צי זיינען מיר נישט קיין מיליטער לייט?

— האָבן מיר צי האָבן מיר נישט דעם חוב צו קעמפן פארן היימלאנד?

דער אלטער קאמאראד האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ קוקנדיק צו קאַקאַרן... דער דאָזיקער האָט אויפסניי אויסגעשטשורעט די ציין:

מיר אָרעמע קעמפן פארן הער קריסטעא דער דריינאָזיקער און וועגן אנדערע ווי ער וועלכע בראָטן און עסן אונדז אויף.

— וועלכע דריינעזיקער?

— איינער פון מיין היים... האָט מיטרעא געזיפצט.

פּלאָרעא האָט זיך אריינגעמישט. ער האָט מיר דערציילט וויפל ער האָט זיך אָנגעליטן ווייי צו זיין מזל? דער ווייך ווערט קאַלט, הער פּלוטאָניער־מאזשור.

מיט די דאָזיקע וואָלט איך איינס צוויי זיך אָפּגערעכנט

האָט א צערייצטער געזאָגט קאטאראמע. ער איז געווען פאר־לעקט און די אויגן זיינען אים פייכט געוואָרן...

איך אָבער קען מאכן אָרדענונג נאָר דאָ, דו קאָקאָר. דאָרטן וואו די זאָגסט זאָלן מאכן אָרדענונג די וואָס רעגירן. אויב זיי מאכן נישט האָבן מיר זיי אין דער ערד און מיר האָבן זיך אין זין אונדזער אויפגאבע. אויב מיר קומען דורך מאָרגן די אינספעקציע איז אין אָרדענונג. דאָס איז דאָס וויכטעקסטע. יענע וועל איך שוין ווייזן אזוי ווי איך קען.

דער פלוטאָניער־מאזשור קאטאראמע האָט געשמט מיט זיין ארט שעלטן. אלס לייטישער־מענטש האָט ער זיך געהיט צו שעלטן אָנרופנדיק די געטער, הייליקע, און ריינקייטן; ער האָט נאָר דערמאָנט נאָר טיילן פון זייער גוף, קליידער און דעקאָ־ראציעס. צבאותם באָרד. דער הייליקער מאריאס שלייער, דער הייליקער־יוליאנאס פאנטאָפל, דעם הייליקן פעטרוס סאקווע, דעם מלאך גבריאלס פופיק און אייער כריסטאָס עוואנגעליעס מוטער אריין...

— דעם יווזלס פיר מגלות אין אייער מוטער אריין, זשלאָ־בעם וואָס איר זענט! האָט ער געשריגן שטייענדיק אויף זיינע צונעמענע פיס און אויסגלאָצנדיק א פאָר אויגן צו דעם כאָר פון דער פיערטער באטעריע. אזוי זינגט מען? לאָז ארוים דו, א קול מ׳זאָל הערן ביז אין הימל אריין! ביסט דאָך עפעס א מיליטער־מאן דעם מלאך גבריאלס פופיק אין דיין שוועס־טער אריין!

כדי ער זאָל קענען ארויסווייזן זיין פאָטעטישע אָריגינאַלי־טעט האָט דער פלוטאָניער־מאזשור זיך געניטיקט אין א היפשע צאָל גלעזער וויין אָדער אין א צאָרנדיקן ענטוזיאזם, אין יענער שפּעטער שעה האָט ער געשאָלטן זיינע עלטסטע און די ריכ־טער, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו געניצן ווי א אָפּגעמו־טשעטער.

דער רעגימענט־זייגער האָט געקלינגען האלב צוועלף ווען דער קאפּאָראל קאסטעא און מיטרעא זיינען געגאנגען צו זייערע געלעגערם אין דער קאָוולעריי פון דער פיערטער באטע־ריע. ס׳האָט זיך איבער אלעמען אויסגעשיט א ווייכער און נייער שניי וועלכער האָט אביסל געלויכט אין דער אָנלבנהדי־

קער נאכט. מ'האָט נישט געהערט זייערע טריט. פֿון דער ווייטנס לעבן די ווינקלען פֿון די דרויסנדיקע פֿויערן האָבן די וועכטער געמורמלט מיט שלעפֿערדיקע קולות די פּאַרמולן. זיי האָבן געמאָלדן אַז אויף די נומערן וואו זיי געפֿונען זיך איז אין אָרדנונג.

דער מאָמענט פֿון וואך־וועקסל איז דער גליקלעכסטער אויף דער ערד.

מיטרעא האָט געזיפֿצט :

— ס'וועט מיר קיינער נישט אומקערן די יאָרן אין וועלכע איך בין נישט געשלאָפֿן.

זיי זיינען אריינגעקומען אין דער קאָוולעריי אין דער פֿינ־צטער, זיי זיינען אריינגעגאַנגען אין קעמערל פֿון אונטערן אויוון. ער איז נאָך געווען אביסל ווארם ס'איז געווען ענג, מיט אַיין באלאָדנט פֿענצטערל. דער אלטער קאמאראד האָט אָנגעצונדן א חלב־לעכטל אויף א דרייפֿיסיק בענקאלע... די שטרויגעלעגערס זיינען געווען אויף דער ערד אויסגעבעט מיט וואָלענע פֿערדס־דעקן זיי האָבן פֿאַרייכערט א ציגאַר און זיינען נאָך אביסל געזעסן.

— דו האָסט אים געהערט ? האָט געפֿרעגט פּלאָרעא קאָס־טעא. ווי געפֿעלט ער דיר ? מיטרעא האָט געלאַכט :

— ס'געפֿעלט מיר ווי ער שעלט.

די באטעריע איז א קליינע פּאָסעסיע זיינע, האָט ערנסט געענטפֿערט פּלאָרעא קאָסטעא ער צופּט אָפּ פּאַר זיינעט וועגן פֿון דער ברויט־פּאָרציע, פֿונעם פּיצל פֿלייש, פֿונעם האָבער פֿאַר די פֿערד און פֿונעם זעלנערס צוקער־ראַציע.

— און מ'כאַפּט אים נישט ?

— ווער זאָל אים כאַפּן ? די גרויסע באַקומען אויך זייער חלק. קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם.

וואָס האָסטו געזאָגט ?

— כ'האָב גוט געזאָגט, וואָסזשע דו ווייסט נישט וואָס דאָס הייסט... האָט געשמייכלט דער קאָוואַל.

מיטרעא האָט אַראָפּגעלאָזט דעם שטערן.

— ביי אייך אין מאַלו־סורפּאַט ווער גיט אָפּ גערעכטיקייט די אונטערדריקטע און די בארויבטע ?

— דאָרטן, האָט מיטרעא שטיל געענטפערט, איז די גע־רעכטיקייט פון די אָרעמע לעגאַבע די רייכע שוין לאַנג גע־שטאָרבן און באַגראָבן.

— אויך דאָרטן ביי אייך, מיטרעא, איז אויך דער זעלבער סיסטעם ווי דער וואָס כ'האָב דיר געזאָגט.

— דאָס הייסט דער סיסטעם וואָס ס'ווענדן אָן די וועלף אויף די לעמעלעך, הער קאַפּאָראַל.

לויט דו האָסט מיר דערציילט, מיטרעא, זע איך אַז דו ביסט א געליטענער.

יאָ, הער קאַפּאָראַל, כ'האָב געליטן, אַנדערע אָבער האָבן געליטן נאָך מער און שווייגן און דולדן. מיר אָבער קומט אייניקע מאָל אוים צו שטאַרבן, ווי א פּייגעלע.

— יאָ. יאָ. דו דאַרפסט לערנען, דער קאָפּ וואָלט דיר נאָך אָפּענער געוואָרן.

— אפשר וואָלט זיך פאַר מיר אויפגעעפנט דער טויער...

דער קאָוואַל האָט אויף אים געקוקט נישט וויסנדיק וואָס ער מיינט דערמיט. ער האָט נישט געוואוסט פון זיין חלום.

— ...אזוי אַז כ'האָב געקלערט אַז כ'זאָל דיר קויפן א ביכל מיט א שרייב־טאָוועלע. ס'איז פאַראַן ביי אונדז אין דער 5־טער באַטעריע איינער פון אונזדעריקע א געלערנטער. ער וועט דיך נעמען אונטער זיין השגחה.

ס'איז מעגלעך אַזא זאַך ? האָט מיטרעא אויפגעציטערט.

ס'איז מעגלעך, דו זאָלסט אָבער קיינעם גאָרנישט זאָגן. ער וועט זיך מיט דיר אָפּגעבן א שעה אין טאָג, ער וועט מיט דיר רעדן וועגן דעם וועגן יענעם...

קאָקאָר האָט געזיפצט.

— ס'זיינען פאַראַן אויף דער וועלט, פריינט מיטרעא, מענטשן וואָס קעמפן פאַר דעם רעכט פון די אָרעמע, פאַר אויפקלערן די אומוויסנדע... האָט ווייטער גערעדט דער קאָוואַל מיט א ווייכער שטימע ווי פון א דערציילונג.

מיטרעא האָט זיך צו אים צוגעהערט און געהאַט א גרויסע הנאָה : ער האָט אָבער אַלץ געצווייפלט : שווער איז אַזעלכס צו גלייבן.

דער קאָוואַל האָט ווייטעקלעך געשמייכלט :

פריינט מיטרעא, דו האָסט געהערט פון דער רוסישער רע־זואָלוציע ?

מיטרעא האָט געמאכט מיטן קאָפּ ווי פארוואונדערט. יאָ. געהערט.

האָסט טאקע געהערט, דו האָסט אָבער נישט געוואוסט וואָס ס'איז געשען. דאָרט האָבן זיך אויפגעהויבן די אונטערדריקטע. זיי האָבן איבערגעקערט דעם קייסער, זיי האָבן אויסגעקערט די קאפיטאליסטישע הערשאפט און האָבן געגרינדעט די רעגי־רונג פונעם ארבעטער קלאס. דו וועסט אלץ געוווּיר ווערן פו־נעם פראָפעסאָר. אצינד לייגן מיר זיך שלאָפן ; ס'איז שוין דורכגעגאַן די דריטע וואך.

מיטרעא האָט זיך געלייגט אויפן שטרוי און האָט זיך צו־געדעקט מיט דער דעק. דער קאפּאָראל האָט אויסגעלאָשן דאָס חלב-ליכטל. ס'איז לאנג נישט אוועקגעגאנגען, האָט אים פלאָרעא קאָסטעא געפרעגט :

— פארוואָס שלאָפסטו נישט קאָקאָר, און האלטסט אין איין זיפצן ?

— כ'וועל אייך דערציילן אנאנדערט מאָל. הער קאפּאָראל. כ'בין פריילעך, הער קאפּאָראל.

— רוף מיך ביים נאָמען, מיטרעא. אצינד זיינען מיר גוטע פריינט.

— גוט.

אירץ מיך נישט.

— גוט, פלאָרע.

— אזוי.

— מיטרעאן איז פול געוואָרן דאָס מויל און דאָס גע־הער מיט מתיקות.

דער קאָוואל איז אנטשלאָפן געוואָרן. קאָקאָר איז נאָך גע־בליבן וואך און אויפגערעגט. ס'האָט פאר אים זיך באוויזן דער טויער. ס'זיינען אים פאָרגעקומען די אמאָליקע לאנדשאפטס־בילדער און די ווערטער ווען ער האָט זיך אָפּגעשייד פונעם דאָרף.

ער איז דערשינען פארן גוטבאזיצער, ער זאָל אים דאנקען, אזוי ווי דער מנהג איז, „פארן ברויט און זאלץ”.

— גיי געזונטערהייט, האָט בייז געענטפערט דער הער קריסטעא דער דריינאָזיקער.

— פריץ כ׳וואָלט געוואָלט וויסן דעם חשבון פון מיין לוין.

— וואָספארא חשבון? מען וועט שוין זען ווען דיין ברו־דער וועט קומען אהער און מיר וועלן שוין רעדן. כ׳האָב אויפ־געשריבן אלץ וואָס מ׳האָט דיר געגעבן. לויט ווי איך ווייס בלייבסטו מיר שולדיק.

— ווי לאנג איך וועל לעבן? האָט זיך אויפגערעגט מיטרעא.

— אָ, ניין, האָט אויסגעגלאָצט אויף מיר א פּאָר אויגן דער פריץ קריסטעא. און זאָלסט האָבן א קלענערן פּיסק דאָרט וואו דו קומסט, ווייל אנדערש וועט דיך דער רוח נעמען. דאָ האָסטו גליק געהאט פון מיין גוטן ווילן.

מיטרעא האָט שנעל אוועקגעכאפּט זיין בליק.

דער פריץ קריסטעא האָט רחמנותדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ:

לויט ווי איך זע, יונגערמאן וועסט דו זיך נאָך געניג אָנ־לײדן אינעם לעבן דיינעם,— דאנק מיר נישט מער! גיי!

קאָקאָר האָט זיך אויסגעדרייט און איז אוועקגעגאנגען. ארויסגייענדיק פונעם טויער האָט ער זיך אָפּגעטרייסלט די פּלייצעס, דערנאָך האָט ער א וואָרף געטון די פּיס אויף רעכטס אויף לינקס, אָפּטרייסלנדיק פון זיי דעם שטויב פון לאנגיעריקע קנעכטשאפט.

פון האדשיוער־הויף איז מיטרעא אוועק צו דער מיל.

ער האָט געפונען דעם ברודער גיצע אליין. דאָס ווייב און די טעכטער זיינען געגאן טאנצן.

— האָט עפּעס דיר געגעבן דער פריץ קריסטעא? האָט אים געפרעגט דער מילנער.

— ער האָט מיר געגעבן. ער האָט מיר פארגרעסערט דעם חוב.

— לאָז. דו מיטרעא, איך וועל זען דעם ענין אויפקלערן.

— וואָס איז דאָ אופצוקלערן, די זאך איז קלאָר. איך ארבעט און איך באצאָל.

— נישט אזוי דו מעזינעק, נישט אזוי דו מעזינעק, האָט געזאָגט מיט א קלאָגענדיק קול דער מילנער קראצנדיק זיך דעם

קארק. דו האָסט נישט קיין צוטרוי צו דיין עלטערן ברודער? דו מיינסט אז איך פיל נישט מיט מיט דיין גורל?

מיטרעא האָט צאָרנדיק אויסגעשריגן: נאָר דער נאָמען מיינער און מיין אָפּגעשינדענע פעל וועלן זיך אומקערן אהער קיין מאלו; דאָס איז מיין גורל...

— דאָס קען אויך געשען אויב דו וועסט דיך נישט פאַרבעסערן.

— גיצע! זאָלסט מאכן פון יענער פעל א פּאָר שיכלעך פאר דער שווענערן.

דו מעזינעק, דו ווייז דיך נישט ארוים פאר א שונא, דיין שווענערן האָט דיר איבערגעלאָזט עסן; זי שענקט דיר צוויי האנטוכער און צוויי העמדער.

מיטרעא האָט געשוויגן.

ווען די זון האָט אָנגעהויבן אונטערצוגיין איז ער געגאַן צו דער האָרע. דאָרטן זיינען זיך צונויף געקומען אלע בחורים וואָס האָבן געדארפט פאָרן צו זייער רעגימענט. ער האָט געטרונקען מיט זיי עטלעכע גלעזלעך וויין און איז אביסל מבושם געוואָרן. ער האָט מיט זיי געזונגען. נאָך אין דער נאכט האָבן זיי געדארפט אלע זיין אויפן צוג.

מיטרעא איז געגאַן אין מיל אריין, נעמען זיין בינטל וועש. זיין שווענערן איז דאָרט נישט געווען. דאָס בינטל איז געווען אין אלטן הויז.

כ'וואָלט דיך באגלייט ביז צו דער סטאציע אלוניש, האָט געזאָגט דער ברודער גיצע, נאָר איך קען נישט איבערלאָזן די מיל אליין. שלאָג איין די האנט און לאָמיר זיך געזעגענען ווי גוטע ברידער.

מיטרעא האָט איינגעשלאָגן די האנט, ער האָט אָבער נישט געהאט צו אים קיין שום ברידערלעך געפיל.

גייענדיק צום דאָרף צו, האָט ער געמורמלט און האָט זיך אלעמאָל אראָפּגענומען די קוטשמע פונעם קאָפּ, בשעת זיין הייסער אָטעם איז ארוים דורך די נאָזלעכער. ער האָט אויף זיך אליין רחמנות געהאט, קלערנדיק אז זיי וועלן אים אָפּשינדן און איינזאלצן די הויט.

זיין שווענערן איז נישט געווען אין הויזגעזינט. זי איז

אהיים געגאנגען מיט די טעכטער אויף אן אנדערן וועג. מי־טרעא האָט דאָרט געטראָפן די קליינע שוועגערן נאסטאסיא. זי איז אויך אויסגעוואקסן. באלד נישט זי צו דערקענען מיט דיקע אויסגעפלאָכטענע צעפּ וואָס האָבן געהאָנגען אויף אירע ברוסטן. די גרויסע קאטשאנען־אויגן זיינען אלץ אזוי שיין געווען.

— כ׳האָב אויף דיר געוואַרט, מיטרעא, כ׳זאָל דיר געבן די וועש.

— גוט.

— און אויב האָסט נאָך צייט, זיץ אביסל, ווייל איך וויל דיך עפּעס פרעגן און ביי דיר בעטן אן עצה.

— גוט : כ׳זיץ.

— זע נאָר וואָס דאָ טוט זיך. פריינט מיטרעא. מיין שוואָ־גער און מיין שוועסטער ווילן מיך שיקן אין א מאָנאסטיר, אין דער מאָנאסטיר פון ציגאנעשט, וואו ס׳לעבט אונדזערע א מומע, אן אלטע מאָנאכין.

— פארוואָס ווילן זיי דיך אהין שיקן ? האָט זיך מיטרעא געוואונדערט. האָסט דו דען נישט דאָס רעכט זיך אויסצולעבן דיין אייגן לעבן ?

— כ׳האָב יאָ, פריינט מיטרעא. אָבער מיין שוועסטער און מיין שוואָגער ווילן נישט ס׳זאָל פארפרעמדט ווערן מיין חלק ערד. זיי קלערן נאָר וועגן פארמעגן. אזוי אז, אויב זיי שיקן מיך קיין ציגאנעשט, בלייבט פאר זיי די גאַנצע ערד.

— אָבער צו וואָס זאָגסטו דאָס מיר ? איך בין נישט קיין גלח, מיידעלע.

דאָס מיידל איז מיטאמאָל רויט געוואָרן :

— כ׳וויים פריינט מיטרעא אז איך געפעל דיר נישט און אז אין אלענוש איז פאראן וועמא דעם וואמעשעס וואָס האָט דיך ליב. אזוי אז מיין גורל איז, צו פאָרן קיין ציגאנעשט.

דאָס מיידל האָט אָנגעהויבן צו וויינען האלטנדיק זיך מיט דער לינקער האנט ביי דער שלייף. ער האָט איר אָנגעכאפּט די רעכטע און האָט זי צוגעלייגט דערנעבן.

— ווער האָט דיר געזאָגט פון וועמאן ?

— אזוי האָב איך געהערט, פריינט.

— ווייסט, נאסטאסיא, האָט שטיל גערעדט מיטרעא, אז דאָס זיינען אויסגעטראכטע רייד.

זי האָט זיך בארויקט און האָט אים אָנגעקוקט שמייכלענדיק דורך די טרערנדיקע קרעלן.

— אויב אזוי פאָר איך שוין נישט אין דער מאָנאסטיר...

— זאָלסט נישט פאָרן.

— זאָל איך אויף דיר ווארטן ביז וואנען דו וועסט צוריק קומען?

—כ'האָב דאָס נישט געזאָגט, נאסטאסיע. טו אזוי ווי דאָס הארץ זאָגט דיר.

— זי האָט געזיפצט:

— איך וועל אויף דיר ווארטן.

זי האָט זיך געגעבן א הייב אויף, זי איז אריין געגאנגען אין שטוב אריין און איז ארויסגעקומען מיט עטלעכע רויטע בארן, דאָס זיינען די פרות פון דעם בוים אויף וועלכן ס'האָט זיך אמאָל ארויפגעדראפעט מיטרעא ווען ער איז נאָך געווען א קינד, און ווען ער איז אראָפגעקראָכן האָט אים געכאפט אין אירע נעגל די מוטער זיינע וואָס איז אומגעקומען. מיטרעא האָט זיך דערמאנט אינעם פארגעסענעם פנים פון אגאפיען און דאָס הארץ איז אים ווייך געוואָרן. דאָס מיידל האָט געלייענט אין זיינע אויגן א מיטגעפיל און האָט זיך געפרייט.

מיטרעא האָט נישט געוואוסט וואָס ער זאָל נאָך זאָגן. ער האָט געטאָן א שאָקל מיטן קאָפּ און האָט געלאכט.

— נאסטאסיע. ווילסט הערן א רעטעניש וועגן דער מיל און וועגן דעם פעטער גיצע?

— כ'וויל פריינט, האָט זי געענטפערט : זאָג.

זי האָט זיך ווידער אנידערגעזעצט לעבן אים.

מיטרעא איז אויפגעשטאנען און האָט זי ארויפגעצויגן, האלטנדיק זי ביי ביידע הענט.

הער אוים, נאסטאסיע...

וואָס איז מאָגער ווי א האָקן

און שלינגט ביז צום שליקערצן

אָבער ס'ווערט גרעבער דער ברידער גיצע?

נאסטאסיע האָט אויסגעשאָסן אין א געלעכטער, באהאלטנדיק זיך די נאָז אין די דאָלאָניעס.

— זאָלסט דאָס רעטעניש נישט פרעגן אויף די אונטער־האלטונגען.

— אנדערע װעלן דאָס פרעגן. האָט איר דאָס מיידל פאר־זיכערט.

זיי האָבן אויפגעהערט צו לאכן.

— אצינד גיי איך האָט מיטרעא זיך באשלאָסן.

זי איז טרויעריק געבליבן, ער האָט זי איבער געלאָזט מיטן טרויער און איז אוועק געגאנגען. אויפן אלטן בוים האָט דער עלסטער געלאכט און די אָסיען צייט איז געװען א שטילע. דאָס מיידל האָט איר דעריאָגט און איז אויך געגאן א שטיקל צייט לעבן איר אויף די גאסן פונעם דאָרף, ביז ס׳האָבן זיך באוויזן מענטשן.

VIII

דער לערער איז איי̇ליק אריין איז דער קאָוולעריי. ער איז געווען א בריי̇טביי̇ניקער מענטש, א חנעוודיקער א ברוינער מיט א רעוואָלטירטער נאָז. מיטרעא האָט געפילט ווי דאָס הארץ האָט אים אָנגעהויבן קלאַפּן, ווען יענע גרינע און טיפע אויגן האָבן אים דורכגעררינגען.

פלאָרעא קאָסטעא האָט אים באַצייטנס געלאָזט מעלדן: „אַז ער שמייכלט צו דיר, הייסט עס ער נעמט דיך צו פאר א תלמיד. דער לערער האָט אים חוקר ודורש געווען און אים אָפּגעווויגן און אָפּגעמאָסטן. ער האָט אים דערלאנגט דאָס אלף־בית ביכל מיט א טאָוועלע פון שווארצן שטיין. ווען ער האָט געזען קאָ־קאָרס פרייד, האָט ער געשמייכלט. ער האָט אים געדרוקט די האנט און אים געקלאַפּט אויף דער פּלייצע.

— האָסט אפשר א מיידל וועלכער דו ווילסט שרייבן?

— כ׳האָב האָט מיטרעא געענטפערט ערנסט.

ס׳האָט אים געפעלן דאָס ווייך באַוועגנדיק קול.

— אויב אזוי, זאָלסטו ווי̇סן אז אין א חודש ארום העכסטנס צוויי, וועל איך דיר קויפן א פּאָסטקארטל און א שרייבפּענדל און דו וועסט איר שרייבן.

מיטרעאן איז מיטאמאָל פאַרהויכט געוואָרן די שוואַרצ־אַפּלען פון די אויגן.

— איך וועל איר שרייבן. כ׳האָב מיט איר אַן ענין.

— כ׳פאַרשטיי.

מיטרעא האָט געענטפערט צוריקגעהאַלטן.

— ס׳איז ניט דאָס וואָס איר מיינט. ס׳איז נישט קיין ענין פון ליבע.

— אויב אַזוי איז עס אַ געשעפטס־בריוו.

ס׳איז אַ ענין וועגן אַ מילנער: ער זאָגט אַז ער איז מיר אַ ברודער.

גוט, קאָקאָר: אַז דו מיינסט אַז דו קענסט, וועסטו מיר אויך דערציילן. נישט אַצינד, ווייל איך האָב נישט קיין צייט.

— ווען זשע הייבן מיר אָן? האָט מיטרעא אַ צערייצטער געוואגט.

— האָב געדולד. איצט עלף אַ זייגער דאַרף איך זיין ביים קאָלאָנעל. כ׳האָב באַקומען אַזאַ באַפעל ווען כ׳בין אַהער געקומען.

דער קאַפּאָראַל פּלאָרעא האָט אים אויסגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט האָט אויף אים געקוקט, דער בליק זיינער איז געווען אַ פרעגנדיקער.

דער פּלוצעמדיקער פאַרזאָרגטער בליק, איז געווען געווענדט צו מיטרעאַן. דער לערער איז אַוועק געגאַן.

— אפשר וועט נישט געשען קיין שום בייז, האָט זיך מיטרעא אויסגעדרוקט.

פּלאָרעא האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן זיך געווענדט צו זיינע געדאַנקען און זאָרגן. מיטרעא איז געווען צודרינגלעך:

— ס׳איז מעגלעך ס׳זאָל עפּעס געשען?

— ס׳איז מעגלעך.

— וואָסזשע טו איך מיטן טאָוועלע און מיטן אלף־בית? האָט אַ נאַיווער געפרעגט מיטרעא.

דער קאַפּאָראַל פּלאָרעא האָט פאַרביטערט געלאַכט.

— אַזעלכער ווי ער, האָט ער געשעפּטשעט, איז פאַריאָגט און פאַרפאָלגט. קוק נישט אַזוי אויף מיר. קום נעענטער און

זעץ דיך אוועק. אפשר איז דער פאל מ׳זאָל אונדז אויך רופן, מ׳זאָל אונדז אויספאָרשן, מיר זאָלן זאָגן עדות.

— ער איז דאָך נישט קיין פארברעכער ?

— לויט דער מיינונג פון דער היינטיקער רעגירונג, איז ער א פארברעכער, ווייל ער איז פון דער פארטיי.

פלאָרעא איז שטיל געבליבן : מיטרעאס אויגן האָבן אים געוואָלט פרעגן.

— די פארטיי פון די ארבטנדיקע, האָט ווייטער געזאָגט פלאָרעא, די פארטיי וואָס וויל מאכן גערעכטיקייט פאר די וואָס מ׳האָט אומבארעכטיקט. קוקסט ווידער אזוי אויף מיר ?

— כ׳ קוק ווי א אומבאהאוונטער און א נאר.

איך וועל דיר אלץ אויפקלערן : גאָר מיט א תנאי, אויב מען פרעגט דיך, ווייסטו גאָרנישט. האָסט פארשטאנען ?

— פארשטאנען.

מיטרעא האָט געפילט ווי ס׳ווערן אים פארשטיינערט די צונג און די ליפן.

— כ׳האָב אצינד נישט קיין קוראזש כ׳זאָל דיר אלץ זאָגן. דאָס הארץ איז אין מיר שווארץ ווי פעך.

וויפל פון די וואָס ארבעטן כדי איבערצומאכן די וועלט, זיינען נישט אומגעקומען ?

דער קאָוואל איז געווען פארביטערט און זיינע אויגן זיינען געווען דורכגעדרינגען מיט עקל. מיטרעא האָט שוין מער נישט געוואגט עפעס צו פרעגן. ער האָט זיך באשלאָסן צו ווארטן און האָט געהאָפט אז דעם קאפאָראלס שרעק וועט זיין אן אומזיסטיקע און דער לערער מיט די גרינע אויגן וועט זיך אומקערן.

— לאָז מיך אליין מיטרעא.

קאָקאָר האָט זיך גענומען דעם אלף־בית און דאָס טאָוועלע און איז אוועק ער האָט אויף זיין געקוקט ווי אויף טויטע זאכן אין זיינע הענט : גלייך ווי ער איז זיי געגאנגען באגראָבן.

ס׳איז געווען א נאסער טאָג און דורך די פוסטע הייף זיי־נען דורכגעגאנגען פארפרוירענע סאָלדאטן, גליטשענדיק זיך אין די בלאָטעס. זיי זיינען געגאנגען גלאט אזוי אָן א זין און אָן א ציל. וואָראָנעס האָבן זיך געקרייזלט ארום די קאזארמעס

מאַנענדיק הייזעריק א זאוועריבע. ווען און ווען האָט דער טראָמפּייטעריסט זיך געלאָזט הערן.

די טאָג־סערזשאַנטן האָבן געמאַכט, איילינק־ראַשיקע שריט, שיטענדיק מיט דערשטיקטע קללות.

— דעם הער קאָלאָנעלס קאַרעטע! הערט זיך פון ערגעץ א קול.

קאָקאָר איז געבליבן וואַרטן אין דער נאַסער קעלט. אויפן פּלאַץ וואו ס'האָט זיך געהערט דאָס רופנדיקע קול. ער איז גע־שטאַנען א לענגערע צייט נאָכדעם ווי דער קאָלאָנעל איז דורכ־געפאָרן: ער האָט קוים דערזען די באַשפּאָרנטע פּיס, איינער אויפן אנדערן, אונטער דער דעק פון דער קאַרעטע. דערנאָך זיינען אראָפּגעגאַנגען עטלעכע אָפיצירן. זיי האָבן זיך געאיילט איינציענדיק די גאַרטלען פון די רעגן־מאַנטלען. מ'האָט גע־קלינגען מ'זאָל זיך צונויפקומען צום עסן. מיטרעא פירט אי־בער זיין שווער געמיט פון איין פּיס אויפן אנדערן.

— וואָס וואַרטסטו דאָ, דו יונגערמאַן?

ס'איז געווען דער קאַוואַל: אַלץ פאַרצרהט, בלייך און פאַרצווייפלט.

— כ'וואַרט כ'זאָל זען אויב ער גייט נישט ארויס.

דו וואַרטסט אומזיסט: ס'האָבן אים איבערגענומען צוויי אגענטן פון דער סיגוראַנצע און האָבן אים שוין אפילו אוועק־געפירט. באַלד וועל איך אָנהויבן מיך באַרויקן. איינגנטליך וואָספאַרא רויקייט? וויי צו מיין רו.

אָן ער זאָל וויסן וואָס ער טוט האָט קאָקאָר אויסגעשטרעקט דעם קאַפּאָראַל פּלאָרעא דאָס טאָוועלע און דעם אלף־בית. דער־נאָך האָט ער זיי ווידעראַמאָל צוגעדריקט אונטערן אָרעם.

פון יענעם טאָג איז מיטרעא געבליבן א באַטריבטער און האָט געחלומט שלעכטע חלומות. זיין גורל האָט זיך אים אויסגעוויזן איז אזוי ביטער ווי דעמס וואָס מ'האָט אוועק־געפירט.

נאָר איין אויגנבליק האָט ער זיך פאַר אים אָפּגעשטעלט: ר'האָט אפילו נישט געוואוסט וויאַזוי ער הייסט. אין יענע גרינע אויגן האָט זיך געפונען — אזוי האָט זיך אים אויס־געוויזן — זיין צוקונפט. אן אויגנבליקן, און איז פאַרשוואונדן

פונקט ווי זיינע חלומות וואָס זיינען־ צו אים געקומען אין די געמוטשעטע נעכט. אצינד איז דער מיט די גרינע אויגן אין דער תפיסה. ווייל עס האָט אים געמשפּט און אים פאַראור־טיילט די הערשאַפט פון די באָיאַרן. פאַר וואָס האָט מען אים געמשפּט און פאַראורטיילט, האָט מיטרעא, גרינג פאַרשטאַנען. ער האָט פאַרשטאַנען אייניקע זאַכן פון דעם קאָוואַל, אַנדערע זיינען געווען אָנגעשריבן אין זיין האַרץ מיט סם. דער מיט די גרינע אויגן איז געווען אַן אויפשטענדלער, אַ קאָמוניסט, פון די וואָס האָבן געקעמפט כדי אופצוהייבן דעם אַרבעטנ־דיקן המון. דער מיט די גרינע אויגן איז געווען אַ רעוואָלו־ציאָנער ווי די וואָס האָבן געקעמפט און האָבן צעשמעטערט דאָס רוסישע קעניגרייך. אַזוי אַז, ס'איז געווען פאַרשטענדלעך פאַר וואָס די אָנפירער פונעם לאַנד האָבן פאַרפאָלגט דעם מיט די גרינע אויגן און אַנדערע ווי ער, און זיי געפּייניקט מיט שווערע ענוים אין די תפיסות.

דאָס האַרץ האָט אים ווײ געטון. צוליב וואָס איז דער קרבן ? צוליב וואָס אַזויפיל קרבנות ?

מיטאמאָל האָט ער פאַרשטאַנען פאַרוואָס, — ווען ס'איז אים דורכגעגאַן דורכן זכרון זיין אָרעמע און טרויעריקע יוגנט.

אין אים האָט זיך צעפלאַקערט אַ אויפשטאַנד: אַזוי ווי ער זיינען געווען אַלע פאַרקנעכטע וואָס זיינען אומעטום געווען. „צעשמעטערט די נישט ריכטיקע אָרדנונג" האָט אויסגעשריגן זיינע גאַנצער מהות. „לאָמיר זיך פאַראייניקן קנעכט מיט קנעכט" ס'האָבן אין אים אָפּ געקלינגען די פערזן וואָס דער קאָוואַל פלעגט זיך צוגעזינגען.

„אָט דער מיט די גרינע אויגן, די פאַרקערפּערונג פון מיינע ליידן און האָפענונגען ווי אויך פון הונדערטער טויזנטער ווי איך, — האָט געקלערט מיטרעא קאָקאָר — ליגט אין דער הייל פון די מענטשן־פרעסער". אָבער פלאָרעא דער קאָוואַל באַפרייט פון זיין פריערדיקן טרויער, פאַרזיכערט אים אצינד, אַז די רע־וואָלוציאָנערע מחנה, אָן אַ צאָל. ווי דאָס זאמד פונעם יאַם און די שטערן פונעם הימל וועט צעשמעטערן די טיראַנישע אָרדנונג. און די וואָס זיינען פאַרמשפּט ווייל זיי זיינען פאָלקס־

קעמפער וועלן ארויס פון דער טונקלער תפיסה צו דער זוניקער פרייהייט.

— איך פיל מיך אומגליקלעך, האָט אין א אויפדערנאכט זיך געווענדט קאָקאָר צום קאָוואל, לעבן דעם וואָרעמען אויוון, ווייל איך בין געבליבן אָן א לערער, מיט דעם טאָוועלע און אלף־בית, וואָס זיינען ווי שטומע ברידער, פון וועלכע איך קען גאָרנישט געוואויר ווערן. כ׳האָב מורא כ׳זאָל נישט בלייבן נישט אויפגעקלערט, וויפל איך וועל נאָך לעבן.

ביי אונדז, אין מאלו־סורפּאט איז געווען איינער גריגאָרע מענדרעא. ער איז געווען אָרעם אָבער א גוטער ארבעטער און ס׳איז געווען אויף ווערטער זיך צו פארלאָזן. געפונענדיק א פרוי וואָס איז געווען זיין גלייכן, האָט ער אין א פרילינג חתונה געהאט און האָט זיך אין איילעניש אויפגעשטעלט א ביידל. באלד נאָך דעם, לייענדיק געלט אויפן חשבון פון ארבעט. האָט ער זיך אָנגעהויבן בויען א הויז אין וועלכן ער זאָל זיך אָפּ־לעבן זיין לעבן במנוחה, ער האָט געהאט קוראזש. אָבער ווער ס׳איז געווען פארשריבן אין די האדזשויער ביכער, איז געווען פארשריבן אויפן גאנצן לעבן צו זיין א קנעכט. דאָס הויז איז געווען צונויפגעשטעלט נאָר פון האָלץ און ער איז שוין נישט געווען בכח עס צו ענדיקן. ער איז געבליבן א קנעכט, און זיין ווייב איז געבליבן א קנעכט. איך האָב זיי ביידע געזען אלטע, און האפנונגסלאָזע.

ס׳איז נאָך געווען אין האדזשיו איינער לייע, וואָס מ׳האָט אים גערופן סאראקו, וועלכן כ׳האָב קיינמאָל נישט געזען אנ־דערש אָנגעטון ווי מיט צעריסענע כאָדעקעס און מיט א פויע־רישע בונדע פון וועלכער ס׳איז געפאלן שטיקער. זומער, ווינ־טער, איז ער אזוי ארום געגאן. פריער מיט 15 יאָר צוגלייך ווי פריער מיט א יאָר, איז ער אזוי געגאן. אמאָל האָט ער געהאט שווארצע האָר און לעבעדיקע אויגן. אצינד איז ער גרוי געוואָרן און זעט שוין נישט גוט. ער איז פון זיין מצב שוין מער נישט ארויס און ווען ער וואָלט געלעבט אייביק, וואָלט ער קיינמאָל נישט ארויס — ער וועט בלייבן אזוי ווי איך קען אים.

אזוי איז אויך מיט מיר. כ׳האָב געהאָפט אז איך וועל

אויפגעקלערט ווערן. אן אומווויסנדיקער און א נישט געשליפענער וועל איך בלייבן.

דער קאָוואַל איז געבליבן פאַרקלערט, זיפצנדיק טרויעריק.

— דו ברודער, האָט ער אים אַמאָל געזאָגט, איך שלים מיט דיר אן אָפּמאַך, כדי איך זאָל דיך מער נישט זען אזוי פארצרהט. איך האָב אביסל געלערנט, מיט דעם ביסל, וועל איך מיך באַמיען אויך דיר צו העלפן. ברענג דעם אלף־בית און דאָס טאָוועלע.

אזוי האָט קאָקאָר אָנגעהויבן צו לערנען.

ביים אָנהייב איז אים געווען שווער. די האַנט איז אים געווען שטייף ס'האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן.

עס איז אים געלונגען אויסצולערנען די אותיות, זיי ציי־טערנדיק צעמאָלן אויף דעם טאָוועלע. ער האָט אָבער נאָך נישט געקענט מאַכן קיין פאַרבינדונג צווישן אות און קלאַנג, ער האָט געשוויצט ווי נאָך שווערע אויפשטיגן, און, וואו ער האָט זיך אָפּגערוט, האָט ער נאָך גאָרנישט משיג געווען. דער קאָוואַל האָט אים נאָך נישט געקענט געבן פולקאָמענע דערקלערונגען. אָבער אין א אויפדערנאַכט, לעבן דעם ליכטל, האָט מיטרעא גע־פילט אז ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין.

— איך האָב אויסגעבריט די אותיות, האָט ער געזאָגט מיט פרייד דעם קאָוואַל, און ס'זיינען ארויס די ווערטער ווי לעבע־דיקע עופאלעך. איך חדוש מיך אליין וויאַזוי.

אַרום פסח צייט אינעם 1942־טן יאָר האָט מיטרעא גע־שריבן מיט א שרייפענדל א פּאָסט־קאַרטל, אויף א רעגימענט סטיל, די פאָלגנדיקע שורות אביסל קרומלעכע און מיט גרויסע אותיות.

„ליבע שווענערן נאַסטאַסיע, איך וויל אז מיין קליין שריי־בעכץ זאָל דיך געפינען גליקלעך און זאָלסט וויסן אז איך בין געזונט און אז מיר רעקרוטן ענדענדיק דאָס מושטירן גרייטן מיר זיך צו און איך וויים נישט אויב מיר וועלן זיך נאָכאַמאָל זען ביים לעבן, ס'קען אָבער זיין אז גאָט וועט העלפן און ס'וועט מיר גאָרנישט געשען און דו זאָלסט אויף מיר וואַרטן. איך האַלדז דיך טויזנטער מאָל איך דער סאָלדאַט פרונטאַש קאָקאָר דומיטרו“.

IX

מ'באמערקט פון דער דאָזיקער ידיעה פון א למדן אן אָנ־פאנגער, וועלכער האָט אָפּגעשוויצט א שעה ער זאָל צוזאמענ־שטעלן זיינע ווערטער „קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס" ווייל די מאכט האָט פארפאָלגט דורך דער צענזור דאָס וואָרט „קאָמ־פּאניע" און אז ער האָט גצוואוסט. ס'האָבן נישט געטאָרט געוויר ווערן די „שפּיאָנען" ווען און וויאזוי ס'פּאָרט אוועק א ניי רעגימענט אויף מזרח. מיטרעא שרייבט: „מיר רעקרוטן, ענדנ־דיק די אינסטרוקציע, גרייטן זיך צו" לאָזט דורך דער פארנוי־דעטער צענזאָר צווישן צוויי ציגארן אזעלכע אומשולדיקע פארצייכנונגען. די שווענערן נאסטאסיא איז געווען אסאך מער אויפמערקזאמער פון אים.

אויך די גאזעטן זיינען געווען פולשטענדיק שטום אין צו־זאמענהאנג מיט די טרופּען באוועגונגען פונעם לאנד. דאָס זעלבע איז געווען מיט די ידיעות פונעם ראריאָ און די אָפיציעלע פּובליקאציעס פון די פּרימאריעס און פּרעפעקטורעס. לויט דער מיינונג פון דער דעמלטיקער רעגירונג, האָט דאָס פּאָלק גאָר־נישט געדארפט וויסן פון יענע סודות וואָס זיינען רעזערווירט געוואָרן נאָר פאר די גרויסע.

מיט דעם אַלעמען, האָט דאָס פאָלק געוואוסט. צום ערשטן האָבן געוואוסט די רעקרוטן אַז ס'קומט זיי די ריי צו גיין צו דער שחיטה. אויפן פעלד, עקזעקוטירנדיק די שלאַכט־פּראָמאַ־ציעס און דאָס צילן, אָדער אין דער קאַזאַרמע ביי דער טעאָריע, האָבן די אָפיצירן גערעדט נאָר פון אַ שונא, און נאָך פון אַ שונא וואָס איז צעשפּרייט אין אומענדלעכע סטעפּעס, צווישן וועלדער, און שטייענדיקע וואַסערן, זייט אַ צייט האָט מען דער־מאָנט אויך פעלזיקע־סכנותדיקע בערג, ווי צום ביישפּיל דער קאַווקאַז. דער נאָמען אַדעס וואָס איז פריער נישט באַקאַנט גע־ווען אין די רייען פון די אַרבעטער־פּויערים וואָס מען האָט זיי אַנטשלעפּט אין די בית־עולמס איז אַצינד דערשינען אין דעם געוויינלעכן רעדן נישט נאָר איינמאָל אין טאָג.

די דייטשישע מלחמה־קאָמוניקאַטן האָבן איינגטלעך אָפּגע־לייקנט צוויי מאָל אין טאָג די ביטערע שטומקייט פון די דעמל־טיקע אָנפירערס פון רומעניע. די מלחמה איז געוואָרן וואָס אַמאָל שרעקלעכער און האָט פאַרלאַנגט נאָך טרופּען, דאָס הייסט נאָך קרבנות. די יידן און די ציגיינער וואָס זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן קיין טראַנסניסטריע זיינען געווען אַ געלעגנהייט פאַר פאַרשיידענע פּאָליטישע קאָמענטאַרן ווען די מענטשן וואָס זיינען סיסטעמאַטיש ווייט געהאַלטן געוואָרן פון אַזאַ מין באַשעפטי־קונג. רער דייטשישער מלחמה־זאַק־רויב וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין אומענדלעכע צוגן, אפילו דער רויב פון די רומע־נישע קאָמאַנדאַמענטן וואָס איז געווען נאָר דאָס וואָס ס'איז דורכגעפאַלן דורך די דייטשישע פינגער, האָבן געוויזן וואָס ס'קומט דאָרטן פאָר, אינעם ווייטן מזרח, אומבאַקאַנטע געשע־ענישן אין די פאַרגאַנגענע מלחמות. דעם נישט אָפיציעלן מלחמה ביולעטין, אָבער דעם אמת, פון דער דאָרטיקער מלחמה, איז מען געוויר געוואָרן דורך די פאַרוואונדעטע פון די מילי־טערישע איינהייטן וואָס זיינען אַריין אין פייער און דורך פאַר־שיידענע קוריערן, אַ טייל דורך די דיוויזיעס קוריערן, אין אַ טייל דורך די אָפיצירנס פּערזענלעכע־קוריערן. די גזלה וואָס איז אָפיציעל פאַראָרדנט געוואָרן, דאָס צערשטערן די פרידלעכע דערפער און פון דער אומשולדיקער באַפעלקערונג, דאָס חרוב מאַכן און דאָס פאַרברענען פון הונדערטער שטעט, האָבן באַ־

וויזן אז ס'איז ארוים אויף דער וועלט א שרעקלעכער אומגליק ווי ס'זיינען געווען אטילא און גינגיס־כאן מיט זייערע האָרדעס אין די אמאָליקע צייטן.

די קאָמאנדאמענטן פון די דייטשישע טרופּען האָבן זיך באַרימט מיט דעם „וויסנשאפטלעכן" קריג, ווייל זיי האָבן געשטעלט אין דינסט פונעם טויט און צערשטערונג אלע וויסנשאפטלעכע דערפינדונגען. פריער מיט הונדערט יאָר איז געווען א מלחמה־געזעץ, מ'וואָלט געקענט זאָגן א הומאניש, וואָס האָט פארמשפּט צום טויט דעם סאָלדאט וואָס האָט גערויבט און געהרגעט די אומבאוואָפנטע באפעלקערונג פון דער פיינטלעכער טעריטאָריע. היינט איז דער פארבאָט באזייטיקט געוואָרן פון די דייטשן און די קאָמאנדאנטן האָבן באפוילן זייערע טרופּען זיי זאָלן פירן א אומענטשלעכע מלחמה, ווילדער ווי די מלחמה פון די ווילדע האָרדעס, ווייל די מענטשן האָבן פאָרט דערגרייכט צו שעצן די צארטקייט און דעם מיטלייד.

אטילא האָט זיך גערעכנט, איצט טויזנט פינף הונדערט יאָר פאר „גאָטס בייטש" און גינגיס־כאן, אינעם דרייצנטן יאָר־הונדערט דער שרעקלעכסטער אינטערדריקער ביז צום פארטי־ליקן דעם מענטשלעכן שטאם. ס'האָט זיי ביידע פארשיט דער שטויב אונטער די דורותדיקער קללה, זיי און זייערע האָרדעס. איצט האָט זיך היטלער גערעכנט פאר א „קאָמפּרעסאָר" מיטן מיין אלע אנדערע פעלקער צו פארניכטן, כדי עס זאָל בלייבן נאָר דאָס דייטשישע פאָלק אויף דער וועלט. זיין סוף איז נאָך פריער גע־ווען באשטימט, טאקע אין דעם דאָזיקן חוצפּהדיקן משוגעת. אטילא און גינגיס־כאן זיינען געווען צעשויבערטע און בלוטיקע בארבארן זיי האָבן געקענט שרייבן נאָר מיט דער שווערד און זיי האָבן זיך אָנגעשוכרט זשלאָקנדיק וויין פון די שיידלען פון די באזיגטע; זיי האָבן געלעבט אין צייטן פון אומוויסנהייט און פינסטערניש, בשעת דער „קאָמפּרעסאָר" איז גלייך ווי אויס־געוואקסן פון א קבר פון דער פארגאנגענהייט אין דער מיט פון דער היינטיקער וועלט וואָס רעכנט זיך פאר א ציוויליזירטע.

דער פּרונטאש סאָלדאט קאָקאָר דומיטרו, האָט געהאט א ידיעה פון דעם אלעמען אַז ער זאָל דאָס גרונטלעך באגרייפן. ער האָט דאָס אלץ מיט פארביטערקייט געוווגן מיט זיין שכל.

ער האָט איבערהויפּט פאַרשטאַנען, נאָך אַלעמען, אַז ס'איז געקו־מען זיין ריי צו גיין צום אומקום. ער האָט גאָרנישט געהאַט מיט זיינע ברידער, מיט די מענטשן פון מזרח־זייט וואָס ס'האָבן געבושעוועט די פּאַרוויסטונג־שטורעמס. ער האָט קיינעם נישט געוואונטשן דעם טויט, ער האָט אויך געוואָלט זיין געזונט. ס'איז אין אים געוואַקסן דער צאָרן, ווייל נישט גענוג וואָס ער איז געווען אַ קנעכט, נעמט מען ביי אים אַצינד צו אויך דאָס לעבן אָן אַ פאַרוואָס און אָן קיין שום שולד.

ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אַז די דאָזיקע מלחמה איז נאָר וועגן די אייביק־גיריקע: אַז פאַר די אייביק־גיריקע שטאַרבן די אייביק־הונעריקע. אַז די גוטבאַזיצער און די קאַפּיטאַליסטן פירן די מלחמה אויפן חשבון פונעם פאָלק, שטרעבנדיק צו דערשיקן די רוסישע רעוואָלוציע כדי צו צעשמעטערן די סכנה וואָס האָט געלויערט אויף זיי. אָבער דער דאָזיקער אָנהייב צו פאַרשטיין איז אויך געווען אַ פּועל־יוצא פון די געשפּרעכן וואָס ער האָט געהאַט מיט פלאָרעאַן דעם שמיד און פון די בראָשורן וואָס ער האָט אים געליגן און וועלכע ער האָט זיי געלייענט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, ביז וואַנען די אויגן האָבן זיך אים פאַרמאַכט, לעבן אַ חלב־ליכטל.

דאָס פּאָסט קאַרטל, כאָטש ס'איז אָנגעשריבן געוואָרן פון אַ נישט געניטער האַנט איז געווען אויף אַזאַ אויפן צונויפ־געשטעלט אַז ס'זאָל קענען דורכגיין די אַלע צענזורן ביז מאַלו־סורפּאַט. נאַסטאַסיע האָט געקענט פאַרשטיין אַז זי דאַרף קומען צו אים „כדי זיי זאָלן זיך נאָך אַמאָל איינמאָל זען אין דעם לעבן". אויב זי וועט נישט קענען קומען זאָל זי מיט דעם אַלעמען אויף אים וואַרטן: טאָמער וועט ער אַרויס אַ לעבע־דיקער פון דעם גהינום און וועט זיך אומקערן.

דאָס איז געווען אַ ליבע־בריוול און אין דער זעלבער צייט אויך פון גרויסן טרויער. דאָס קאַרטל איז אָנגעקומען קיין מאַלו סורפּאַט און דער בריוטרעגער האָט עס געבראַכט אין מיל אַריין און עס איבערגעגעבן נאַסטאַסיען אין דער האַנט. דאָס מיידל האָט עס געלייענט מיט גרויס באַוואונדערונג און איז רויטלעך געוואָרן אויפן פּנים. זי האָט זיך אַרומגעקוקט זי זאָל

זען צו עמעצער לויערט נישט אויף איר אוצר און האָט גיך אריינגעלייגט דאָס קאַרטל אין בוזעם אריין, לעבן דעם שמעקנדיקן בוסויאַק־צווייגעלע וואָס האָט זיך דאָרטן געפונען פאַרן אָנדענק פון עמיצן אויף וועמען זי האָט שוין מער נישט געהאָפט. אָבער, אצינד האָט זי באַקומען אַ לעבנס צייכן פון אים.

וויאַזוי ווייסט מען נישט, דורך די מיידלעך און די קוואַטערס, דורך שוועסטער־קינדער און מחותנים, איז מען געוווירגעוואָרן אין מאַלו־סורפאַט אַז דער קאָנטינגענט 1944 פאָרט אין גיכן אוועק צום שלאַכט פעלד. ווי אַמשנעלסטן. די פרויען, די ברידער, די עלטערן זיינען באַלד געפאָרן, זיי זאָלן זיך נאָר איינמאָל זען מיט זייערע ליבע.

— אומבאַדינגט דאַרפן מיר אויך פאָרן! האָט נאַסטאַסיע באַשלאָסן, זי האָט געוואָרפן שאַרפע בליקן אויפן שוואָגער און אויף איר שוועסטער און האָט געגלעט מיט ציטערדיקע פינגער די אויסגעפלאָכטענע צעפּ ווי אַ חתונה־קרענצל.

— זי האָט זיך איינגעשטעקט אַ בלום אונטערן אויער, האָט אויפגערעגט אויסגערופן די מילנערן: זאָלסט וויסן אַז זי האָט אויך באַקומען אַ בריוול!

— זי האָט באַקומען, האָט געוואָרטשעט דער מילנער. דער פּאָסטרעגער האָט מיר נישט לאַנג געזאָגט אין דער קרעטשמע פון מיטראַן.

— געוואַלד! דו באַקומסט ליבע בריוולעך פון סאָלדאַטן, געשריבענע פון די רעגימענטס־־פוריערן, די וועלט זאָל געוווירווערן און דו זאָלסט פון דיר חוזק מאַכן. גיצע איז גערעכט. דיין פּלאַץ איז נישט צווישן מענטשן נאָר אין דער מאָנאַסטיר.

— פאַרקערט מיין פּלאַץ איז צווישן מענטשן, האָט זיך אויסגעדינט נאַסטאַסיע די ליפּן: און דאָס קאַרטל איז געשריבן פון זיין אייגענער האַנט.

— ער זאָל זיך געוועזן האָבן אויסגעלערנט שרייבן און לייענען אין מיליטער? האָט זיך געצלמט גיצע.

— ער האָט געלערנט! האָט מיט אַ חוצפהדיקן גדלות געענטפערט נאַסטאַסיע.

— הערט נאָר, שוועסטער און ברידער, האָט געשריגן דער

מילנער; דאָס האָט ער געדארפט האָבן? נאָר דאָס האָט אים אויסגעפעלט? צו וואָס טויג דעם סאָלדאט דאָס לייענען און שרייבן, הא? דער סאָלדאט האָט וויכטיקערע זאכן. דער סאָל־דאט דארף גיין אין דער מלחמה אריין, זיך צו שלאָגן מיטן שונא. דאָס איז זיין ארבעט! ער דארף נעמען דעם קאנאָן און דארף שיסן אין יענע; יענע שיסן אויף אים. דאָס האָב איך געזאָגט אין דער קרעטשמע; אייניקע שטארבן, זאג איך, אנדערע קומען אום...

— איר, שוואָגער גיצע, איר ווינטשט דעם אומקום פון א ברודער?

— כ'ווינטש עס נישט; אָבער מלחמה איז מלחמה.

— און ס'וועט בלייבן אייך זיין פארמעגן?

— וואספארא פארמעגן? ס'איז קיין שום פארמעגן. ס'בלייבט מיר אן אָרעם שטיקל ערד. וואָס מ'באדארף בא־ארבעטן.

— און אויב מיטרעא קומט צוריק?

— זאָל ער צוריקומען!

נאסטאסיע האָט געפילט אין זיך א דראנג זי זאָל צע־דראפן מיט די נעגל דעם שוואָגער: ס'זיינען אין איר קאָפּ אויסגעוואקסן די אויגן און זי האָט אויסגעשטשטורעט אירע ציין ווי די קאמילע בלעטלעך.

— ער וועט צוריקומען!

זי האָט אויסגעצויגן די דאָזיקע ווערטער, ווי א זיגערן.

— פון וואנען ווייסטו דו מויד, דו?

— כ' ווייס.

— ס'איז דאָ אין קארטל?

— ס'איז דאָ.

— גיצע לאָמיך אויך זען.

— האָסט נישט וואָס צו זען, דו קענסט דאָך נישט לייענען.

— ברענג עס, ס'וועט מיר לייענען דער גלח.

— זאָל דיר לייענען דער גלח אז דיינע זינד זיינען פאר־גיבן געוואָרן, איך גיב נישט מיין קארטל.

— גיב אהער דו מויד, דאָס קארטל, טאָמיר נישט שלאָג איך דיך.

— שלאָג וועמען דו האָסט שוין אמאָל געשלאָגן, נישט מיך, נמאוסער פאַרשוין! גיצע האָט זיך געלאָזט גיין זי שלאָגן; די מילנערן האָט געשריגן רייבנדיק זיך די הענט. נאַסטאַסיע איז פלינק ארוים דורך דער טיר און זי איז געלאָפן גלייך ווי זי וואָלט געפלויגן צו איר קוואַטערן אוצא אנינעאסקא.

צו מיטאָג צייט איז געקומען די מילנערן זי רופן צום עסן.

— קום, שוועסטער; גיצע האָט זיך באַרויקט.

— איך גיי נישט צו קיין שונא.

די מומע אוצא איז געווען אן אלמנה, נאָך א קרעפטיקע. זי האָט זיי דורכגענומען מיטן בליק זי האָט געהאַט שוואַרצע אויגן מיט צונויף געקומענע ברעמען.

— קינדער, האָט זי זיך אָנגערופן, איר וועט אריין אין דאָרפס מויל אריין, ס'איז א גרויסע בושה!

— כ'ווייס מומע אוצא, האָט זיך באַקלאָגט די מילנערן. ראָט איר אויך צו נאַסטאַסיען זי זאָל זיך אומקערן. זי דאַרף זיך נישט שרעקן. גיצע וויל אויך נישט קיין סקאַנדאַלן. א מענטש ווי ער נייטיקט זיך אין כבוד; וואָס ס'איז פאַר אים, ער זאָל זיך שטעלן מיט א משוגע קינד?

— משוגענע זיינען אנדערע, איז אויפגעשפּרונגען ווי א גיפטיקע שלאַנג דאָס מיידל. איך פאַרטייטיק מיר דאָס לעבן.

— זאָל זיין אזוי ווי דו זאָגסט, האָט זיך אנטמוטיקט גי־צעס ווייב, אבי קום. די מענטשן וואָס זיינען זיך צונויף גע־קומען אין דער מיל האָבן שוין אָנגעהויבן טראָגן רכילות. זיי פרעגן צי איך האָב דיך געשיקט אין דער מאָנאַסטיר; צי דו ביסט דעם פּרונטאַשס כלה ... און נאָך און נאָך...

— אויב זי וועט מיר נאָך זאָגן א וואָרט, האָט געשריגן דאָס מיידל, גיי איך ארוים אויף דער גאַס און רוף צונויף דאָס גאנצע דאָרף.

— זאָל גאָט אָפּהיטן ס'זאָל אזעלכס פאָרקומען. וויי איז אונדז; וואָס זאָלן מ'ר טון?

— גיי נאַסטאַסיע, ווייל איך בין אויך דאָ, האָט זיך אריינגעמישט אוצא אנינעאסקא; דראָענדיק מיטן פינגער די מילנערן. איר זאָלט אזוי טון ווי דאָס מיידל וויל; איר זאָלט

גיין אין שטאָט אריין; איר זאָלט זיך שיין געזעגענען מיט מיטרעאַן איר זאָלט מיט אים רעדן מיט גוטע רייד ווי צו א ברידער.

— גוט מומע אוצא, גוט, מומע אוצא, האָט געזיפצט די עלטערע שוועסטער. און נאסטאסיא האָט שטיל זיך אראנזשירט די בלום אונטערן אויער פאר א שפּיגעלע גרויס ווי די דאָלאָניע.

די מומע אוצא שפּייט זי אָפּ; כדי ס'זאָל איר נישט שאטן קיין גוט־אויג.

אזוי בין איך אויך געווען אין מיין יוגנט, האָט זי געזיפצט מיט פּייכטלעכע אויגן.

אין א צווייטן זונטיק נאָכדעם האָבן זיך צונויף גענומען אין שטאָט־מארק א מענגע פּויערים פון דער געגנט און פון נאָך ווייטער, א טייל זיינען געקומען מיט דער באן א טייל מיט די פּירלעך. זיי האָבן נישט געהאט צו פארקויפן קיין פּראָ־דוקטן אָדער בהמות, זיי האָבן געבראכט סאקוועס מיט עסנ־ווארג און וועש. די בשורה איז אָנגעקומען. א קאמאראד פון מאלו־סורפאט האָט צעוויסן געטון דעם פרונטאאש אז זייניקע זיינען געקומען פון דער היים.

— ס'איז נעקומען מיין ברודער דער מילנער? האָט זיך געוואונדערט מיטרעא לאכנדיק.

— עמיצער וואָס איז מער באבלומטער, האָט אים געענט־פערט גערלעא טודאָר, ווינקנדיק צו אים מיטן אויג.

די באטעריע האָט געהאט אורלויב. פאר'ן הער פּלוטאָניער קאטאראמע איז דער יום־טובדיקער טאָג געווען א טאָג פון וואמע אזוי ווי ביי די גלחים אין די יזכור טעג.

— גייט אייך, א רוח אין אייער שוויגערס פּיער עוואנגע־ליעס, ס'איז אייך אָנגעקומען מתנות פון דער היים.

מיטרעא קאָקאָר האָט געסאפּעט ווען ער איז אָנגעקומען אויפן מארק. זיין באבלומטע מתנה איז אפשר געקומען מיט דער מילנערן. וואו קענען זיי זיין? מען זעט זיי אין ערגעץ נישט.

עמיצער האָט אים לייבט א שלעפּ געטון ביים ארבל. ער האָט זיך אויפן אָרט אויסגעדרייט. אין זיינע פלאמיקע בליקן

האָט זיך אָפּגעשפּיגלט נאַסטאַסיע. אירע צעפּ זיינען געווען באַ־צירט מיט שטייפע בלומען וואָס זי האָט זיי געקויפט ביים סוחר. זי האָט צו אים געלאַכט מיט אַלע ציינדלעך. זי איז געווען אַ דיניטשקע און אַ צערטלעכע.

די סאַקוועס פאַר דיר, מיטרעא, האָב איך איבערגעלאָזט אין דער אנינעאַסקאַס פּירל.

— בימסט געקומען מיט אוצא אנינעאַסקא? וואו איז זי?

— זי האָט צו טון מיט אַ סוחר מיט וועלכן זי מאַכט געשעפטן. אויב זי וועט נישט האָבן קיין צייט דיך צו זען ווינטשט זי דיר געזונט. זי האָט מיך געשיקט.

מיטרעא האָט מיט דער האַנט אַרומגענומען דאָס מיידל.

— זאָלסט איר זאָגן אַז איך דאַנק איר שיין. נישט פאַר די סאַקוועס, נאָר ווייל זי האָט דיך געשיקט.

— כ'בין אַליין געקומען, האָט זיך צעלאַכט דאָס מיידל. ווי, וויפל מיר האָבן זיך געקריגט אין דער היים! גיצע האָט מיך געוואָלט דערהרגענען, נאָר דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעלאָזט; כ'וועל דיר אַלץ דערציילן. צום ערשטן האָט עס געהייסן אַז זיי זאָלן אויך קומען, נאָר יענע נאַכט האָט אָנגעכאַפּט די שוועסטער מיינע די קריזשעס, און גיצען האָט גע-דאַרפט אַראָפּפאַלן אַ אינספּעקציע אין דער מיל, אַזוי האָט ער געזאָגט, אַזוי אַז כ'האָב מיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער קוואַטער־קעס וועגעלע. ס'איז נישט מעגלעך געווען אַז קיינער זאָל נישט געווען קומען.

— מיין פרייד איז געקומען.

זי האָט אויף אים פּיקס געקוקט, און איז מיטאַמאָל שווייגן געבליבן. אירע דינע ליפּן האָבן זיך באַוויגן אין אַ לייכטן ציטער; די קאַטשאַנען־אויגן זיינען אָנגעפּולט געוואָרן מיט טרערן. אַרום זיי האָט געווימלט די יאַריד וועלט. אייניקע האָבן זיך אָפּגעשטעלט און זיי אָנגעקוקט אַ ווײַלע שמייכלענדיק. מיטרעא האָט געפילט אַז נישט דאָ איז דאָס פּאַסיקע פּלאַץ וועגן די רייד וואָס זיי האָבן זיך געהאַט צו זאָגן.

ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט אין וועלכער נאַס־טאַסיע האָט געהאַלטן דאָס טיכל. יענץ טיכל איז געווען זיינס און ער האָט געוואוסט אַז ער וועט עס טראָגן אויף ווייטע ער־

טער, מיט די טרערן און מיט דער בענקעניש פון יענער וואָס האָט עס אויסגענייט. דאָס מיידל איז אים נאָכגעגאַנגען. מיט־אַמאָל איז איר רויטלעך פּנים, אָפּגעברענט פון דער זון פאַר־שאָטנט געוואָרן.

זיי זיינען געגאַנגען שווייגנדיק צום ראַנד פון דער שטאָט. אויף גאַסן מיט צעבליטע גערטנדלעך אינעם פרילינג. זיי זיי־נען אַרויף אויף אַ שמאָלן וועג וואָס איז געהיט פון קיילעכ־דיקע אַקאַציע־ביימער אָנגעלאָדענע מיט רויטלעכע טרויבן, אויפן טויער אונטער וועלכן זיי זיינען אַריין געקומען, איז געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע בוכשטאַבן, פאַרגילדעטע: די אַלייע פון אייביקייט. זיי האָבן ביידע שטיל געלייענט דעם דאָזיקן נאָמען אָן אַ שום זין. זיי זיינען דורכגעגאַנגען דעם שמאָלן וועג און זיינען אַריין אין בית־עולם. דאָס מיידל האָט אָנגעהויבן צו דערציילן וואָס ס'האָט פּאַסירט אין דער היים. ער האָט זי אויסגעהערט, ס'איז אים געפעלן דאָס איידעלע געזאַנג פון איר שטימע. ווען און ווען האָבן זיי זיך אָפּגע־שטעלט ביי אַ שטאַכייטל אין וועלכן ס'זיינען געווען אָנגע־וואָרפן לעבעדיקע בלומען און פאַרטרוקנטע בלומען קראַנצן; אין די באָסקעטן פון דעם אָרעמען ווינקל פונעם בית־עולם האָט געפּראַוועט פון מאָל צו מאָל צו פייפן אַ יונגער פויגל. ס'האָט זיי אַרומגענומען אַסאַך זון און די איינזאַמקייט.

— דו פאָרסט אַוועק? האָט זי אים פּלוצעם געפרעגט מיט דעם זעלבן ברויז אין די ליפּן קוקנדיק גלייך אויף אים. זי האָט אים נישט געלאָזט קיין צייט ער זאָל ענטפערן. סע האָבן זיך אונדזעריקע באַקלאָגט אין דאָרף. מען האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַרום דעם פירל פון דער קוואַטערן. סע האָבן זיך צונויפגע־שטופּט אויך פון אַנדערע דערפער. אַלץ בלייבט ביי אונדז ווייסט. מע פירט אונדזעריקע אין דער פרעמדער האָבן אייניקע געזאָגט; מיר זיינען אָרעמע אַרבעטער, האָבן זיי געזאָגט, מיר דאַרפן נישט קיין מלחמה; מיר האָבן נישט מיט קיינעם וואָס צו פאַרטיילן.

— אַזוי איז; אָבער מיר האָבן נישט קיין ברירה.

— אָבער ווער ס'האָט מזל, קומט צוריק, האָט געזאָגט נאַסטאַסיע, שמייכלענדיק טרויעריק.

מיטרעא האָט זיך אָפּגעשטעלט;

— איך האָב אויך א גליק און וועל מיך צו אים אומקערן.

דאָס מיידל איז פריילעך געוואָרן און ס'זיינען אראָפּגערינען טרערן אויפן פּנים. זי האָט אים אָנגענומען ביי דער לינקער האַנט און האָט אָנגעבויגן דעם שטערן אויף זיין אָרעם, אויפן האַרץ. יענץ האַרץ האָט קרעפטיק געקלאַפּט. זי האָט געוואַרט ס'זאָל זי אַרומנעמען די האַנט. זי האָט געוואַרט אויף דעם ערשטן אַרומאַרעמען פון יענע טויזנט וואָס זיינען צוגעזאָגט געוואָרן אינעם פּאָסטקאַרטל וואָס זי האָט עס געהאַט אין בוזעם מיט דעם בוכויאָק צווייגעלע.

און ס'איז טאַקע פאָרגעקומען יענער איינציקער און גליקלעכער מאָמענט, בשעת א קוקוק האָט זיך איבערגענומען מיט זיין נאָמען צווישן די קברים דורכפליענדיק איבער זיי צו דער אַלייע מיט דעם מאַרנעם נאָמען.

X

דער קאַפּאָראַל פּלאָרעאַ קאַסטעאַ איז געווען דער שעף פונעם וואַגאָן אין וועלכן ס'איז געפאָרן מיטרעאַ. ס'זיינען גע־ווען מיט זיי גענוג אַנדערע קאַמעראַדן.

— יעדער איינער זאָל אַכטונג געבן אויף זיין קאַנאַפּע, האָט געזאָגט מיטרעאַ.

אינעם בהמות־וואַגאָן וואָס די רעגירונג האָט געשטעלט צו דער פאַרפיגונג אירע „סאָלדאַטן", האָט מיטרעאַס וואָרט אַרויסגערופן אַ געלעכטער און איז אַריבער אויך אין אַנדערע וואַגאָנען.

"נעמט אייך נישט אַזוי איבער מיט איירע קאַנאַפּעס" דאָס הייסט שטרעקט אייך נישט צופיל אויס אין דעם געדרענגעניש; "וואַרפט אַרויס די קאַנאַפּעס", — דאָס הייסט: וואַרפט אַרויס דאָס שטרוי אויף וועלכן איר שלאָפט; — „כדי עס זאָל נישט אָנהויבן צו גיין אַליין" האָט צוגעגעבן מיטרעאַ, מיט אַ בייז געלעכטער...

ס'איז אָנגעקומען ביז צו די אָפּיצירן דער וויץ מיט די גייענדיקע און פליענדיקע קאַנאַפּעס פונעם קאַפּאָראַלס וואַגאָן.

— און אויך פון אייערע וואגאָנען האָט זיך געריצט מי־טרעא מיט די קאמאראדן. אייערע ווארפן אייך ארויס!

די פּלוטאָניערן האָבן באַפוילן מ׳זאָל אויפשרייבן מיט קרייד אויף יענע 50 וואגאָנען די אדרעס, ס׳איז געווען א נישט באַשטימטע אדרעס, זעלבסט פארשטענדלעך. די פּלוטאָניערן אָבער זיינען געוואויר געוואָרן ביי די הערן אָפיצירן אז די אדרעס איז מאָסקווע און סטאַלינגראד. אזוי אז די וואָס האָבן געקענט שרייבן האָבן געשריבן מיט גרויסער שריפט אויף די גרויע ברעטער בוקארעשט־מאָסקווע; אנדערע, בוקארעשט־סטאַלינגראד. ס׳האָט זיך געפונען איינער וואָס איז געווען דרייסטער פון אלע; ער האָט געשריבן נאָך גרעסער: רער וואגאָן שטעלט זיך אָפּ אין סיבעריע. דאָס מאָל איז דער אָנווייז פונעם שחט־הויז געווען צו ווייט.

מיטרעא קאָקאָר האָט נאָך עפּעס צו געשריבן. בוקארעשט מאָסקווע, אהין און צוריק. באלד איז דער צוגאָב אָנגענומען געוואָרן אומעטום. אין אן אויפדערנאכט האָט דער קאַפּאָראל פּלאָרעא געמאכט ס׳זאָל פארשווינדן דער אהין און צוריק פון זיין וואגאָן.

— דו ווילסט בלייבן דאָרט? האָט אים חכמנדיק זיך, געפרעגט מיטרעא.

דער קאַפּאָראל האָט זיך ארומגעקוקט ער זאָל זען צו איז נישטאָ עמיצער אין דער נאָענט און האָט געשמייכלט אָן אן ענטפער.

דער קאָלאָנעל פּאלאדי, א גרויער און ערנסטער מאן, דער־ווייסנדיק זיך פונעם עטיקעטן־שפּיל האָט זיך אביסל אָנגע־ברוגזט.

זאָל א סוף נעמען צו די נארישקייטן האָט ער געראָטן די יונגע אָפיצירן. איר מיינט אז די דאָזיקע ווילן גיין קיין מאָסקווע און קיין סטאַלינגראד? זאָל מיר אזוי ווי טון דער קאָפּ ווי זיי ווילן. ס׳איז אזא באַפעל און מיר פירן זיי.

— דאָס איז דער אמת, וואָס זאָלן מיר זיך דאָ שפּארן! איך קען אָט די דאָזיקע ביטרע פויערים. און סוף כל סוף, זיינען זיי דאָך גערעכט. אָרעמע לייט וואָס האָבן קיין שום שייכות נישט מיט דער פּאָליטיק. און יענע מיט סיבעריע זיי־

נען גאָר איבערגעשפּרינגען דעם קלאָץ. באַפעלט אַז מען זאָל אָפּרייניקן די וואַגאָנען.

כ'האָב געגעבן דעם באַפעל.

— מ'זאָל זיי אָפּרייניקן פון נאַראַנים און לייז, האָט זיך מיטרעא אין דער שטיל אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג.

און די ווערטער האָבן אויסגענומען.

דורך די גרעסערע באַן-סטאַציעס, איז דער צוג דורך גע־פאָרן זינגענדיק פּאַטריאָטישע און מלחמה לידער. דערנאָך זיינען די וואַגאָנען שטיל געוואָרן איינציקווייז. דער קאָנטיגענט, אַזוי ווי די מענטשן פלעגן אים רופן איז געבליבן קוקנדיק מיט די אויגן אויף די גרינע פעלדער.

— דאָס איז אונדזער מלחמה, דאָס פעלד... האָט אַמאָל געזאָגט אַליין מיטרעא.

דעם קאַפּאָראַלס וואַגאָן האָט געלאַכט.

— איך לאַכט ווי די טיפּשים, האָט זיך אָנגעברוגזט דער פּראָנטאַש.

די קאַמעראַדן האָבן נישט פאַרשטענדלעך אים אָנגעקוקט. זיי האָבן געקאָנט קאָקאָרן ווי אַ יונג וואָס שפּאַסט.

וואָכן זיינען זיי אַזוי אַרומגעקראָכן. זיי האָבן זיך לאַנג אָפּגעשטעלט אין די איינזאַמע סטאַציעס. צומאָל האָט גערעגנט און ס'האָט זיי פאַרדעקט דער נאַסער נעפּל. ער האָט זיך צע־צויגן ווי אַ שוואַרצער טיפער טרויער אויף די פאַרמשפּטע־מיטרעא האָט געדרימלט אין זיין ווינקל לעבן פלאָרעא קאָס־טעאַן. ער האָט נישט געקוקט ערגעץ אַנדערש ווי נאָר אין זיך אַריין מיט אַזאַ עקשנות ביז וואַנען ס'האָבן אָנגעהויבן זיינע קאַשטאַנען אויגן צו שווינדלען. דעמלט האָט ער געזיפצט און געיעכצט. ס'גאַנצע וועזן האָט אים וויי געטון.

ער האָט זיך אַביסל געשעמט פאַרן קאַפּאָראַל.

— וואָס איז מיטרעא, מיט דיר? האָט אים אַמאָל געפרעגט קאָסטעא.

מיטרעא האָט געענטפערט נישט זאָגנדיק דעם אמת.

— ברידער לעב, כ'קלער וואו ס'זאָל זיין און וואָס ס'זאָל טון דער פּראָפעסאָר, יענער וואָס האָט מיר געגעבן דעם אלף־בית

און דאָס טאָוועלע. כ'האָב אים איינמאָל געזען און וועל אים מער קיינמאָל נישט פארגעסן.

— דער פּראָפעסאָר ווארט, האָט געענטפערט דער שמיד.

— ער לעבט?

— יאָ, לויט ווי איך האָב געהערט. און צו וואָס נאָך האָסטו געקלערט?

— ברידער לעב, כ'האָב געקלערט ווי א משוגענער:

אז אונדזערע עלטערן האָבן געריייזט פון דאנען ביז אהין אזוי ווייט וויפל מ'קען ווארפן מיטן שטעקן, מיר אָבער האָבן זיך געלאָזט צו יענעם עק וועלט מיר זאָלן געוווּיר ווערן וואו ס'געפינט זיך די אקס פון דער ערד.

אייניקע קאמעראדן האָבן זיך צוגעהערט צו מיטרעאס רייד. זיי האָבן געווארט אויפן וויץ.

— מיר בלאָנקען ארום, האָט ווייטער געזאָגט מיטרעא, אָן אינטערעס. די זיידעס זיינען געגאן פארדינען א ברויט, און מיר פאָרן דעם „שלימזל" אקעגן.

דער קאפּאָראל האָט אים בייז אָנגעקוקט:

— די מלוכה צאָלט דיר א ליי א טאָג; זי גיט דיר אויך א אומזיסטיקן צוג, עסן און קליידונג.

— רייד נישט פונעם קאָסטיום, ווייל ס'ברוגזט זיך אָן דער קאָנטיגענט.

די קאמעראדן האָבן געקוקט פארצרהט צו דעם עקיפּאמענט וואָס די מלוכה האָט זיי באצירט.

— קאָנטיגענט! ביזט ברויגז? האָט פלאָרעא געפרעגט.

— מיר פרייען זיך.

דאפינעסקו איליע דעם פרונטאשס פריינט האָט צוגעגעבן:

— נאָר מיטרעא זיפצט און ווערט טרויעריק.

דער קאָנטיגענט האָט אויסגעדרייט די נעזער צום פרונטאש.

— איך דענק, האָט מיטרעא געזיפצט, צו דעם אָרעמאן וואָס ווערט דערציילט אין דער מעשה, וואָס איז געגאן ביז צו גאָט מיט דער סאקווע. ער זאָל אים פרעגן וועגן די צרות זיינע. איך גיי מיט צוויי סאקוועס צום מלך פון די שדים.

דער קאָנטיגענט איז טרויעריק געוואָרן.

— דער דאָזיקער מיטרעא איז עפּעס נישט ביי אלע געווויסן

האָבן זיי צווישן זיך גערעדט, ער רעדט ווי א נישטגוטער.

אינדעראמתן, האָט קאָקאָר נישט באַצירט זיין ארט רעדן מיט משלים, ווערטלעך און אנעקדאָטן וויאזוי עס האָבן געטון אסאך מיט לאַנגע צונגען פון די אַנוועזנדע; דער פּרונטאַש האָט ארויסגענומען ווערטער פון זיין פאַרביטערט לעבן.

און געפאָרן איז אזוי דער צוג פון זיין קאָנטינגענט א לאַנגע צייט דורכפאָרנדיק דורך א גרוים שטיק לאַנד, ביז ס'האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן פּוסטע דערפער. אַלץ איז געווען צעשמעטערט און פאַרברענט. דער ווינט האָט געבראַכט א געשטאַנק פון פּליענדיקע העלצער און נבלות. הינט האָבן זיך געפּאָרעט ארום די חורבות, צוריק קומענדיק צום צושטאַנד פון וועלף; מיט אראָפּגעלאָזטע עקן, זיי האָבן געשטאָכן די לופט מיט זייערע פּיסקעס פון וועלכע ס'איז ארוים א טויט־האַווקעריי.

אין א טאָג, ווען מ'האָט געעפנט דעם וואַגאָן, האָבן א מענגע קעפּ מיטרעאַס חברים אויסגעגלאָצט אויגן אויף א בילד וואָס איז פאַרמירט פון מויערן און פעסטונגען. אמאָל איז דאָרט געווען א שטאָט. ס'איז געווען צו נאַכט צו און מ'האָט נאָך נישט אָנגעצונדן דאָס ליכט. אויף דעם אָפּפאַל פון דער געוועזענער סטאַציע־געביידע, א ענגע בודקע פון ברעטער און מיליטער געצעלטן וועלכע האָבן אָפּגעשטעלט די צירקולאַציע פון דער אייזנבאַן־ליניע, פאַרבינדיק די וועלט מיט דער וויסטע און מיטן פראָנט. צווישן יענעם מיסט און געצעלטן, אויף דער בודקע, האָבן זיך אָנגעצונדן עלעקטרישע לאָמפּן. דאָס וואָס איז אמאָל געווען א שטאָט איז געבליבן אויסגעמאָלן אין די ווייטן, אויף א שטורמדיקן הימל, ווי אין א טיפן ווייטן דור, וועלכן קיינער געדעקט שוין נישט.

ווען ס'האָט זיך געטראָפן א קליינע באַן־סטאַציע וואו ס'איז איבערגעבליבן אָפּרו־האַלעס פאַר די טרופּען, האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט אויף א טאָג אין א נאַכט, כדי די מענטשן זאָלן זיך אביסל אָפּשאָקלען פון דעם מידקייט פון אזויפיל יאָגן זיך, דער מח איז זיי געווען ווי פאַרמישט. זיי האָבן אָנגעהויבן צו ווימלען, זוכנדיק פרישׁ וואַסער. ביי א ברונעם, ביי א טייכל, האָבן זיך אייניקע געוואַשן האַפנונגסלאָזע, אויסגעטון ביז צום

גארטל. זיי האָבן אויף זיך צעשמירט ווי א פּאסטע די גאנצע סאזשע פון דער לאָקאָמאָטיוו.

זיי האָבן אויך ארויסגעוואָרפן פון די וואגאָנען די קאנא־פּעס און האָבן אָנגעהויבן צינדן מיט זיי פייערן. „זיי האָבן געלייענט די צייטונגען", דאָס הייסט זיי האָבן זיך איבערגעטון די העמדער און האָבן זיי באקוקט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט ארום די פייערן.

מיטרעא און דער קאָוואל האָבן זיך דערשלאָגן אין א נאָך מיטאָג ביז אין דערפל, וואָס איז געווען אָפּגעהיט ווייל ס'איז געשטאנען טיף צווישן נאָענטע צוויי בערג, וואו ס'האָבן זיך באהאלטן עטלעכע אָנגעוואָרפענע באוווינטע הייזער, צווישן אסאך אנדערע וואָס זיינען צעשטערט געוואָרן. אויף דעם נישט באארבעטן פּוסטן פעלד, עטלעכע דארע חזירימלעך, א טיץ הינ־דלעך וואָס קוואָקן פאר שרעק ווען מען דערנענטערט זיך צו זיי שטופּענדיק זיך איינס ס'אנדערע. א פרוי האָט זיך באַ־האלטן אונטער א הויז, פארגנבנדיק זיך אין דער ריכטונג פון א הויכן האנף־פעלד.

— דער קאַפּאָראל פלאָרעא קאָסטעא האָט אויסגעשריגן עט־לעכע ווערטער אויף רוסיש. די פרוי דרייט זיך אום צו די פרעמדע סאָלדאטן. זיי זיינען נישט געווען קיין דייטשן; זי האָט געפּראוווט צו זיי שמייכלען. זי האָט זיך פארקרומט מיט די פעלנדיקע ציין פון אונטער דער אייבערשטער ליפּ.

— די דייטשן זיינען דאָ געווען באביטשקע ?

— געווען, האָט זי זיך באקלאָגט, ווייזנדיק מיטן מיטלען פינגער דאָס שוידערלעכע מויל אָן ציין. איר וואָס זענט ?

— מיר זיינען נישט קיין דייטשן, באביטשקע.

— אזוי, אזוי... איר זענט מענטשן... וואוהין ?

— מיר גייען צום פראָנט. רומעניש סאָלדאטן, באביטשקע.

— ביטער און זויער ! שרייט די פרוי מיט די הענט ביי די שלייפן.

מיטרעא האָט געפילט אז דאָס געשריי האָט אים דורכגע־נומען ביז אין דער טיפעניש פון זיין נשמה. דעם קאַפּאָראל זיינען פייכט געוואָרן די אויגן. סע האָבן זיך נאָך באוויזן אין דער נאָענט עטלעכע פרויען. צוויי אלטע מיט פעלצן, עטלעכע

קינדער אין שטאָפּענע שטיוואַלעך. פון די דאָזיקע האָט קאָקאַר געכאַפּט עטלעכע פּיינטלעכע פּיילן־בליקן. אין די הענט האָבן זיי געהאַלטן פּאַרקלאַמערט עטלעכע היי־גאָפּל. דער פּרונטאַש האָט אַרויסגעשלעפּט אַ שוואַרץ ברויט פון דער טאַש, עפּנענדיק מיט אַ פינגער דאָס רעוואָלווער בייטעלע. ער האָט צעריסן דאָס ברויט און האָט עס אויסגעשטרעקט צו די קינדער. צום ערשטן האָבן זיי געוואָלט אַנטלויפן, דערנאָך האָבן זיי זיך דערנעענטערט און האָבן אויסגעשטרעקט דאַרע הענטעלעך מיט ביינערדיקע פינגערלעך. איינער פון די אַלטע האָט געגעבן אַ שפּאַן פאָרויס און האָט געפרעגט מיט אַ דין קול, אין דער שפּראַך פון די פרעמדע:

— איר רומענער?

— יאָ.

דער אַלטער קערט איבער דעם היי־גאָפּל און שטעקט אים איין אין דער ערד.

— אהא! מיר געווען דאָרטן... געווען אין דער מלחמה. דעמלט אַן אַנדערע מלחמה. אַצינד דייטש וואָלק. דייטש גוסטערניצאַ. דייטש סאַראַנטשאַ.

— וואָס זאָגט ער האָט זיך אינטערעסירט מיטרעאַ.

— ער זאָגט אַז דער דייטש איז אַ וואָלף, אַ שרץ, און אַ היישעריק.

— אָבער אונדזערע זין, האָט ווייטער גערעדט דער אַלטער אויף זיין שפּראַך, און דער קאַפּאָראַל פאַרטייטשט מיטרעאַן: אונדזערע זין טרייבן זיי צוריק! נאַזאַט! איי! ווי זיי שלאָגן זיי! איי! ווי זיי צעברעכן זיי די ביינער!

— דער דייטש קאַפּוט! שרייט מיטאַמאָל אויס דער צווייטער אַלטיטשקער און האָט אָנגעהויבן צו רירן מיט פרייד זיין דאַרן גוף אינעם פּעלץ. איר גייט שוין מער נישט פאָרויס. גייט אייך אהיים.

— ווייַ, אָרעמע מענטשן, גוטע מענטשן... האָט זיך באַקלאָגט די באַבּיטשקע נאָכגייענדיק זיי אין צווישן.

— זיי מאכן חוזק פון אונדז, האָט מיטרעא געמורמלט. דער קאפּאָראַל האָט נישט געענטפערט. זיי האָבן זיך אומגעקערט צו דער איינזאמער באַן־סטאַציע. פון צייט צו צייט האָבן זיי זיך אָנגעקוקט איינער דעם אנדערן פארשטייענדיק זיך אָן ווערטער.

— זאָגסט גאָרנישט דער חברה, האָט באשלאָסן קאָסטעא פּלאָרעא.

XI

קומט צו נעענטער, הערן, האָט געזאָגט נאָכן נאכטמאָל דער קאָלאָנעל פאלאדי צו זיינע אָפיצירן. און האָט זיך געאיילט אויסצושפרייטן די לאנד־קארטע, בשעת די דינער האָבן אָפּגע־ווישט דעם טיש; כ׳בעט אייך נאָך נעענטער, כדי איר זאָלט אַלע קענען זען דעם אנסאמבל פון די אָפּעראציעס.

— די דאָזיקע קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען כמעט יעדן טאָג. אין יענער נאכט, האָט דער קאָלאָנעל אויסגעזען מער צע־רודערט. די שיין פון די לעכט איז געווען שוואכער. פון מזרח האָבן געדראָלט שטורמישע וואָלקנס.

צום ערשטן מאָל, האָט פּלוצעם דער קאָמאנדאנט געזאָגט אויפהייבנדיק די אויגן פון דער לאנד־קארטע. איך האָב געהאט א דיסקוסיע „א שטארקע" מיט א דייטשישן אָפיציר. ס׳איז די רייד פון דעם קאָמאנדאנט, פון דער אומגליקלעכער באן־סטאציע.

ער, איך בעט אייך, האָט מיך געוואָלט איבערצייגן אז דער פּראָוויזיע־מאגאזין האָט זיך ביי אים אויסגעליידיקט און ער קען אונדז נישט מער צו פארפיגונג שטעלן די רעגלעמענטירטע ראציע. אז „מיר וועלן שטייען אויפן אָרט עטלעכע טעג" און אז „דאָס פארענגט אים", אז „ער דארף אלימענטירן די ציגער

וואָס קומען פון אינעווייניק". „איך וויל נישט אומבאדינגט שטיין, דערלויב אונדז צו גיין ווי פריער". „כ'קען נישט, ס'קומען פונעם פראָנט ציגער איינער נאָכן אנדערן, איר זעט דאָך אליין אז מען זאמלט צונויף, זייער מעגלעך, דיוויזיעס אויף אן אנדערן פונקט". דאָס איז אן ענטפער! פון דער אנ־דערער געמיינער סטאציע, ווי מיר האָבן זיך איבערגעפירט אויף די ברייטע באן־ליניעס האָב איך מיך נישט אזוי אויפ־געגט ווי איצט. זאָל מען מיר מוחל זיין וואָס איך זאָג, אז אונדזערע דייטשישע קאמאראדן טראַטירן אונדז אביסל ווי הילפס־טרופן.

— אביסל? וואונדערט זיך מיט א געפאלענער שטימע דער לאָקאָטאָנענט באָנדאָק.

דער קאָלאָנעל האָט אויף אים לאנג געקוקט טאפנדיק מיט דער רעכטער האנט אויפן טיש דאָס פלאץ ווי ער האָט געוואוסט אז ס'דארף זיך געפונען די פלאש מיט קאָניאק.

— אפשר ביסטו גערעכט, מיקשונעא, האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. גיב מיר איך בעט דיך א ציגאר, פון יענע גוטע וועלכע דו האָסט נאָך פון דער היים.

מיט פארגעניגן הער קאָלאָנעל.

דער אָפיציר האָט אויסגעשטרעקט זיין זילבערנע טאבאט־שניצע און האָט זי דערלאנגט דעם עלצטן צוזאמען מיט דעם פייער־מאשינדל.

— א דאנק, מיקשונעא. שוועבעלעך האָב איך. זאָלסט מיר מוחל זיין פאר דער באמערקונג וואָס איך האָב געמאכט און אויף וועלכער אונדזער קאמאראד האָט אונטערגעצייכנט. איך האָב אויך צומאָל שלעכטע מאָמענטן, ווען מיר באגעגענען זיך אין אזא טרויעריקע איינזאמקייט, וואָלט איך געוואָלט זען א שמייכל, כ'זאָל הערן א גוט וואָרט. ניין זיי זיינען א מין אווי־טאָמאטישע שטרענגקייט א מין אומזיניקע עקשנות.

— זיי וועלן שוין מענטשליכער ווערן, הער קאָלאָנעל, האָט ווידער מיקשונעא געוואגט ווינקנדיק מיט אן אויג.

— כ'פארשטיי וואָס דו זאָגסט און ס'געפעלט מיר נישט.

מיקשונעא האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ.

דאָך איז פאראן אביסל גערעכטיקייט אין אייערע רייד,

מיקשונעא. זייט א צייט מאכן מיר סמנים אויף דער לאנד־קארטע וואָס וואונדערן אונדז, ס׳איז מעגלעך אז מיר פארשטייען נישט גוט די באוועגונגען פון די כוחות. נאָך בליץ־פּאָרויסן, סטראטעגישע צוריק ציונגען.

די אָפּיצידן האָבן אויפמערקזאם געשוויגן.

— אָן א שום ספק, האָט ווייטער געזאָגט דער קאָלאָנעל פאלאדי, ס׳איז נישט געווען קיינמאָל אויף דער וועלט א בע־סער צוגעגרייטע ארמיי און א בעסער אָרגאניזירטע ווי די דאָ־זיקע. און מיט דעם אלעמען ...האָט ער געזיפצט; רעג איך מיך אויף ווען איך קלער אז דאָך...

ער האָט אוועקגעוואָרפן דעם פארלאָשענעם ציגאר און האָט גענומען אן אנדערן פון דעם לאָקאָטאָנענטס טאבאטשניצע.

— ס׳איז א שטארקער קאמף.

ער האָט אָנגעצונדן.

ס׳איז א שטארקער קאמף אויף טויזנטער קילאָמעטער, פּו־נעם באלטישן מער ביז צום שווארצן ים ...מיליאָנען טרופּען.. אן אויסריסטונג וואס איז קיינמאָל נישט געווען ...לופט־וואפן, קאָמאנדאמענטן ...וואָס זאָל איך זאָגן? ס׳איז נישט מעגלעך מיר זאָלן נישט באמערקן אז ס׳קומט פאר א חוצפּהדיקער פענאָמען מיר זיינען פונעם פאך און מיר געבן זיך אָפּ חשבון. די קאָמוניקאטן, ווי זיי זאָלן נישט זיין איינגעהילט אין סטיל־פיגורן, ווייזן ארוים א נישט זיכערקייט.

— נאָר אזויפיל? איז ווידער אויפגעציטערט געוואָרן דער לאָקאָטאָנענט. אָבער ביי לענינגראד, ביי מאָסקווע, און ערגעץ אויף דער וואָלגע...

— יאָ. און אויף דער זייט ווי מיר גייען און קומען קיינמאָל נישט אָן צו די דריי פּונקטן פון אנטשיידענער וויכטי־קייט. איר נעמט נישט, יונגעליט? האָט ער צוגעגעבן אָנווייזנ־דיק מיטן ציגאר אויף דער פלאַש מיט קאָניאק. וויאזוי זאָגט דער פּלוטאָניער קאטאראמא, „די ארבעט איז זויער געוואָרן"...

דער קאָלאָנעל האָט מאום געלאכט מיט די שווארצע ציין.

— אָבער ס׳איז נאָך עפּעס. די רוסן האָבן אָנגעהויבן שטארקע קאָנטרא־אטאקעס וואָס הערן נישט אויף. מיר מוזן אנערקענען אז זיי גייען אומאויפהער פאָרויס. פון דער אנדע־

דער זייט די דערגענץ־טרופן פון די קאמאראדן, וואָס גייען אויפן פראָנט, ווייזן מיר אויס אז זיי זיינען נישט אויף דער הייך פון יענע פון איצט צוויי יאָר: א רויע יוגנט, נישט גענוג צוגעגרייט. וואָס וואָלט איר דערצו געזאָגט אז מיר זאָלן אויך אריינוואַרפן, מיטאמאָל דעם דאָזיקן צוג מיט פויערים אין דער שלאכט אריין? שיין? ניין? מען וואָלט זיי צונישט־געמאכט אזוי גרינג ווי ס׳ווערט נעלם א ווייסע פעלד־בלום. אזוי איז אויך מיט יענע קינדער. זיי קומען מיט ענטוזיאזם; שרייען שוידערלעכע, לידער; נאָך דעם וויינען זיי און רופן די מאמע. און פונעם טיפן מזרח קומען די פעלקער, מיינע הערן, פערפעקט אויסגעשטאט, פערפעקט אינסטרוירטע, גלייך זיי זיינען נישט יענע וואָס האָבן זיך צוריקגעצויגן. יענע זייינען אויך דאָ. ס׳דערשיינען אָבער אויך אנדערע און אלץ מערערע, אין די טויזנטער אין די מיליאָנען. אעראָפּלאנען טאנקן, מאָטאָריזירטע ארטילעריע, קאטיושעס און נאָך. וואָס האָבן זיי נישט, מיינע הערן? איך, וועל אייך זאָגן דעם אמת, אלס אן אלטער מיליטער מאן וואָס האָט מיט געמאכט א קאמפּאניע מיט די רוסן אין דער יוגנט, איך באוואונדער זיי. מיך באומרויקט וואָס זיי האלטן אין איין קומען און האלטן אין איין צעשמעטערן. זיי האָבן געשלאָגן נאפּאָלעאָנען. ס׳ווייזט זיך ארויס אז אויך דייטשלאנד פארשפּילט דעם שפּיל.

דער קאָלאָנעל האָט זיך אָנגעצונדן נאָך א ציגאר און האָט אראָפּגעשלונגען נאָך א גלעזל קאָניאק נאָך אסאך אנדערע. די זשעסטן זיינע האָבן זיך פארמערט, ער איז אלץ הייזעריקער געוואָרן.

אין יענער נאכט איז דער פּרונטאש קאָקאָר דומיטרו געווען אויף דער ערשטער וואך אינעם צוג, אינעם וואגאָן פון די אָפיצירן, צוזאמען מיט דאפינעסקו איליע. מיטרעא פון איין זייט, דאפינעסקו פון דער אנדערער זייט. די פענצטער פונעם וואגאָן זיינען געווען באהאָנגען מיט פאָרהענג, „כדי די זשלאָבעס זאָלן ניט זען וואָס עס טוען די גרויסע", אזוי ווי עס דרוקט זיך אויס דער קאָנטיגענט אליין.

דער קאָלאָנעל איז געזעסן צווישן דער שיין און די פאָר־הענגלעך אויף וועלכע מיטרעא האָט געקוקט; אזוי אז מיטרעא

האָט געזען דעם קאַלאָנעלס שאָטן שוואַרץ און אביסל פאַרגרע־ סערט אויף א פאָרהענגל פון א פענצטער. אין דער שטילקייט און איינזאַמקייט פונעם פּלאַץ האָט זיך מיטרעא אויפגעהערט צו שפּאַצירן און האָט זיך צוגעהערט; ווען און ווען האָט ער גע־ הערט א טייל פון א פראַזע. און האָט באַמערקט די באַוועגונ־ גען פונעם קאָלאָנעלס שאָטן. מיט דער לינקער האַנט האָט ער אַרויסגענומען א ציגאַר מיט א לאַנגן מונדשטיק פונעם מויל, און מיט דער רעכטער האַנט האָט ער פון צייט צו צייט אויפ־ געהויבן א כוס.

— ס'געפעלט אים זייער די משקה וואָס הייסט קאָניאַק, האָט זיך מיטרעא געטראַכט; ער גיסט אָן אביסל קאָניאַק אין א גרויסן כוס. ער גיסט געדעכט. ניין מאָל האָט ער ביז איצט אויפגעהויבן די רעכטע האַנט.

מיטרעא האָט אין דער טונקל צו זיך אליין געלאַכט. ער האָט זיך דערמאַנט וואָס קאַטאַראַמע האָט אויך געזאָגט וועגן די רוסן: נישט אַזוי האָבן מיר זיך איינפאַרשטאַנען, רוסנאַ־ קעס! אָט הייבט איר אָן א קאָנטראַ־רעוואָלוציע, אָט האָט איר נישט קיין וואָפן... איר האָט פון אַלעמען — דעם שלאָס פו־ נעם הייליקן פּעטער פונעם טויער פונעם גן־עדן. זיי האָבן גע־ מאַכט א לייט פון נאַפּאָלעאָנען, זיי מאַכן א לייט אויך פון היטלערן.

ס'איז געווען א נאַכט אָן א לבנה. אינעם טיפן מזרח האָבן זיך אָפּגעשטעלט שוואַרצע וואָלקנס. ווי פאַרשטאַרצטע פעלזן.

נאָך דעם וואָס ער האָט געהערט דעם סוף פונעם קאָלאָנעלס רעדע, וואָס ס'האָט זיך אַרויסגעהערט פונעם וואַגאָן אין דער שטילקייט פון דרויסן, איז די צווייטע וואַך געקומען בייטן מי־ טרעאַן. דער וואַכ־קאַפּאָראַל האָט אים געבראַכט אָן אַנדערן קאַמאַראַד אויף זיין פּלאַץ. דער פרונטאַש האָט אים איבערגע־ געבן דעם פּאַראָל און איז אוועקגעגאַנגען. ער האָט געקענט שלאָפן ביז אינדערפרי.

זיין וואַגאָן „פאר בהמות" איז געווען דער זעקסטער פון הינטן. ער האָט דערנעבן געטראָפן, וואַרטנדיק אויף אים, דעם קאַפּאָראַל פּלאָרעא. דערווייטערנדיק זיך אביסל צום עק פונעם

צוג, האָט מיטרעא אים דערציילט אין דער שטיל וואָס ער האָט געזען און געהערט. ער האָט צוגעגעבן געניצנדיק.

— לויט ווי איך זע, באַשעפטיקן זיך אויך די הערן אָפּי־צירן מיט דער מלחמה פּונקט ווי אונדער פּלוטאָניער.

דער קאָוואַל מאַכט נישט קיין שום באַמערקונג. ער פרעגט אים:

— ביסט שלעפעריק מיטרעא?

— כ׳בין יאָ און נישט אַזוי שטאַרק. וואָס איז?

— אויב ביסט שלעפעריק, גיי נישט אַריין אין וואַגאָן. ס׳איז עפּעס אַ דושנעקייט און ס׳באַשלאָגן דיך די רחות. כ׳בין אַביסל אַרויסגעגאַן און האָב שוין מער נישט געקענט צוריק אַריינגיין. ס׳האָט מיך אַרויסגעשטופּט. דערפאַר האָב איך אויף דיר געוואַרט. איך האָב דאָ געפונען, פונפציק שריט פון דאַנען אַ סטויגל היי, מיר שפּאַרן זיך אָן מיט דער פּלייצע דערויף און מיר זיצן זיך אַזוי גוט. די נאַכט גייט באַלד אַוועק. מיר האָבן נאָך דריי שעה ביז ס׳וועט טאָג ווערן.

זיי זיינען פּאַוואָליע צוגעגאַן ביז צום סטויגל היי און האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין דער טונקל. נאָכדעם וואָס עס איז דורך אַ שטיקל צייט, האָט דער קאָוואַל געפרעגט:

— וועגן דער לאַנדס־פּאָליטיק האָבן זיי נישט גערעדט?

— פון וועמען? פון אַנטאָנעסקון?

— יאָ.

— פון יענעם האָבן זיי נישט גערעדט.

— אַ וודאי, האָט געקלערט דער קאָוואַל, זיי ציטערן פאַרן פּעלצל.

נאָך דעם שטילשווייגן וואָס האָט נאָכגעפאָלגט דעם דאָזיקן פּוילן־ווערטער אויסטויש, האָט זיך אין דעם מזרחדיקן שוואַרצן וואָלקן מיטאַמאָל אָנגעצונדן אַ גרוים רויטלעך אויג. ס׳האָט זיך אָנגעצונדן און ס׳האָט זיך אויסגעלאָשן, גלייך ווי ס׳האָט געפינטלט. מיטרעאַן האָט זיך אויסגעוויזן אַז ס׳דראָט נעבעך אויף די מענטשן וואָס זיינען פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין יענע געגנטן דער נישט גוטער פון דער וויסטעניש.

— האָסט געזען?

— כ׳האָב געזען, האָט שטיל געענטפערט דער קאָוואל. דאָרטן האָט אָנגעהויבן דער שטורעם. זייער ווייט.

ארום זיי איז דער אומבאגרענעצטער סטעפּ פארשטארצט געוואָרן ווי אין טויט. כ׳האָט דאָך געקלונגען עפּעס דינס און דריבנעס אין יענען נישט רירבארן שווייגן. די מיליארדן פליגן האָבן געזומזעט מיט די אייבערשטע פליגל, זוכנדיק זיך און פראוועדנדיק זייער חתונה אין די גראָזן. „אזויפיל זיינען די וואָס קומען אויף אונדז", האָט מיטרעא געקלערט.

דאָס אויג פון דעם נישט גוטן האָט נאָכאמאָל א לויכט געטון. די שווארצע כמארע פון סוף נאכט האָט זיך אָנגעהויבן פאוואָליע צו רירן אָננעמענדיק פארשיידענע אומבאשטימטע פאָרמעס, ביז ס׳איז פון זיי געוואָרן א באפליגלט פערד, וואָס יאָגט מיט א שווינדלעכן אימפעט. ס׳האָט זיך צעצויגן און גיך פארשווינדן צו דרום זייט צו.

דער מזרח איז געוואָרן קלאָר; דער זשום פון דעם סטעפּ האָט אויפגעהערט. ס׳האָט זיך געהערט ווי א וואסער־רויש פון א נישט געמאָסטענער ווייטקייט. נישט לאַנג דערנאָך, אויף דער איינזאמקייט אין וועלכער ס׳האָבן פארוואונדערט געוואכט די צוויי קאמאראדן האָט געיאָגט א קאלט ווינטל, דער דערוויי־טערטער פליגל פונעם שטורעם. ס׳האָט געדויערט צען מינוט. און ס׳איז אוועק. ס׳האָט זיך ווידער אויסגעשפּרייט די שטילקייט.

קאָקאָר האָט אויפגעשטעלט דאָס אויער, אזוי ווי ער פלעג טון אין די וואך־נעכט פון דראָפּי. דער זשום פונעם פעלד האָט זיך שוין מער נישט געהערט.

— א פולשטענדיקע שטילקייט, האָט געמורמלט דער קאָוואל.

מיטרעא האָט געשטאמלט.

— וואָס זאָלן טון אונזדעריקע אינדערהיים?

— אכטונג! איז אים מודיע מיט דער זעלבער שטילער שטימע דער קאפּאָראל.

מיטרעא האָט געוואָלט שטעלן א פראגע. זיין פארחדוש־קייט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן פון די בליצן וואָס האָבן זיך געיאָגט אין דער זעלבער ווייטקייט פון וואנען ס׳איז געקומען

דאָס שטורעם־פערד. ס'האָט זיך שוין גאָרנישט געהערט. נאָר פונקלען און פונקלען האָבן זיך געזען.

ביידע קאַמאַראַדן האָבן געשוויגן, מיט קלאַפּנדיקע הערצער. דאָרטן איז געווען דער פראָנט, צו וועלכן ס'האָט זיך געריכטעט דער קאָנטינגענט.

XII

צווישן די כיטרעשע אויפטועז, האָט זיך אויסגעוויזן אַז דער דאָזיקער מיליטער־צוג 404 ווייל דערגרייכן דעם ספּעציעלן רעקאָרד ער זאָל קיינמאָל נישט אָנקומען אהין וואו ער האָט באדארפט. ער האָט געפּייפט, געריייכערט, געקלאפּט, געסאפּעט, האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווייטער געגאנגען און ווידער זיך אָפּ־געשטעלט. אפשר האָט ער אין זיך פארקערפּערט דעם ווילן פון אסאך פון די וואָס ער האָט זיי געפירט; אָדער פון די שווארצע מעכאניקער, ווערכע, באלד ווי זיי זיינען אָנגעקומען אין א פארלאָזטער סטאציע, האָבן זיי אָנגעהויבן, ווי קאָקאָר פלעגט זאָגן, צו האווקען איינער צום אנדערן. ס׳איז נאָך צו־געקומען נאָך אן אנדערער וואונדערבארער פאקט: ס׳האָט זיך געדאכט אז אויך די שיין ווערט פארזונקען אין ציט זיך אין אומבאגרענעצטן מזרח, און נאָך עפּעס: פון מאָל צו מאָל האָבן זיך צעבייזערט אויף יענעם מיליטערישן צוג נומער 404, ווירבל־ווינטן און שטורעמס. נישט ווי ביי אונדז. ביי אונדז, ווייזט קאָקאָר, זיינען די שטורעמס ווי גוטמוטיקע מיידלעך; דאָס איז די נעסט פון אלע שטורעם־באבעס. אין א אויגנבליק, מאכן זיי דעם מענטש א קנויל און ווארפן אים אנידער אויף

דער ערד; זיי ווילן אראָפּוואַרפן דעם צוג פון דער ליניע.

— גייט אייך! גייט אייך, איר מענטשן, צוריק פון וואַנען איר זענט געקומען. וואָס זוכט איר דאָ?

— זייט מוחל, לילית. מיר זוכן אויך דעם רוח, האָט זיך קאַקאָר געבויגן. איך ברענג א מתנה, אָט דיביידע סאַקוועס מיינע.

— אצינד זיינען זיי לײדיק, דו מיטרעא; דו, האָט געלאַכט דער קאָנטיגענט.

— א וודאי, ווייל איר האָט אויך געריזעט פין זיי, באַנאַכט, ווען איך האָב געשנאָרצט. זיי האָבן זיך אָבער דערנאָך ווידער אָנגעפילט מיט דעם וואָס מיר האָבן געזוכט, ווי די אידיאָטן אויף די דאָזיקע געגנט, אזוי אז איך ברענג א מתנה סקאַראַאָסקין[1] צוויי סאַקוועס מיט מענטשלעכע נאַרישקייטן.

און אָט, נאָך א פאַרכמאַרעטן נאָכמיטאָג, ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, דערשיינט א דעלעגאַט פון דער רומענישער דיוויזיע פונעם סעקטאָר. די פונעם קאָנטיגענט וואָס זיינען געווען נעענטער צום קאָמאַנדאַנטס וואַגאָן האָבן גוט געהערט אז ער איז א דעלעגירטער אָפיציר, זיי האָבן אָבער נישט פאַרשטאַנען פון וואָספּאַרא דיוויזיע און פון וואָספּאַרא סעקטאָר.

דער דעלעגירטער אָפיציר איז געווען א ציגיינערל מיט א בערדל מיט צו א לאַנגן מאַנטל, מיט א קאַסקע, מיט א פּאַסעק, אָן סמנים פון גראַדן. ער האָט אויסגעוויזן צו זיין אביסל שטאָלץ ווען ער האָט גערעדט מיטן קאָלאָנעל פּאַלאַדי און מיט די אַנדערע אָפיצירן, ווי איינער וואָס „איז דורך דורכן פייער".

— ער ווייזט אוים אביסל צוגעסמאַלעט ... האָט באַמערקט מיטרעא. מאָרגן וועלן מיר אויך זיין אזעלכע העלדן ווי ער, וויי צו אונדזער מזל.

מ'איז געוווּיר געוואָרן אז דאָס רעגימענט פרישט זיך אויף; ס'האָט דריי מאָל געביטן דעם אָפּרו־פּלאַץ אין פינף וואָכן —

---

1 מלך השדים.

דאָס הייסט זייט דער קאָנטיגענט איז אוועק פון דער היים. זיי האָבן זיך נישט געביטן דאָס אָרט פאַרוים; זיי האָבן זיך געביטן דאָס אָרט אַלץ מער צוריק. „גלייך ווי ס'האָט זיך גע־זוכט דעם עק".

א סטראַטעגישער ריקצוג, האָט דערקלערט מיט א חוצפּה'דיקן צוטרוי, דער דעלעגירטער אָפיציר, גלייך ווי ער האָט טאקע דעמלט אויסגעטראַכט ער אליין טאקע דעם דאָזיקן פאָרמול.

— לאָקאַטאָנענט פּאַפּעסקו, זיי ערנסט, האָט אים געענט־פערט דער קאָלאָנעל פּאלאדי, דורכנעמענדיק אים מיט די אויגן.

מיקשונעא האָט געלייגט די האנט אויף דער פּלייצע.

— דו, נוצו, מיר זיינען פון איין פּראָמאָציע און כ'וויים אז דו ביסט נישט קיין נאר.

דער לאָקאַטאָנענט נוצו פּאַפּעסקו האָט זיך נאָך געגדולט א ווײַלע אין זיין לאנגן מאנטל, דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט באַזיגן און האָט געשמייכלט.

— איר האָט געברענגט אביסל קאָניאק?

— געברענגט, האָט אים מיקשונעא באשטעטיקט. קאָרטן אויך.

— מיר האָבן נישט וואָס צו טון מיט זיי! האָט געגעבן א מאך מיט דער האנט נוצו! מיר האָבן נישט קיין צייט. מיר האלטן זיך אין איין ציען. איצט דארפן מיר תכף מיט אייערע מיליטע־רישע וועגן און מיט אונדזערע קאמיאָנען טראַנספּאָרטירן אַלץ וואָס איר האָט, אין דער מיליטערישער סטאנציע. מיר זיינען נישט ווייט איינגעריכטעט. דאָרטן ביים ראנד פונעם דאָרף. וואו די וועגן צעצווייגן זיך. די מאשינען לויפן אהין און אהער ... דער פראָנט פארפעסטיקט זיך. די סאָוועטן האָבן נעכטן אטאקירט פערציק קילאָמעטער ווייט פון דאנען. איר וועט זען אויף דער לאנד־קארטע ווי די זאכן זעען אוים. מ'האָט זיי צוריק געשטויסן, דער קאָלאָנעל האָט אים אָפּגעשטעלט:

— אויב אזוי דעבארקירן מיר באלד מיט אלץ וואָס מיר האָבן?

— יאָ, הער קאָלאָנעל. באלד ווי מיר האָבן באקומען די ידיעה, נעכטן, אז איר קומט, האָט מען אלץ צוגעגרייט. ס'איז

געוועז אן אנגענעמענע באשעפטיקונג און מיר האָבן זיך געפרייט.

— אויב אזוי קענען מיר אָנהייבן?

— יאָ, הער קאָלאָנעל.

— מיקשונעא גיב באפעלן.

מיקשונעא האָט געגעבן א באפעל נאָר מיט די אויגן ווייל די פּלוטאָניערן זיינען געווען אָנוועזנד. דאָס געדרענגעניש פאַרנעם קאָנטיגענט האָט זיך צעשפּרייט אָן גרויס איילעניש.

— די קאמאראדן ...וואָס טוען? האָט זיך אומגעקערט מיקשונעא צום לאָקאָטאָנענט נוצו.

— מיר זיינען און גאַנצן געבליבן אכט, ברודער מיקשונעא.

נוצוס אויגן זיינען פארשאָטנט געוואָרן פון אמתן טרויער. דעם קאָפּ זיינעם וואָס איז געווען פול מיט גדלות האָט ער אראָפּגעלאָזט.

— וואָס טוען טשיאָבאנו און פּאראסקיוועסקו? האָט געפּ־עגט דאָס דארע אָפיצירל וואָס מ'האָט אים א צונאָמען געגעבן דעמוצע.

— דו דעמוצע, האָט נוצו געזיפצט, טשיאָבאנו און פּאראסקיוועסקו האָבן אונדז געלאָזט גריסן.

דעמוצעס הייטלעך האָבן געצאפּלט אויף זיינע שיינע פרויען־אויגן.

— ס'איז גישט צום גלייבן. זיי זיינען געווען מיינע שוועסטערקינדער, מיר זיינען געווען ווי ברידער.

— ס'איז יאָ צום גלייבן, דעמוצע. ס'זיינען אויך אנדערע אומגעקומען: פּאָרומבעסקו, לאקסאטיוו, קראָיטאָרו... דער איז געווען מיין גרעסטער שונא, ווייל כ'האָב אים צוגענומען דאָס געלט ביים עקארטע. ס'טוט מיר באנג נאָך אים, ער איז געווען ווי מיינע א קליינע גוט. און יאָוואן, יענער וועלכער פלעגט אונדז דעקלאמירן יאָוואן יאָרגאָוואנס באלאדע, באהויפּטנדיק אז ער קומט ארויס פון יענעם פּאָלקס־העלד. ווען ער האָט געלאָזט די נשמה האָט ער געזאָגט זיינס א וואָרט, הערט קינדער! כ'גיי צו די עלטער זיידעס.

— אָבער פאנאקאָדא?

— פאנאקאָדא איז דאָ.

— דער סובלאָקאַטאָנענט דעמוצע האָט זיך געפרייט. אָבער נישט מער ווי א ווײַלע.

די זון האָט זיך איינגעטונקען ביים האָריזאָנט אין דינע פורפור כמארעס ווען דער קאָנטיגענט מיטן גאַנצן האַק און פּאַק, האָט זיך געלאָזט צו „דער־אָרטשאפט סמאָטרעץ״. ס'איז שוין מער נישט געווען קיין דאָרף, ס'איז קיינער נישט געבליבן פון די אָרטיקע וואָס האָבן געארבעט אויף די פעלדער, אכ־טונג געגעבן אויף די ביימער און געפיטערט בהמות: גלייך ווי זיי זיינען ארויף אויף דער לבנה, אָדער פארזינקען אין דער ערד. סמאָטרעץ איז געווען א פשוטער פונקט וואו מ'איז געשוקט געוואָרן אויפצופרישן דאָס צעמיימיסטע רעגימענט. העלפט פונעם וואָפן פון יענעם רעגימענט איז צעטאָפּעט גע־וואָרן, דער קאָנטיגענט, וואָספארא קאָנטיגענט ער זאָל ניט גע־ווען זיין, האָט ער נישט געקענט דערזעצן די פארלוירענע טרופּע. איבערהויפט די „זשלאָבעס״, דערקלערט שמייכלענדיק בוצו, זיינען אומגעקומען אָדער נעלם געוואָרן.

דאָס געוועזענע דאָרף האָט אויסגעזען ריין און גוט אָרגאַ־ניזירט. כאָטש אין דער אומאָרדענונג פון דער פויזע האָט דאָס צוריקגעשטעלטע רעגימענט געוואָרט מיט געגנוג באַגייסטערונג איבערהויפּט ידיעות פון דער היים.

קאטאראמע האָט זיך צעבייזערט: וואָספארא ידיעות פונעם לאנד? ס'איז נישטאָ קיין שום ידיעה. ווייטער איז אלץ אין אָרדנונג. א רוח אין דעם הייליקן איליעס אָפּגעהאַלטענעם רייטוואָגן און אין צבאות'ס קאָלפּעק אריין.

גוט וואָס כ'האָב אייך געטראָפן געזונט. כ'האָב געהערט אז איר זענט נאָר 230.

מיט מיר 231, הער פּלוטאָניער־מאזשור, האָט זיך באַ־קלאָגט דער שניידער פון קאטאראמעס באטעריע, איינער דעניִלע.

— אויך דו ביסט דאָ, דו, דעניִלע ראָשו?

— כ'בין, הער פּלוטאָניער־מאזשור, כ'האַלט מיך מיט די ציין אינעם לעבן. מיר האָבן זיך אביסל צופיל פארמינערט, הער פּלוטאָניער־מאזשור.

— עי. לאָז אָפּ מיר זיינען געקומען כדי מיר זאָלן זיך אויך פאַרמינערן. איר האָט פון אַלעמען ?

— מיר האָבן.

— איך האָב אויך געבראַנגט אַביסל פּאָפּשויע־מעל.

די באַקאַנטע קאַמאַראַדן האָבן זיך דערפרייט קלאַפּנדיק זיך איינס ס׳אַנדערע אויף דער פּלייצע.

קאָקאָר האָט זיך צוגעקוקט צו דעם באַגעגעניש פון די קאָ־מאַנדאַנטן. דער קאָלאָנעל טשאושו איז געווען דאַר און אָפּגע־ברענט פון דער זון, אָבער גוט אויפגעלייגט ווי שטענדיק, ראַזירט, מיט ווייס־בלויע אויגן ווי פון גלאָז ער איז געווען עלטער אין גראַד ווי פּאַלאַדי. נאָכדעם וואָס זיי האָבן זיך אַרום גענומען, האָט טשאושו לייכט אָנגערירט פּאַלאַדין מיט דער אויבערפלאַך פון דער האַנט דעם בולטסטן טייל פונעם קערפּער.

— ער וועט אַראָפּפאַלן...

קאָקאָר האָט זיך געטראַכט :

„מיר קלאַפּן זיך אויף דער פּלייצע, ווייל די פּלייצע טראָגט די מאַסע. די גרויסע קלאַפּן זיך אויפן בויך”.

— ענדלעך, ליבער פּאַלאַדי, מאָרגן גיב איך דיר איבער דאָס רעגימענט. נאָך אַנדערהאַלבן יאָר, האָב איך אויך אור־לויב א חודש. ס׳איז מיר געלונגען, כ׳פאָר מיט מיין שוועס־טערקינד דער גענעראַל. אויף אַזאַ אופן וועט עס דיר גוט גיין, ביסט אויף אָפּרו און האַלטסט דיך אין איין צוריקציען.

— מיר זיינען פאָרויס געגאַנגען כדי מיר זאָלן זיך צו־ריקציען... האָט קאָקאָר שטיל געזאָגט צו זייניקע וואָס זיינען אַרום אים געשטאַנען.

דער פאַרנאַכט האָט זיך צעצויגן אויפן קאָנטאַנאַמענט אין א געווימל פון דער טרופּע וואָס האָט זיך געשאַפן נאָרעס. מ׳האָט נישט אָנגעצונדן קיין ליכט און קיין פייערן. דער קאָנ־טיגענט, צוגלייך מיט די אַלטע סאָלדאַטן האָבן געריזעט דאָס קאַלטע עסן אויף די געלעגערס.

— דער פראָנט איז נישט צו ווייט פון דאַנען, האָבן די עלטערע דערקלערט קאָקאָרן. וויאַזוי ס׳באַווייזט זיך א שיין אין דעם דאָזיקן שטח, קומען אָן פון אויוון אָדלערם וואָס לאָזן

אראָפּ אייער. ס׳איז שווערלעך ווען זיי צעקנאַקן זיך, און שטינקען. מיר דאַרפן זיי נישט.

„די אַלטע" האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן זיך באַרימט מיט אַזאַ אָנשנקענניש. און מיט די אַפּעראַציעס פון דער סאָ־וועטישער אַרטילעריע אין טאַנקען. דער קאָנטינגענט האָט זיי אויסגעהערט מיט דרך־ארץ און תמימות.

— מיר האָבן געהערט אַז אויב זיי כאַפּן אונדז צעשניידן זיי אונדז די גאָרגלען.

ווער, נאַרישע יינגען וואָס איר זייט? די רוסן? פּוסטע רייד. זיי זיינען מענטשן פּונקט ווי מיר האָט בעסער מורא פאַר אייערע דייטשישע פריינט. אַזוי ווי זיי האָבן דיך געזען אַז ביסט שוואַך געוואָרן אָדער ביסט געגאַן ווייטער אַביסל ווענן דיינעט ווענן — ווי אַ יעדער מענטש דאַרף גיין — פאַר־שטאַרצן זיי דיך מיט דער באַיאָנעט, אָדער צילן אויף דיר דעם קוילן־וואַרפער. שטאַרקע מיליטער לייט!

— זיי ציען זיך נישט צוריק?

— וואָס הייסט ניין? ס׳מאַכט זיך אַמאָל אַ פאַל ווען קיי־נער קען זיך נישט אָקעגן שטעלן. צומאָל וואַקסט אויס איבער אונדז די אומגעהויערע גרוילעבקייט...

קאַקאַר האָט זיך צו געהערט ער איז נישט שלעפעריק גע־ווען. נאָך אַ צייט האָבן זיי זיך אויפגעהויבן, ער און דער קאָוואַל זיינען געגאַנגען זוכן אַן אָפּרו־פּלאַץ, און אַנגענעמענער אָרט, זיי זאָלן זיך צוהערן צו דער שטילקייט און זיי זאָלן שטיל זיך דערציילן וואָס זיי האָבן זיך צו דערציילן. זיי זיינען אַרומגעגאַן און האָבן נישט געטראָפן, זיי האָבן אָבער געטראָפן אַ גרוב וואָס האָט געהאַט אַ פאָרם פון אַ ליקע וואָס איז גע־מאַכט געוואָרן פון אַ גראַנאַט. לעבן אַ הויך און געדעכט גראָז־האָט זיך זיי די נאַכט אויסגעוויזן וואַרעמער. זיי האָבן זיך געלייגט נאָזנדיק אויף דער ערד, מיטן פּנים אַרויף און האָבן זיך צוגעדעקט מיט די מאַנטלען. זיי האָבן נאָך עפּעס גערעדט צווישן זיך און האָבן איינגעדרימלט.

זיי האָבן זיך געגנוג שפּעט אויפגעכאַפּט, זיך אויסגעדרייט נאָז צו נאָז און ביידע זיינען אַזוי געליגן מיט אויסגעשפּיצטע אויערן. ס׳האָט זיך געהערט אַ קאַנאָנען קלאַפּעריי. ס׳האָט זיך

געהערט ווי א טיפע פויק פון נישט קיין ווייטן מהלך. ס'האָט אביסל אויפגעהערט. די צוויי חברים האָבן געפילט אין די נאָזלעבער א ריח פון פארפוילטע פלאנצן און האָבן געוואַרט ווידער אויפן אנגענעמענעם שלאָף אין דער קאלטער נאכט, זיי האָבן אָבער דערזען מיט די ווינקלען פון זייערע אויגן די גרינע ראקעטן אין דער לופט פונעם זונען אויפגאנג און די קאנאָנאדע וואָס האָט ווידער אָנגעהויבן מיט א אומאויפהערלעכע הודזשעריי, ווענעמנס ציטער זיי האָבן געפילט אונטער זיך אין דער ערד פונעם גרוב.

א פערטל שעה — א שעה, ס'האָט זיך אויסגעדאכט אז ס'קומט אויף זיי פון דער טיפעניש א ציטערדיקער געוואָי, ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אז אונטער דער הויכער נישט קומער־קייט פון די שטערן פאָבעט פאר ווייטיק דאָס הארץ פון דער ערד.

זיי האָבן זיך אויף דער גיך אויפגעהויבן און זיינען אריין אין קאָנטאנאמענט. די גאנצע טרופע איז געווען וואך, אין דרויסן, גלייך ווי די שכנותשאפט איז אופגעברויזט געוואָרן. מ'האָט פיבערהאפט דיסקוטירט דאָס געשעעניש. אייניקע זיינען נעוויר געוואָרן אז דער קאָלאָנעל טשאושו זאָל געווען הוזקן:

— די דייטשן האלטן זיי אויף איין אָרט דאגהט נישט.

— מיט דעם אלעמען האָט ער שפּאצירט אין דער טונקל, זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט אין די ווייטקייטן, זיך צו געהערט.

— וואָס ער הערט הערן מיר אויך, האָט איינער פון די אלט־בערדיקע געמורמלט. נאָך דער ערשטער פויזע, האָט זיך די באָלשעוויקישע ארטילעריע דערנענטערט.

דריי שעה איז דאָס געדולד פון די מענטשן געווען אויס־געצויגן ווי די נערוון פון א קראנקן. דאָס ציטערניש און דאָס ברומען פון די ווייטקייטן האָבן שוין מער נישט אויפגעהערט. פארקערט, אן א שום ספק „די וועלט־שרעק" — ווי זיי האָבן איינגעבילדעט די רעקרוטן — האָט זיך פארגרעסערט און האָט זיך צעשפרייט אויף די שכנותדיקע סעקטאָרן. מיטרעא קאָקאָר האָט באמערקט ווי עס ציטערן אים די פיס, ער האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף פרעמדע אברים און האָט אויסגעשטשורעט די ציין צו זיי, און געשאָלטן. ער האָט זיך אראָפּגעלאָזט צו

דער ערד. דעמלט האָט ער דערקענט ארום זיך פּנימער פון אַלטע סאָלדאַטן און ס׳איז אים א בושה געווען וואָס ער האָט ארויסגעוויזן שוואכקייט. וואו זאָל זיין דער קאפּאָראַל פּלאָרעא?

— דאָ ביסטו?

— אדאָ.

האָבן זייביידע מיט קלאָפּנדיקע ציין אויסגערעדט די ווערטער. די בערדיקע פון ארום האָבן זיי אָנגעקוקט שווייגנדיק, ערנסטע; זיי האָבן געוואַרט ווי אין א טויטער צייט וואָס רירט זיך נישט. פון צייט צו צייט האָבן זיי געזיפצט, זייער אויער איז געווען צוגעוווינט מיט דעם וואָס קומט דאָרט פאָר, אין דער באַדראָענדיקער ווייטקייט, וואָס איז געוואָרן א נאָענטקייט.

ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן ווען ס׳האָבן פּלוצעם דערשינען אויף די שייד־וועגן די ערשטע אויטאָמאָבילן מיט מענטשן. דאָס זיינען געווען מענטשן וואָס זיינען פאַריאָגט געוואָרן פונעם אומקום־געווירבל; די פאַרפּלאָנטערטע גרויל.

— מיר בייטן זיך ווידער אמאָל דאָס פּלאַץ, האָט געבורטשעט דער אַלטער פון דערנעבן.

מיטרעא כאַפּט אים אָן ביי דער האַנט.

— די דייטשן ציען זיך צוריק?

— וואָס דען זיי גייען פאָרויס? זעסט נישט?

— פאַרשטייסט, מיר דער קאָנטיגענט זיינען ערשט אָנגעקומען!

ער האָט אליין געלאַכט פון זיינע רייד וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום זין. טראָצדעם, האָבן די אַלע זאַכן וואָס זיינען פאָרגעקומען, אויסגעוויזן ווי גלייך זיי האָבן געוואַרט אויף אים.

דער קאָנטיגענט האָט זיך באַוועגט און געלאָפן אהין און אהער, אָן ער זאָל וואַרטן אויף באַפעלן. ס׳זיינען נאָכדעם שטרענגסטער געוואָרן די באַפעלן פון די אָפיצירן. קיינער האָט זיי נישט געהערט. אונטער דער ערד־ציטערניש און דעם ליאַרם פון די לאַסט־אויטאָס און פון די אויטאָס וואָס האָבן זיך צונויף געשטופּט אין דריי קאָמפּאַקטע שערענגעס, אויך דאָס רעגימענט האָט זיך צונויפגעקליבן דאָס באַלעבאַטישקייט און

האָט זיך צוגעגרייט אויף דער גיך ווי אין א משוגענער שרעק, איינער איז געקומען אין זיין גרופּע מיט א בעזעם אין דער האַנט, אַן אַנדערער מיט א שטיקל ברויט. אַן אַנדערער האָט ארויפגעריטן אויפן פערד אָן א זאָטל און אָן א גאַרטל.

— זע נאָר אליסאַנדרו מאַקעדאָן איז אויך דאָ!

מיטרעאַ האָט זיך געגעבן א לאָז צווישן זיי, טשעפּנדיק זיך צו זיי. ער איז נאָך נישט משוגע געוואָרן, דאָס פּנים האָט נישט געהאַט דעם געוויינלעכן אויסזע.

— דו, קאָנטיגענט! שרייט ער, שפּרינגט אַלע אריין און יעדער דאַרף געבן זיין פעל.

זיין קרענקלעכער לאַך איז דערשינען אויף אַלע פּנעמער.

ער האָט ווייטער געברומט מיט שנאה, ווי פאַר זיך:

— כדי, מיר זאָלן פאַר אַלץ באַצאָלן...

בשעת די בערדיקע האָבן זיך געוואַרטעלט האָט זיך אָפּגע־שטעלט פּאַרוואונדערט דער קאָלאָנעל פּאַלאַדי, מיט צוויי שריט הינטער איז נאָכגעגאַנגען טשאַושו.

— וואו איז מיין שאָפער? האָט געפרעגט צאָרנדיק דער צווייטער. פון וואָס לאַכט איר בהמות?

די מענטשן האָבן זיך צעשפּרייט אייניקע אויף רעכטס איי־ניקע אויף לינקס, אַנדערע אויף צוריק.

— דו קענסט אָנפירן? האָט געשריגן טשאַושו צו מיטרעאַן.

— נאָר א וואָגן מיט אָקסן, הער קאָלאָנעל.

— וואָזשע שטייסטו און קוקסט אויף מיר, אידיאָט? לויף געשווינד! ברענג מיר תכף אהער דעם שאָפער וויזירעסקו.

קאָקאָר איז באַלד געגאַנגען עמעצן זוכן. אין יענעם מאָ־מענט האָט ער פאַרגעסן דעם נאָמען. מיט דעם אַלעמען איז ער צו זיך געקומען און האָט זיך חשבון געגעבן אז דער עולם האָט זיך אייליק געשטיפּט, מיט וואָס מ'האָט געקאָנט, שנעל, צום שייד־וועג. דער מוניציע־וואָגן מיט די איינגעשפּאַנטע פערד און די אַנדערע צוויי רעגימענטס־וועגן און די אויטאָס פון די קאָמאַנדאַנטן האָבן געוואַרט זיי זאָלן אריין אין דער קאָלאָנע. א טייל מענטשן האָבן אַלץ וואָס זיי האָבן געטראָגן אוועקגעוואָרפן און האָבן זיך ארויפגעכאַפּט און זיינען געווען

אנגעוואָרפֿן ווי טרויבן־קרענצלעך. אָבער דער שטראָז האָט אויף זיך נישט געקענט ארויפֿנעמען די צונויפֿגעפּרעסטע שער־רענגעס. ווי א ריזיקער שרץ מיט אייזערנע רינגען, וואָס שלעפּט זיך קוים, כוואַליענדיק זיך.

די לופֿט האָט זיך אָנגעפֿולט מיטן שטורעם־קלאַנג פֿון די עראָפּלאַנען.

קאָקאָר האָט געזען פֿון דער נאָענט די דייטשן. מ'וואָלט נישט געקענט זאָגן אז זיי זײַנען אראָפּ פֿון די געדאַנקען. די עראָפּלאַנען זיינען געפֿלויגן אין פּיקאַזש אויף די רייען פֿון די אנטלאָפֿענע. די מיטראַליערן האָבן געקנאַרט. „די גערטנערס באַנעצן די לעצטע בייט"... זיי זיינען דורך און בויגזאַם זיך געצויגן אינדערהייך, דערנאָך זיינען זיי ווידער געקומען שפּריצנדיק, פֿון די וועגן־קאַמיאָנען האָבן אָנגעהויבן אראָפּצופֿאַלן פּעקלעך מיט מענטשן ראַטעווענדיק זיך וויאַזוי ס'האָט זיך גע־לאָזט אויפֿן פֿעלד.

די עראָפּלאַנען זיינען אוועק. אויף די ליידיקע וועגן זיינען ארויסגעפֿלויגן די בערדיקע און מיטרעאַס קאָנטיגענט. אָבער די אנטלאָפֿענע האָבן זיך אומגעקערט. אין אן אויגן בליק ארום האָט מיטרעא בייגעווויינט דאָס געשלעג. די אנטלאָפֿענע אויפֿן פֿעלד האָבן זיך צעהארגעט זיי האָבן באַלד באַנוצט די רעוואָל־ווערן. מיט דעם אַלעמען זיינען די רעקרוטן, פֿלינקערע, פֿריער אויסגעקומען זיך ארויפֿצוכאַפּן. מיטרעא האָט געזען זייניקע, צען שריט די ווייט און צווישן זייניקע, דעם פֿלוטאָניער־מאַזשור קאַטאַראַמע, שפּאַנענדיק מיט כח פֿון א הייזעריק ברילן. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט א האַנט אָן דעם דרענגל פֿונעם וואָגן וועלכן ער האָט געשטרעבט צו דעראָבערן. ער איז עטלעכע מאָל אונטערגעשפּרונגען. איינער פֿון די פֿון אײ־נעווייניק האָט אים געגעבן א האַק מיט דער באַגנעט, און האָט אים אָפּגעטשעפּעט די האַנט פֿונעם קאַמיאָן. „דיינ מאַמעס קאַמיאָן!" האָט געשריגן דער פֿלוטאָניער־מאַזשור, באַוועגנדיק האַסטיק די פֿאַרבלוטיקטע האַנט. מיט דער געזונטער רעכטער האַנט האָט ער ארויסגעשלעפּט דעם אווטאָמאַט פֿונעם שולטער אָבער די געגנערס האָבן אים באַלד דורכגעלעכערט.

— מ'האָט אים אָפּגערייניקט, האָט אויסגעשריגן קאָקאָר.

דער פּלוטאָניער איז אנידערגעפאַלן אופן קאַנט פונעם וועג, איינקאָלערנדיק זיך אויף א זייט. איבער זיינע קאָנוווּלסיעס איז געשפּרונגען דער קאָנטיגענט צום אסאַלט. מיט די שווערדן, מיט די רעוואָלווערן, מיט די ביקס־מיטראַליערן, — די פון די וועגן האָבן זיך אָפּגעטשעפּעט פון זיי.

דריי גרויכע אַראָפּלאַנען זיינען דערשינען פון דער ריכ־טונג צו וועלכער ס'האָט געשטרעבט דער קאָנוואָי. ווידער אַן אָנשטרענגונג, אַן אָפּשטעל, ווידער היישעריקן וואָס זיינען גע־שפּרונגען צום פעלד צו מיט מעשוגעדיקע ארומדרייעגישן. פון צוויי הונדערט מעטער די הייך, האָבן די סאָוועטישע פליער אַראָפּגעלאָזט באָמבעס. ביי דעם ערשטן נאָך אזא נישט גע־הערטן הודזשעריי פון דער עקספּלאָזיע, איז מיטרעא אנידער־געפאַלן מיטן פּנים אראָפּ. ביים צווייטן, האָט ער זיך נאָך מער צוגעקלעפּט צו „אונדזער אלעמנס מאמע” וויאזוי ער האָט גע־מורמעלט ציילעמענדיק זיך; און האָט טאַקע דעמלט דערפילט דאָס פּנים אין בלוט. ס'האָט געשטינקען און ס'האָט אים גע־דושעט.

— דו, ברודער מיינער!

האָט אויסגערופן דער קאָוואַל אונטער זיין אָרעם.

מיטרעא האָט אופגעהויבן דעם שטערן און האָט אָנגעקוקט פּלאָרעאַן ווי ער מאַטערט זיך. דאָס בלוט האָט פארשווימען די כאָלעווע פונעם שטיוול. מיטרעא האָט אים אָנגערירט מיט דער האַנט; אונטער דער קני, האָט זיך דער פארוואונדעטער פוס פון זיין קאַמעראַד אויסגעקרימט, גלייך ווי ער וואָלט גע־האַט דאָס רעכט צו אַן איינענער באַוועגונג.

א הודזשעריי און א דונער; א הודזשעריי און א דונער.. מיטרעא האָט זיך שוין ניט געהיט. ס'איז געקומען זיין לעצטע שעה, דאָס איז געווען באשיימפּערלעך; ער איז געקומען צום מלאך־המות, מיט זיינע צוויי סאַקוועס אָנגעשטאָפּט מיט פּוסטע נארישקייטן. מיקשונעא האָט געלאַכט צו אים ליגנדיק אויפן בויך אָבער מיטן פּנים אויסגעדרייט. ס'איז צוגרונד געגאַנגען, ווייזט אויס, אויך דער הער לאָקאָטאָנענט מיקשונעא! דאפּי־נעסקו איליע האָט געשפּרונגען, האַלטנדיק זיך מיטביידע הענט ביים בויך; דערנאָך האָט ער זיך איינגעקאָרטשעט ביז צו

דער ערד ווי א וואָרעם און איז שטיל געבליבן. „איך וועל אויך שטאַרבן... האָט מיטרעא געזיפצט: ס'איז בעסער אַזוי".

דער הער קאָלאָנעל פּאַלאַדי שטייט אָנגעשפּאַרט, בלייך, אין א צעבראָכענעם קאַמיאָן וואָס האָט נישט קיין דנאָ. אָנגעשפּאַרט דעם עלנבויגן אויף א ברעט און מיט אן אַראָפּגעלאָזטן שטערן אין דער דלאָניע.

— „יענער איז אונדזער קאַמיאָן. דער הער קאָלאָנעל פּאַלאַדי גלייך ווי ער איז ביים פאָטאָגראַף".

מיטרעא האָט אָנגעהויבן צו ציילן די טויטע. ער האָט נישט געקענט ציילן אַזוי פיל. די קאַמיאָנען וואָס האָבן זיך באַפרייט מיט העק און קוילן פונעם באַפאַל פון די רעקרוטן זיינען געלעגן צעשמעטערט אויף גרויסע און קליינע שטיקלעך אייזן, האָלץ און מענטש. ס'זיינען געווען צעקוועטשט אויך די וואָס האָבן צעשניטן און דערנאָך דערשאָסן דעם הער פּלוטאָניער־מאַזשור קאַטאַראַמע.

— פלאָרעא! האָט ער אָנגעהויבן מיט א טרייסט־ווערטל צו זיין קאַמעראַד, בעסער וואָס ס'האָט זיך אַזוי געטראָפן, ביסט פּטור געוואָרן, וועסט שוין מער נישט האָבן קיין רעאומאַטיזם אין פוס.

דער קאָוואַל האָט אָבער פאַרלוירן דאָס געוויסן.

ווען ער האָט נאָך א ווײַלע אויפגעהויבן די אויגן, האָט מיטרעא געזען, קומענדיק אויפן פעלד אַזעלכע גרויסע ריזן־טאַנקן. באַלד. אַלץ וואָס איז געווען אין דער צערשמעטערטער קאַמיאָנען־שערענגע און פון די אַנטרינענע אין די פעלדער, האָבן זיך געגעבן א לאָז צו דעם רויטן פענדל פונעם סאָוועטישן קאָמאַנדע־אויטאָמאָביל.

— די דייטשן ווייסן וואָס הייסט אָרדענונג... האָט זיך מיטרעא געוואונדערט.

ער האָט אויך אוועקגעוואָרפן דעם פּיסטאָל מיט דעם רימען בשעת ער האָט באַמערקט אַז אַלע פון די אָנגעלאָפענע מענטשן טוען אַזוי. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין דער ריי און האָבן אויפגעהויבן די הענט. ער האָט זיי אויך אויפגעהויבן. אויך דאָ איז דער זעלבער אומאויפהערלעכער דונער. די זעלבע הורזשעריי און גערויש פון די אַעראָפּלאַנען. אינעם סטעפּ

האָבן זיך באַוויזן אַנדערע טאַנקן וועלכע האָבן צונויפגעזאַמלט־דאָרטן, ווי ס'קומען זיך צונויף דער הימל מיט דער ערד — אַנדערע טשערעדעס.

א מאַסע מענטשן זיינען אומגעקומען. מיט דעם אַלעמען זיינען אַסאַך געבליבן... אפשר וועט מען אונדז אויך אַריינ־שיסן א קויל אין די שלייפן ווי די גערענעטע. ער שטאַרבט אין א זוניקן טאָג. אַזוי איז געווען די ווייסטע פון די דראַ־פּיעס, אָבער אַזא שטילע רויקייט וועט שוין קיינמאָל נישט זיין. ווייל ס'האָט גענומען א סוף צו אַלעמען.

ווען די סאַניטאַרן זיינען געקומען אויפהייבן זיין געראַ־נעטן, האָבן זיי געטראָפן מיטרעאַן א וויינענדיקן.

— וואָס איז מיט דיר? די ביסט אויך געראַנעט? האָבן זיי אויף רוסיש געפרעגט.

מיטרעאַ האָט פאַרשטאַנען. ער האָט געוויזן אויפן קאָוואַל.

— יאַ ניעט קראַנק. דער, מיין חבר.

— כאַראַשאָ, כאַראַשאָ... זיי האָבן אים געקלאַפּט אויף דער פּלייצע. גיי און ריי דיך איין מיט די געפאַנגענע, האָבן זיי באַלד באַפוילן. דער קאָוואַל האָט אויפגעעפנט די אויגן. מיטרעאַ האָט זיך דערוויטערט מיט א גרינגער האַרץ.

XIII

„כ׳האָב מיר אויסגעליידיקט די סאקוועס מיט נארישקייטן און איך האָב באקומען א דריים פארשטאנד״.

אזוי האָט געוואָלט קאָקאָר אָנהויבן זיין בריוו וואָס ער האָט געשריבן צו עמעצן וואָס איז געווען גאָר ווייט, אזש אין מאלו־סורפאט לעבן דעם באראגאן פון דראָפּי.

וואָס איך האָב געוואוסט וועגן דעם לאנד אין וועלכן איך געפון זיך, איז אלץ געווען אין די סאקוועס, איצט האָב איך דערזען דעם אמת, אז אזעלכע ארבעטער ווי מיר לעבן אָן די פּריצים, דאָ זיינען אויך געווען בעלי־בתים ווי דער דריינאָזי־קער, אָבער די פּאָלקס רעוואָלוציע האָט זיי אָפּגעראָמט. דו זאָלסט דיך נישט דערשרעקן פאר אזעלבע רייד, ווייל אזעלכע רייד, ווייל אזעלכע פאקטן, און נישט נאָר רייד וועלן אויך זיין ביי אונדז; און די אָרעמע פון מאלו סורפאט, וויאזוי מיר זיינען געווען, וועלן ארויף אויף די פארבאָטענע פעלדער. אין דראָפּי וואָלט איך געוואָלט שניידן א בראזדע דאָרט וואו כ׳האָב מיך אין א הארבסט געפּלאָגט ווי א שקלאף. איך זאָל זען דעם פעטער טריגלעא אן אויסגעלייטערטן אויף דער עלטער און די טריגלעאכע זיך אויסרוען א שעה״.

ער האָט נאָך נישט געקאָנט שיקן אזא בריוו ווייל ער איז געווען א קריגס־געפאנגענער אין א לאגער, און ס'האָבן עס אים געזאָגט אייניקע קאמעראדן אז ס'איז נאָך נישט דער־לויבט צו שרייבן בריוו; עלטערע קריגס־געפאנגענע וואָס האָבן געוואוסט מער און וואָס רײדן אפילו דאָס לשון פונעם לאנד. ער דארף זיך אויך וואָס גיכער אויסלערנען דאָס דאָזיקע לשון.

לאָז, ס'איז אפשר נאָך נישט דערלויבט, אויסערדעם איז און אונדזער לאנד אין מאלו־סורפאט נאָך נישט איינגעפירט די נייע אָרדענונג, ווייל די מלחמה האָט זיך נאָך נישט געענ־דיקט. די סאָוועטישע ארמייען גייען מעכטיק פאָרויס און צע־שמעטערן די דייטשן. זיי האָבן אָבער נאָך נישט באפרייט אונדזער לאנד פון זייערע הענט.

און נאָך עפּעס איז פאראן: די אלע זאכן, און נאָך אסאך אנדערע, קען מען נישט אָנשרייבן אויף א פּאָסט קארטל וואָס איז גרויס ווי די דאָלאָניע.

„צום אלעם ערשטן זיי וויסן, נאסטאסיע, אז זייט איך בין דאָ, בין איך געוואויר געוואָרן אז דו ביסט מיר ליב".

כאָטש זי ווייסט עס נאָך פון דעמלט, ווען ער איז געווען אין דער היים און ס'האָט זיי געשפּילט דער קוקוק אין א פרי־לינג אויף א צעבליטן אקאציע־בוים.

און נאָך און נאָך.

נאסטאסיע, ס'איז געווען איינער, וואָס האָט מיר באפוילן איך זאָל אָפּלאָזן פלאָרעאן וואָס איז געלעגן אין מיינע אָרעמס מיט א צעבראָכענעם פוס, און איך זאָל זיך איינרייען מיט די אנדערע קריגס־געפאנגענע.

איינער מיט גרויע האָר, מיט ווייסלעכע ברעמען און מיט אויגן ווי בלויע קרעלן, האָט מיר געקלאפּט אין דער פּלייצע און צו מיר געשמייכעלט, געבנדיק מיר יענעם באפעל.

ווען איך בין אוועקגעגאנגען, האָב איך אים געזאָגט אז איך בין א רומענער.

— גוט, כאראשאָ.

ער האָט געוואוסט.

איך בין געגאנגען, און זיך צונויפגעטראָפן מיט אונזעריקע. די דייטשן זיינען געווען באזונדער, אונדזערע באזונדער. ערשט

דעמלט בין איך געקומען צו זיך, און געטראכט איך זאָל גע־ווויר ווערן ווער איז דאָס געווען דער סאָלדאט מיט די גרויע האָר, וואָס האָט באשיצט מיין כאווער פלאָרעא? איך האָב מיך שוין ניט געקענט אומקערן צוריק; פון מייניקע האָט אים קיינער ניט באמערק, ווער דאָס איז געווען וויאזוי מען האָט אים גערופן... די סאָוועטישע האָבן נישט פארשטאנען וואָס ס'קאָכט אין מיר, זיי האָבן פון מיר געלאכט בשעת דער דאָל־מעטשער האָט זיי געגעבן צו פארשטיין וואָס איך וויל.

— זאָלסט נישט דאגהן; דיין חבר האָט מען געפירט אין שפיטאָל אריין ער וועט געזונט ווערן.

— אָבער איך וויל וויסן ווער ס'איז דער גרויסער סאניטאר וועלכער האָט אים אויפגעהויבן.

— ס'איז נישט נויטיק דו זאָלסט עס וויסן, מעגלעך אז דו וועסט אים שוין קיינמאָל ניט זען. ער איז אונדזערער א חבר.

אין די ערשטע זעקס חדשים פארבראכטע אין לאגער, האָט זיך מיטרעא קאָקאָר באפריינדעט מיט צוויי סאָוועטישע סאָל־דאטן, איינער וואסילע פיסטרוגא פון מאָהילעוו און דער צוויי־טער מיטעא קאראגאנאָוו פון קאָסטראָמא. מיט פיסטרוגאן א קליין וואוקסיקער בחור, א שווארצלעכער און א חריף, האָט מיטרעא זייער לייכט אָנגעהויבן ריידן רוסיש. אינדערזעלבער צייט האָט אָנגעהויבן דער אגראָנאָם מיטעא קאראגאנאָוו צו ווערן זיין לערער. דער דאָזיקער איז געווען א ווילער, רויקער און שטרענגער מאן, כאָטש ער איז געווען אין דערזעלבער עלטער ווי קאָקאָר, ער האָט געהאלטן אין איין דערקלערן מיטרעאן ווי־אזוי עס לעבן די פויערים, די ערדארבעטער אין דער קאָלעקטי־ווער ווירטשאפט ביי זיך אינדערהיים. ער פלעג רעדן געלאסן, און האָט מיט זיינע קליינע אויגן וואָס זיינען געווען פארצויגן צו די שלייפן, געקוקט צו זיין תלמיד.

כל זמן דאָס וועטער איז געווען שיין, האָבן די קריגס־געפאנגענע ביז שפעט אין הארבסט געגעבן הילף ביים פאַ־רעכטן די דאמבע מיט דעמבענע פארקאנעס, וועלכע האָט אָפּ־געהאלטן די וואסערן פון א טייכל. פון דעם טייכל איז איצט געוואָרן א שטייענדיק וואסער; דאָס וואסער האָט זיך דורכ־געשטופט שטיל און ס'האָט געקלינגען ווען ס'האָט זיך באגעגנט

מיטן געקייטעלטן אָפּהאלט... דער טאָל האָט זיך געצויגן ארויף מיט געפּאלדעוועטע בערגלעך געפּלאנצטע מיט פרוכט־בוימער. אין שפּיץ פונעם טאָל, אין דער טיף, א דאָרף מיט הייזער פון וואלקעס מיט סטראָשטענע דעכער, די גרויסע פענצטער, באַצירט מיט גרינע לאָדנס. מיטרעא פלעג אויף זיי קוקן פון דער וויטן, און זיי זיינען אים געפעלן.

מיטעא קאראגאנאָוו פון קאָסטראָמא האָט אים אינפאָרמירט אז אין דעם דאָרף האָבן די פּויערים שוין זייט עלף יאָר א קאָלעקטיווע ווירטשאפט און האָבן זיך ארויסגענומען זייער חיונה פון פרוכטבוימער און גרינצייג. דאָס וואסער וואָס זיי האָבן באדארפט פאר זייערע גערטנער פלעגן זיי אָנפּאָמפּן פונעם עק טייך. און פון דער זייט, ביי דער דאמבע, איז דאָס וואסער שנעל אריין אין דער גרויסער הילצערנער רינווע און האָט געטריבן א טורבינע. די מיל איז געגאנגען אָן אויפהער און שפּאָרעוודיק געמאָלן. זי האָט געגעבן עלעקטרישע קראפט פאר ליכט און פאר א קליינער פאבריק פון מכשירים פאר א דאָרפישער ווירטשאפט, לעבן די מכשידים פאר דער דאָרפישער ווירטשאפט, פלעגן די סטאָליער־מייסטערס פּראָדוצירן אין סעריעס, פענצטער, טישן און בענקלעך פון ליפּעווע.

די גרעבלעס און די היי־גאָפּלעס, האָט אים דערקלערט קאראגאנאָוו, שיקט מען אין די בערג, אויף די ערטער וואו די מענטשן גיבן זיך אָפּ מיט דער היי־פּראָדוקציע, זיי האָבן א קאָלעקטיווע ווירטשאפט פון קי, זיי פאבריצירן פּוטער און פארשיידענע קעזן. און די פענצטער־ריימען, די טישן און די בענקלעך גייען אוועק אזש אין דער מדבר פון די קאזאכן, פון יענער זייט קאספּישן ים צו דעם טייך אראל, וואו מען האָט אָנגעהויבן בויען הייזער און דערפער. די נאָמאדן פון דאָרטן האָבן טויזענטער יאָרן געלעבט נאָר און די געצעלטן פירנדיק זייערע טשערעדעס אויף די פאשע־פעלדער, זיי האָבן מער געהונגערט ווי געלעבט. צו מאָל האָבן זיי געזוכט ציען חיונה פון רויב. די אָנפירער זייערע האָבן געלעבט אין צוויי דריי שלעכט איינגעריכטעטע ישובים און פלעגן באקומען טריבוט פון די נאָמאדן. „אן אָרעמער באלעבאָס אן אָרעמער פּאסטעך״ דאָס איז געווען זייער שפּריכוואָרט. נאָך טויזנטער יאָרן האָבן די

באָלשעוויקעס זיי אויסגעלערנט און האָבן זיי געשטעלט ברעגנגען וואסער דורך איריגאַציע פון דער מדבר. און די וואנדערנדיקע פאסטוכער זיינען איבערגעגאַנגען צו אַן אגריקולטור לעבן. די הויפטשטאָט פון זייער רעפּובליק איז איצט אַ בליענדיקער גאָרטן. לעבן ביידע זייטן פון די גאסן, פּליסן טייכלעך, וועלכע דערנערן די שורות מאראנצן און פייגן־ביימער. די נייע דערפער האָבן שולן; האָבן דאָקטוירים און ראטגעבער. אין קאזאכסטאן האָט זיך געביטן דער קרייז־לויף פון דער וועלט.

אזעלכע דערציילונגען האָט מיטרעאַ קאָקאָר אויסגעהערט אין די לאנגע נעכט וואָס זיינען געוואָרן וואָס אמאָל לענגער מיט וויפל די צייט האָט זיך דערנענטערט צום ווינטער.

אמאָל האָט פּיסטרוגא לאכנדיק אַ פרעג געטון מיטרעאַן:

— און דו גלויבסט וואָס קאראגאנאָוו זאָגט דיר?

— איך גלויב האָט קאָקאָר געענטפערט. אז איך האָב גע, קאָנט גלויבן אין שקרים וועלכע האָבן געמאכט אזא טאראראם ביי אונדז, אז אין רוסישן לאנד איז אזוי און אזוי, אז די מענטשן שטארבן פאר הונגער; זאָל איך נישט גלויבן אין דעם וואָס איך זע מיט די אויגן?

— וואָס זעסטו מיט די אויגן? האָט זיך דערפרייט פּיס־טרוגא; ביסט געווען אין דעם קאזאקן־סטעפּ? ביסט געווען ביי די בארג־מענטשן וואָס באשעפטיקן זיך מיט בהמות?

— איך בין נישט געווען, אָבער איך זע וואָס ס'טוט זיך דאָ.

— ס'געפעלן דיר די הייזער מיט די גרינע לאָדנס?

— הער מיך אוים וואסיל, נעם מיך נישט אויפן זיכער איך קום פון אַ לאנד פול מיט גיפט און ווייטיק. דאָס וואָס עס איז אמאָל געווען אין דעם אָרעמען אראל, האָב איך געזען און געליטן ביי אונדז אין האדזשיו, וואו ס'איז דער אָנפירער איינער קריסטעא מיטן צונאָמען „דער דריינאָזיקער" און איצט וויל איך פרעגן: זייט ווען איז געמאכט געוואָרן די דאמבע? און זייט ווען איז דאָרט געוואָרן אַ טייך?

— נישט לאנג אַ דרייצן פערצן יאָר.

דאָס זעט מען. ס'דערקענט זיך, מען דערקענט אויך אז די סעדער פון די עפּל־בוימער זיינען כמעט יונגע, אין דעמזעלבן עלטער ווי דער טייך. דאָס דאָרף איז מן הסתם אַן אלטס נאָר

די הייזער זיינען ניי און אין גלייכע שורות, די מיל, די פאַ־בריק, דאָס עלעקטרישע ליכט דאָס אַלץ זאָג איך זיינען די קינ־דער פונעם טייך. איידער ס'איז דאָ געמאכט געוואָרן די דאַמבע, איז אפשר דאָ נישט געווען דער גן־עדן אויף דער ערד?

פיסטרוגא האָט זיך הויך צעלאַכט, וויאַזוי ער האָט געהאַט די טבע ביי אַזעלכע נאַרישקייטן.

דעם אמת געזאָגט, איז דאָ נישט געווען קיין גן־עדן.

— איך פאַרשטיי אַז דאָ איז געווען אַ פּוסט אָרט פאַר די קבצנים חבר פיסטרוגא; אַזוי ווי ביי אונדז אין דראָפּי.

מיטעא קאַראַגאַנאָוו האָט רויק געשמייכלט און געזאָגט אויף אַ צערעמאָנישן אופן צו דעם אוקראַינער:

— וואַסיל איוואַנאָוויטש, קאָקאַר איז געווען דיין תלמיד און דו האָסט אים נישט גוט געקענט. איך האָב אים פאַר־שטאַנען, און דערפאַר דערצייל איך אים מיינע מעשות.

— איך האָב גאָרנישט קעגן דעם, דימיטריע מאַטוועעוויטש, האָט געזאָגט פיסטרוגא; לויט איך פאַרשטיי ווילסטו מאַכן פונעם פויער פון דער דונייער געגנט אַ פּאָליטישן מענטש.

— יאָ, טאַקע דאָס וויל איך.

— אָבער אים האָסטו געפרעגט אויב ער וויל?

צו דעם פריילעכן אוקראַינער האָט זיך קאָקאַר געווענדט, מיט זיין שאַרפן שמייכל,

— וואַסיל איוואַנאָוויטש, האָט ער געזאָגט אין אַ טאָג וואָס האָט זיך געפּאַסט צו דעם מאָמענט און צו די אומשטענדן, איך האָב פאַרשטאַנען אַז אַנדערע זאַך זייט איך בין דאָ. אונדזערע ביז איצטיקע הערשער האָבן אונדז געהאַלטן אין אַ מין פאַרצווימונג בנוגע דער פּאָליטיק. זיי האָבן אונדז געראָטן מיר זאָלן זיך פאַרנעמען מיט עולם־הבא און מיט זעלישע רייכטימער פון יענער וועלט, אויף דור־דורות אמן. די הער־שער אָבער האָבן געמאַכט זייער פּאָליטיק אויף דער וועלט.

קאַראַגאַנאָוו האָט געמורמעלט:

דער טיגער האָט געהאַט אַ פעטן האַלדז און נאַקן
ווייל ער האָט זיך אַליין צוגעגרייט דאָס עסן...

— טאַקע פונקט אַזוי האָט געזאָגט קאָקאַר. אַזוי אַז איצט, לאָמיר טאַקע באַלד אויך מיר אָרעמע מאַכן אונדזער פּאָ־

ליטיק אויף דער וועלט, איך ווייס אז דאָס געפעלט נישט אונ־
דזערע באַלעבאַטים, ווייל דאָס איז פאַר זיי געפערלעך. אָבער
איך קען פאַר זיי גאָרנישט טון. ס'וועט קומען די צייט, וועל
איך מיך אומקערן מיט דעם דאָזיקן געפאַר קיין מאַלו־סורפּאַט.

— מען וועט דיך אַריינוואַרפן אין תפיסה אַריין און דיין
טאַסיע וועט וויינען.

— מעגלעך, אָבער אז דער זיג וועט זיין אונדזערער וועט
מען מיך שוין נישט מער אַריינוואַרפן.

— פון וועמענס זייט וועט זיין דער זיג? איך פאַרשטיי
נישט.

— איר ווייסט יאָ וואַסיל איוואַנאָוויטש, וואָס איך וויל
זאָגן. דאָס וואָס איז געשען אין די רוסישע לענדער, וועט אויך
געשען אין אונדזער לאַנד. ס'וועלן זיך אויפהויבן די שקלאַפן
און ס'וועלן פאַלן די באַלעבאַטים, מיינער אַ חבר האָט מיך
עפּעס געלערנט, אַ חוץ דעם האָב איך אַליין אויגן און אויערן.
זייט איך בין דאָ, זע איך, הער איך, און איך פאַרשטיי.

ביידע רוסן האָבן אים געדריקט די האַנט.

— הער אויס וואַסיל איוואַנאָוויטש, האָט באַשלאָסן קאַראַ־
גאַנאָוו. אָט דער פויער פון לעבן דער דוניי איז אַ פּאָליטישער
מענטש און דאָס מאַכט מיר פאַרגעניגן.

„טעג גייען, טעג קומען, האָט מיטרעא קאָקאָר געזיפצט.
ווען ער איז געווען אַליין, נאָך אַ וואָך, ווידער אַ וואָך. איך
וואָלט וועלן הערן עפּעס אַ ידיעה נאָר איך ווייס ניט פון
וועמען".

פּיסטרוגאַ און קאַראַגאַנאָוו זיינען אַוועקגעגאַנגען פונעם
לאַגער.

אין די שעהן פון אָפּרו, איז קאָקאָר געזעסן צומאָל אַ
שווייגנדיקער און אַ פאַרטראַכטער; דער ראש פונעם צימער
אין וועלכן ער האָט געהאַט זיין געלעגער איז צו ביסלעך שטיל
געבליבן און דעם האַלב פאַרמאַכטן אויג איז פאַר אים דער־
שינען דאָס געשטאַלט נאָך וועלכער ער האָט געבענקט.

„ווען איך זע זי אַזוי שמייכלענדיק צו מיר אָט דאָס דאָ־
זיקע קינד, האָט ער אַליין צו זיך גערעדט. וואָלט מיין האַרץ
געדאַרפט מילדער ווערן, אָבער ס'ווערט נישט מילדער, פאַרקערט

ס'ווערט מיר דורכגעשטאָכן פון א שנאה־שטעכעלקע איך קען מיך נישט אויסהיילן און כ'וועל נישט זיין גליקלעך מיט איר, ווי נאָר נאָכדעם וואָס איך וועל באַצאָלן יענע וואָס האָבן מיך געבערענט מיט זייער שנאה און האָפנונגסלאָזיקייט".

דער ווינטער איז געווען א רייכער אין טיפע שנייען. אין די נעכט מיט א פולער לבנה איז ער ארויס אינדרויסן מיט איינעם אָדער צוויי פון זיינע קאמעראדן ער זאָל זען ארויס־קומען ווידרעס פון די אייז־לעבער ביים טייך דורכשלייכענדיק זיך ווי א שלאנג פון איין אייז־שפּאלט אין אנדערן. די אויס־געשטערנטע הימל־דעק איז געווען ווי א לויטערער קרישטאָל, אין וועלכן ס'האָבן קלאָר וויברירט דאָס שעפּטשען, די טריט, דאָס געשריי פון א נאכט פויגל. דער פראָסט האָט געשניטן ווי א ראזיר־מעסער, ער איז אריין אין דער נאָז ווי פייערדיקער דראָט. דער ווינטער פון דראָפּי וואכט אויף אין זיין זכרון ווי א שפּיל פון שליטעלעך. דער היגער ווינטער האָט זיך געבונדען מיט אומענדלעכע רוימען פונעם צפון פּאָל און מיט די זאווע־רוכעס וואָס האָבן געדראָט מיט גענטצלעכער פארניכטונג דאָס לעבן פון די קליינע אינסעקטן, חיות און מענטשן. די חיות האָבן געוואַרט אין זייער נאָרע אונטער די טיפע שנייען אויף א דערלייכטערונג. אָבער דער מענטש האָט באקעמפט דעם ווינ־טער מיט עקשנותדיקייט און ערנסטקייט, דאָס האָט איבערהויפּט, מיטרעא קאָקאָרן שטארק אימפּרעסיאָנירט.

איינמאָל אין א זונטיקדיקן טאָג ארום דריי א זייגער, זיינען די קריגס געפאנגענע ארויסגעקומען פון דער קאנטינע פונעם לאגער און זיינען אריין אין זייערע צימערן. פארן אריינגיין יעדער אויף זיין אָרט, איז מיטרעא געבליבן שטיין א רגע, ער זאָל קוקן אויף א שליטן איינגעשפּאנט אין א טרויקע וואָס איז דורכגעפאָרן אין דעם שניי־וויכער אויפן נאָענטן שמאָלן וועג, און מיטרעא האָט זיך געשיצט דאָס פּנים פון דעם קאלטן ווי־כער, מיטן הויכן קאָלנער פון זיין פּעלץ.

אין פאָרהויז פון דעם זיבעטן הויז, דאָס לעצטע פון די צימערן, געבויטע איינע נאָכן אנדערן, ווען ער האָט אָפּגע־טרייסלט דעם שניי פון זיינע פילצענע־שיך און פונעם פּעלץ, איז אריינגעקומען שערקע געאָרגע דער בוקאָווינער און האָט

אים מודיע געווען אז ס'רופט אים עמעצער פון דעם קאפּי־טאנס־קאנצעלאַריע.

טיטרעא האָט אויפגעציטערט, דאָס הארץ האָט אים געטיאַכקעט פאר פרייד.

ס'איז מן הסתם א באפעל וועגן בייטן דאָס וווין־אָרט האָט שערפּע ארויסגעזאָגט זיין מיינונג.

— מען האָט גערופן אנדערע אויך?

— איך האָב נישט געהערט.

— ס'דארף זיין דער ריז וואָס איז אָנגעקומען טיטן שליטן.

— איך האָב אים נישט געזען.

— ווער ווייסט... האָט ער געשטאמעלט מיט אן איינגעבוירע־נער געאיילטער און נישט באַרעכטיקטער זאָרגעווודיקייט.

ער האָט זיך אָנגעטון די קוטשמע פון שאָפּענע פעלן, האָט זיך איינגעהילט אין פּעלץ און איז ווידער ארויס פון צימער. דער שניי האָט געגלאנצט א פיאָלעטער אין דעם שיין פון דער אונטערגייענדיקער זון. ווען ער איז צוגעקומען צו דער קאַנ־צעלאַריע האָט ער געפילט ווי ער אָטעמט שנעל. ער איז גע־בליבן שטיין א שטיקל צייט אין „קאָרידאָר" וויאזוי מען פלעג רופן דעם באלקאָן מיט די פענצטער פון דער קאנצעלאַריע. מיטרעא האָט דערקענט די באריטאָן־שטים פונעם קאפּיטאַן באַ־ראנטא, א אינוואליד פון סיביר. ער האָט געהאט א הילצערנעם פוס מיט וועלכן ער פלעג זיך בארימען. מיט דעם פוס פלעג ער צוערשט אָנקלאפּן אין די טירן פון די צימערן וועלכע ער פלעג אינספּעקטירן. ער האָט געהאט גרויסע וואָנסעס, וועלכע ער פלעג האלטן אין איין דרייען מיט שטאָלץ: דורך די דאָזיקע וואָנסעס, פלעגן אים די רומענישע קריגס געפאנגענע רופן „בודיאָני".

דער אָרדאָנאנץ האָט געהייצט מיט האָלץ דעם גרויסן אויוון וואָס האָט אויך געניצט וועגן דעם צווייטן צימער. ווען ער האָט פארמאכט די אייזערנע טירלעך און האָט זיך אויפגעהויבן, האָט זיך אויסגעוויזן אז ער חדושט זיך וואָס דער נאַר וואָס אריינגעקומענער רירט זיך נישט און שווייגט.

— ס' האָט מיך גערופן דער קאפּיטאַן, האָט אים אויפ־געקלערט קאָקאָר.

— אהא! יאָ.

דער וואָס נאָר אריינגעקומענער איז געבליבן שטיין אויפן אָרט.

— קום אריין חבר... אז דו עפנסט דיר אליין די טיר, בלייב איך דיר דאנק שולדיק.

דאָס איז געווען דער „סיביריאַק״ מיט דער באָרד וואָס איז געקומען אזש פון יעניסיי מיטן קאפיטאן באראנטא. דעם סי־ביריאק האָט געפעלט א האנט און אויף איר אָרט האָט ער געהאט א פּראָטעזע מיט א האָטשיק. מיט דעם דאָזיקן האָטשיק האָט ער פארמאכט דאָס טירל פונעם אויוון, דערנאָך איז דער האָטשיק אהינגעקומען אין דער לענג ארבל פונעם מאנטל. ער האָט צום צווייטן מאָל איינגעלאדן קאָקארן מיט זיין געזונ־טער האנט, שמייכלענדיק צו אים העפלעך.

— פּאָזשאלוסטא!

מיטרעאָ איז אריין.

זיכער אז ס'איז גאָרנישט געווען קיין רייד וועגן עפּעס שלעכטס; ער האָט זיך נישט געפילט שולדיק מיט גאָרנישט, און ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט פון באפרייונג. „בודיאָני״ האָט גערעדט אָנרעגנט מיט זיין איינגענעמען קול־פרעגנדיק וועגן חברים וואָס דער וועלכער איז געשטאנען מיט די פּלייצעס צו דער טיר, האָט זיי אפשר געקענט. בודיאָני איז געשטאנען אויף די פיס, און דער צווייטער איז געזעסן אויף א בענקל אָן א פּאָרענטש, מיט דער קוטשמע און דעם פעלץ אנידערגעוואָרפן לעבן זיך.

באראנטא האָט געקלאפּט מיט דער פּראָטעזע אויף דער בריק און האָט צו אים געווינקען מיט די אויגן, יענער האָט זיך פלוצעם שנעל אויסגעדרייט.

מיטרעא האָט אים תכף דערקענט. דאָס איז געווען דער מענטש מיט די זילבער ווייסע וואָנסעס, דער וואָס האָט אויפ־געהויבן פלאָרעאן און אים האָט ער געהייסן זיך איינרייען; דער וואָס האָט אים געקלאפּט אין פּלייצע און צו אים מילד געשמייכלט אין דעם שטורם פון רויך און בלוט, אינעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה. ער האָט נישט געטראָגן קיין אוניפאָרם מיט גראַד־צייכנס. ער האָט נישט געוואוסט וויאזוי ער זאָל

אים באגרים. ער האָט געדריקט די האנט וואָס יענער האָט אים אויסגעשטרעקט.

— קאָקאָר דומיטרו? האָט געפרעגט דער מיט די זילבער ווייסע ברעמען מיט דעם „אמאָליקן" שמייכל.

— איך בין עס.

— איך האָב דיר געבראַכט א ידיעה פון דיין חבר קאסטעא פלאָרעא. ער האָט דאָס אויסגערעדט אין איין וואָרט: "קאָסטאפלאָרעא".

מיטרעאן האָט זיך דאָס אויסגעוויזן ווי מוזיק און יענער שמייכל האָט אים געהיילט דאָס אינעווייניקסטע ביטערניש, דאָס אלטע נישט אויסגעהייַלטע ביטערניש.

— ער איז געזונט, ער פילט זיך גוט?

— געזונט, גוט.

מיטרעא האָט געפינטלט מיט די אויגן, זייענדיק גערירט.

— פון דעמלט אָן האָב איך געוואָלט וויסן אייער נאָמען; מיר האָבן זיך דעמלט שנעל צעשיידט...

— מעגלעך... האָט געשמייכלט דער מיט די זילבערווייסע ברעמען; איך דערמאָן זיך ניט.

דער קאפיטאן באראנטא האָט אויך געפרעגט נישט וויסנ־דיק אפילו וועגן וואָס ס'האנדלט זיך.

— דאָס איז אונדזער דאָקטער, האָט ער אים פאָרגעשטעלט. דער חבר אוסטאפ בעריאָזאָוו.

— איך בין נישט מער ווי א פעלדשער, נישט קיין דאָק־טאָר, האָט א לאכנדיקער באמערקט דער חבר אוסטאפ.

— ניין, דו ביסט א בארימטער דאָקטער, וואָס האָסט אויך מיר אָפערירט דעם פוס, גלייך מיט אזוי פיל אנדערע וואָס מען ווייסט אפילו נישט די צאָל זייערע... אָט דעם פוס טויַ־נעם מיט וועלכן איך קלאפ אוים מיינע באפעלן.

ער האָט געקלאפט דריי מאָל, מיט יענעם פוס אויף דער ערד און געקוקט אויף אים דרייענדיק זיך די וואָנסעס.

דער חבר פעלדשער בעריאָזאָוו האָט געמאכט אויפמערקזאם מיטרעאן.

— דו זעסט קאָקאָר, דעם דאָזיקן פוס באראנטאס ער איז גוט אָנגעשוכט אזוי ווי ס'פּאַסט פאר א שטאָלצן סיבירער און

דינט אים אויך גוט. זאָלסט וויסן אז אויך אזא הילצערנעם פוס מיט שטאָלענע ספריזשינעס, האָט אויך דער חבר קאָס־טאפּלאָרעא. שוין לאנג האָט מיך געבעטן דער חבר קאָסטאַ־פּלאָרעא איך זאָל מיך אינטערעסירן וואו דו געפינסט זיך איך זאָל דיך אויפזיכן און זאָל אים ברענגען א ידיעה. ווען איך האָב אים אויפגעהויבן, זאָגט ער, האָסטו אים געהאלטן אין דיינע אָרעמס. איך באמערק אז אויך דיינע אויגן פרייען זיך אזוי ווי ס׳האָבן זיך געפרייט זיינע, ווען ער פלעג רעדן וועגן דיר. איך האָב תכף אנטדעקט אין דערקענט אין קאָסטאפּלאָראן אונדזערן א חבר, א קאָמוניסט, איך האָב מיך אינטערעסירט וואו דו געפינסט דיך. איך האָב נאָר געדארפט אויסגעפונען א פּאסיקע צייט, איך זאָל אראָפּקומען אויף א טאָג אין דער געגנט. ערשט איצט האָב איך געהאט די דאָזיקע געלעגנהייט. צוויי טעג האָט געדויערט מיין קומען אהער: אנדערע צוויי טעג וועט ביי מיר נעמען מיין אומקערן זיך. איך קען בלייבן דאָ היינט איך זאָל דיר דערציילן וועגן אים און געוויר ווערן וועגן דיר. איך וועל אים מיטיילן אז איך האָב מיט דיר גע־רעדט אָן א טאָלמאטש און ער וועט זיך פרייען.

דער קאפּיטאַן באראנטא האָט דריי מאָל געקלאפּט אין דער בריק מיט זיין הילצערנעם פוס.

— דערלויבט מיר אויך צו זאָגן א וואָרט. איך האָב בא־שטעלט א סאמאָוואר און אלץ וואָס ס׳געהער דערצו. ליידיקט אוים דעם זאק מיט נייעס, און מעשיות. ביז איך וועל מיך אומקערן. דערנאָך וועלן מיר הערן ביים ראדיאָ דעם מלחמה־קאָמוניקאט. קאָקאָר האָט ליב אויסצוהערן גוטע ידיעות. ער האָט אויבעט איינמאָל געהערט דאָס קול פון יאָסיף וויסאַ־ריאָנאָוויטש, זאָלסט זען אָסטאפּ אָסטאפּיטש, וויאזוי ס׳געפעלט קאָקאָרן וואָס ס׳זאָגט אונדזער יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש.

— כאראשאָ! האָט באשטעטיקט דער חבר פעלדשער אָסטאפּ בעריאָזאָוו. אָט וואָס עס וויל וויסן קאָסטאפּלאָרא, פריינט קאָ־קאָר, האָט געזאָגט דער מיט די זילבער ווייסע ברעמען, ווען זיי זיינען געבליבן אליין, אז דו ביסט קערפּערליך געזונט זע איך, דאָס הארץ אָבער איז ביי דיר קראנק: דאָס דערקען איך אין דיינע אויגן.

מיטרעא האָט געזיפּצט און אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט דערפילט אין זיך דאָס געפיל פון בענקעניש.

— האָב געדולד, קאָקאָר. און וואַרט: אזוי באַפעלט דיר קאָסטאפלאָרא. ער זאָגט זאָלסט דיך איבערציען פונדאַנען, דאָרט וואו ער געפינט זיך. כדי זאָלסט פארענדיקן דיין לערנען. באראנטא איז צופרידן פון דיר. ווען דעם האָבן מיר גערעדט וועגן דו ביסט אריינגעקומען. דיין אינטערעס איז זאָלסט גיין אהין וואו מען רופט דיך. זאָלסט בלייבן דאָ ביז פרילינג, און אים פרילינג וועסטו באקומען דעם באפעל. מיר וועלן דיר העלפן זאָלסט זען און דיך באקענען מיט אלעם גוטען וואָס עס איז דאָ אין אונדזער סאָציאליסטישער וועלט.

מיט א ווארעם הארץ פול מיט האָפענונג האָט קאָקאָר צו־געשאָקלט מיטן קאָפּ.

דעם קאפּיטאנס הילצערנער פוס האָט דריי מאָל אָנגעקלאפּט אין דער טיר. דער סיבירער אָט דער פונעם „קאָלידאָר" האָט געבראכט דעם סאמאָוואר. נאָך אים איז אריינגעקומען נאָך איינער פון דער מזרח־וועלט, וואָס האָט געבראכט די טאַץ מיט די גלעזער.

מיטרעא האָט געשמייכלט צו דעם מיט די זילבער ווייסע ברעמען:

— דריי גלעזער קען איך אויסטרינקען; דאָס פערטע קען איך שוין נישט טרינקען; איך קראַפּיר. איך וויל לעבן ביז פרילינג, בעריאָזאָוו־דאָקטאָר!

XIV

סוף חודש מײ, האָט זיך מיטרעא באַגעגנט מיט זײַן חבר פּלאָרעא אין א צענטער פון געפאַנגענע נישט װײַט פון מאָסקװע, א פּאָר שעה מיט דער באַן. דאָרטן זײַנען געװען זײער װײניק רומענער; מער איטאַליענער און סלאָװאַקן. דאָס פּלאַץ איז מער געװען א שול װי א לאַגער. די װױנונגען פון די געפאַנגענע זײַנען געװען אַמעבלירט אין אן אַלטן פּאַרק אַרום פונעם שטעטל.

דער פרילינג האָט אָנגעהױבן צו בליען. די פלידערן האָבן זיך צעהילט און אין די װעלדלעך מיט װײַסע בײמער האָבן אָנגעהױבן שפּילן מיט א תמימותדיקע מעלאָדיע אַזעלכע מינים זינג־פײגל װאָס מע רופט זײ דאָרט סאָלאָװײ. אַלץ איז געװען לױטן נוסח פון די פרילינגען בײ אונדז, נאָר פאַרשפּעטיקטע. די זון האָט מיט א מענגע גאָלדענע שטראַלן געשטראַלט און די אָרטיקע האָבן זיך פרײלעך באַגריסט גײענדיק צו דער טאָג־אַרבעט, אױף דער גאַס װאָס ציט זיך װײַט אַװעק.

— מלחמה־אַרבעט, האָט באַמערקט דער קאָװאַל. אַסאַך װעט דאָס נישט האַלטן.

— דער דאָזיקער סאָלאָוויי איז א פריינט מיט אונדזער נאַכטיגאַל האָט זיך מיטרעא געטרייסט מיט זיינע פארשאָטנטע אויגן פונעם אלטן טרויער.

פלאָרעא האָט זיך געחכמעט:

— דו הערסט אפילו נישט וואָס כ'רעד צו דיר! וואָס איז מיט דיר? ער האָט אים אָנגענומען ביי דער רעכטער האנט און האָט איך גלייך אָנגעקוקט. ווייזט אויס צו זיין קראנק; האָסט אביסל אָפּגעצערט. לאָמיר זיך אנידערזעצן אויף דער באנק ביי דער זון און לאָמיר זיך אביסל דורכשמועסן.

מיטרעא האָט זיך פּאוואָליע אנידערגעזעצט אויף דער באנק. דעמלט האָט ער דערזען פלאָרעאס פּראָטעזע און האָט אויפגע־ציטערט.

פלאָרעא האָט באמערקט און האָט מיט אָפּהאלט געשמייכלט, קלאפנדיק מיטן הילצערנעם פוס אויף דער ערד.

— אונדזער בודיאָני האָט דריי מאָל געקלאפּט... האָט זיך מיטרעא געפּראוווט ווייזן אז ער איז פרייליך... אזוי האָבן מיר גערופן באראנטאן, דער קאפּיטאן פונעם לאגער ווייל ער האָט געהאט וואָנסעס.

— א גליק מיט דעם בעריאָזאָוו... האָט פלאָרעא גע־מורמלט.

נאָך אזויפיל צייט וואָס זיי האָבן זיך נישט געזען, איז זייער באגעגעניש נישט געווען אזוי היימיש.

זיי זיינען געבליבן זיצן אביסל שווייגנדיק. מיטרעא האָט געקוקט אויף א באדעקט שטיבל מיט רויטע קאפּלעם און צו די גרופּקעלעך שווערט־ליליען און נארציזן פון ארום. די שווערט־ליליען האָבן אויפגעבליט פּיאָלעט און די נארציזן ווייס.

— ביסט שוין לאנג דאָ?

— ניין; זייט דער פרילינג האָט זיך צעגרינט. כ'בין אויף אורלויב. דו בענקסט נאָכן פרילינג פון דער היים?

מיטרעא האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— כ'בענק, נאָר נישט דאָס איז אייננאנצן. כ'פארשטיי אז די צייט קען נישט גיכער דורכגיין ווי זי דארף.

— וואָסזשע דען? די אלטע צרה?

מיטרעא האָט צוגעשטימט שאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— כ׳וועל דיר דערציילן א געשעעניש וועסטו דאָס בעסער פארשטיין. צום ערשטן, לויט דער פאראָרדנונג, בין איך גע־קומען צום דאָקטאָר בעריאָזאָוו אין א אָרטשאפט—כ׳האָב עס פארשריבן ביי מיר אין העפט—פונוואנען מיר האָבן זיך אויפ־געזעצט אויף א פאראכאָד און מיר זיינען אראָפּ אויפן מאָסקווער קאנאל.

— גוט, האָסט געהאט וואָס צו זען.

— אינדערהאמתן, האָב איך אסאך געזען און אלץ איז מיר געפעלן, כ׳מיין: אז דאָ איז פריער גאָרנישט געווען. און דאָס וואונדערבארע וואָס מ׳זעט איז צו פארדאנקען דעם מענטשנס שארפזיניקייט. דעסטגלייכן האָב איך געזען די ווייצן־פעלדער פון יענער זייט, צו צפון צו, וואו ס׳איז געווען די גרענעץ פון נעם ווייץ: נייער ווייץ, וואָס צייטיקט זיך אין א קורצער צייט, לויט די געאיילטע זומערן פון דאָרטן. דערנאָך האָב איך געזען דערפער און דערפער וואָס זיינען טאקע איצט געבויט געוואָרן אויף דער לענג פון א טייל זומפּ וואו דאָס וואסער איז דיסציפּלינירט געוואָרן אין קאנאלן. און דאָ און דאָרט זיינען פאראן פיש־טייכלעך און וועלדלעך וואָס זיינען א שוץ קעגן די שטורעמס. וואו ס׳איז געווען א נאסער מדבר וואקסן אצינד פעלדער. און די טייכן זיינען פול מיט פיש. קלער איך מיר: ס׳זיינען טאקע נאָך פאראן שיינע געגנטן אויף דער וועלט, נאָר יענע זיינען ביים אָנפאנג געווען שיין, בערג, זעען ימים און וועלדער. אָבער וואָס דער מענטש מיט זיין געשיקט־קייט און ארבעט האָט אויפגעבויט פון מדבריות און זומפּן פון גאָרנישט ווייזט מיר אויס איז העכער פון אלעמען. די וועלט ווערט פאדברייטערט, ס׳ווערט אלץ גרינגער די גויט פון די אָרעמע; דער דאָזיקער ערד קומט נאָך עפּעס צו, הייסט, אזעלכס וואָס ס׳איז פריער נישט געווען. ס׳איז אמת אז מ׳האָט אויסגעטראכט אויך אסאך זאכן וואָס זיינען געבטן נישט גע־ווען, אָבער יענע זאכן זיינען וועגן מענטשלעכע ליידן און וועלט אומקום.

— דאָס האָט דיר געגעבן צו פארשטיין, בעריאָזאָוו, מיטרעא?

— ער האָט דאָס מיר געגעבן צו פאַרשטיין, איך האָב דאָס אָבער אויך אַליין פאַרשטאַנען פון מיינע אייגענע איבער־לעבענישן.

— פאַרוואָס דו ביסט אַזוי פאַרצרהט, פאַרשטיי איך נישט. דאָס אַלץ דאַרף דיך פרייִלעך מאַכן.

— זע, איך וועל טרויעריק, ווייל איך קלער ווייטער: ביי אונדז אין די דראָפּיעס, וואָלט דער עולם געקענט האָבן מער אַביסל רחבות. אָבער די וויסטע בלייבט וויסטע. און וויאַזוי כ'האָב דיר געזאָגט מיך פירט בעריאָזאָוו ער איז שוין געווען אַ אַגראָנאָם...

— אַ לייטישער מענטש איז דער בעריאָזאָוו, מיטרעאַ...

— אַ לייטישער און אַ בעריאַק. ווען מיר באַגעגענען זיך, קלאַפּט ער מיך אויף די פּלייצע, און ס'געפעלט מיר. בעריאָזאָוו האָט מיך געפירט, ברודער קאָסטעאַ, צו אַ קאָלווירטישן־גאָרטן צוויי דריי מייל ווייט פון מאָסקווע. רער קאָלכאָז הייסט איליטשיא פּאָמיאַטי כ'האָב געזען נאָך אַנדערע אַזעלכע קאָ־לעקטיווע ווירטשאַפטן; כ'האָב דאָרט אויך געזען. געפלאַנצטע פּאָמידאָרן, פּעפּערלעך און אוגערקעס אונטער שויבן, אויף גרויסע ערדפלאַכן. קלער איך מיר: דאָס איז אויך גוט. כ'זע אַ קלוב וואוהין ס'קומען זיך צונויף די חברים גערטנער און גערטנערינס, לייענען גאַזעטן, הערן ראַדיאָ, שמועסן איבער פּאָ־ליטיק. קלער איך: אַזוי וואָלט מיר אויך געפעלן אַז אויך ביי אונדז אין דאָרף זאָלן אונדזערע לייט אויך אַרויס פון אונטער דעם טומאַן. אָט קום איך אָן אין אַ גאָרטן מיט צוויי דריי הייזער פולע מיט קינדער. עטלעכע וויג־קינדער. דער גרעסטער טייל פון צוויי ביז דריי יעריקע, די איבעריקע גרעסערע. הויפנס מיט שפּילעכלעך אין אַ קאַמער; בעטלעך און לייַלעכער אין די צימערן וואו מ'לייגט שלאָפן דאָס קליינוואַרג. זיי האָבן ערשט מיטיק געגעסן און באַלד פירן זיי די דריי פיר דערציערנס פונעם דאָרף שלאָפן. זיי האָבן זיך געשפּילט וויפל זיי האָבן זיך געשפּילט, דערנאָך האָבן זיי געגעסן צו זאט; און באַלד האָבן זיי געפירט די גראָבעטשקע פּימפּערלעך שלאָפן. זייערע מוטערס זיינען אָן זאָרג ביי דער אַרבעט. קלער איך ווייטער: ווי איז אונדז אין מאַלו־סורפּאַט. וואָס שפּילעכלעך,

זוער מיר עסן, וואָס מיל שלאָפן? אז איינעם פון מיינע ברי־דערלעך וועלכן כ׳וואָלט אים איצט שוין געדאַרפט רופן: „פעטער״ האָבן די חזירים צעפליקט ווען ער איז אַלט געווען א יאָר ווען ער איז אליין געלעגן אין א מילטער אונטערן שאָטן פון א בוים, בשעת די מומער מיינע איז געגאַנגען נישט ווייט עפּעס פאַרזאָרגן. יענץ קינד וואָס איז אַלט געווען א יאָר האָט מען אויך גערופן מיטרעא, און כדי זיין אָנדענק זאָל נישט פאַרלוירן גיין האָט מען מיר א נאָמען געגעבן נאָך אים. אייגנטלעך האָב איך אויך געקענט זיין אין יענעם מילטער. און דעמלט, מענטש און ברודער, ווען כ׳האָב געזען יענץ הויז פאַר די דאָרפס קינדער, בין איך ביי מיר אראָפּ געפאַלן און בין אוועקגעגאַנגען אין א זייט מיר אויסווישן די טרערן. ס׳זיינען צוגעטיילט געוואָרן ציגן און עופות אין א ספּעציע־לער ווירטשאַפט כדי צו דערנערן יענע קינדער ווי אויך פאַר די נויטבאַדערפטיקע פונעם דאָרף באַבעס און זיידעס. אַלץ איז געווען אין אָרדנונג, ס׳האָט מיר אַלץ געפעלן וואָס כ׳האָב גע־זען; אָבער יענע קינדערלעך קען איך נישט פאַרגעסן און ס׳קומט מיר פאָר יענער מיטרעא דער ברודער מיינער, וואָס וואָלט געקענט זיין לייטישער פון מיר—און איז מער נישטאָ, ווי א טראָפּן, ווי א פליג...

דער קאָוואַל האָט אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט און האָט געזאָגט:

— דאָס האָט דיך טרויעריק געמאַכט?

— דאָס און אַנדערע זאַכן.

— פריינט מיטרעא; דו רעדסט דיר איין א קרענק.

— ס׳קען זיין. בעריאָזאָוו האָט געזאָגט אז איך האָב סימנים פון דער געלער זאַך.

— הער נאָר, דו ביסט נישט ביים גאַנצן שכל. זייט דו זעסט דאָ דאָס אַלץ, זאָלסט וויסן, פריינט מיטרעא, אז ס׳איז נישט ווייט די צייט ווען אויך ביי אונדז וועט אָרדענונג מאַכן די פּאַרטיי. באַלד וועט זיך אָפּשטעלן די מלחמה. די סאָוועטישע אַרמיי וועט צעשמעטערן די דייטשן, און אפשר וועל איך אויך גיין גלייך ווי דיין סיבירישאַק קלאַפּן דריי מאָל מיטן הילצערנעם פוס אויפן בערלינער אַספאַלט. מיר וואַרפן אראָפּ

די הערשער, מיר צעטיילן די ערד די פויערים, מיר באזייטיקן די עקספּלואטאטאָרן פון די אינדוסטריעס, די מלוכה נעמט איבער די פאבריקן און גרייט פאר אייך פּויערים צו די מאשי־נען און מכשירים. פּאָלגענדיק די לערעם און די וויסנשאפט־לעכע דערגרייכונגען, ווי דאָ, וועלן מיר מאכן אויך ביי אונדז א ניי לאנד.

מיטרעא האָט געזיפצט:

— ווען ?

— דו חבר מיטרעא, מיר דאכט זיך אז דיין קרענק רופט מען די קרענק פון אומגעדולד.

— אזוי איז עס פּלאָרעא, כ'זיץ ווי אויף זשעראַטעק. כ'האָב מורא כ'זאָל נישט פריער שטארבן.

דער קאָוואַל האָט אים געגעבן א קלאַפּ אויף דער פּלייצע:

— מיר וועלן נאָך דערלעבן און מיר וועלן אַלץ זען מיט אייגענע אויגן. אין מאָסקווע האָסטו געזען דאָס רויטע פּלאַץ ?

— כ'האָב עס געזען.

— נו, אויב אזוי, זאָלסטו וויסן אז דאָרטן וועט זיין די גרויסע פּאַראַדע נאָך דעם נצחון. אָבער וולאַדימיר איליטש'ס מאַוואָליי ?

— — כ'האָב אים געזען. וולאַדימיר איליטש זעט אויס ווי ער שלאָפט און גיט אכטונג, כ'האָב געזען אויך דעם קרעמלין אויף וועלכן עס זיינען אָנגעצונדען די רויטע שטערן.

— דאָרט אונטער יענע שטערן, האָט געענטפערט דער קאָ־וואַל, שלאָפט נישט, טאָג און נאכט אונדזער פירער. מיטרעא, זאָלסט האָבן געזעהן ווי ער האָט געהאט ביז סטאַלינגראַד. גע־ווייין דיך צו זאָלסט זיין אזוי רויק ווי די דאָזיקע פעלדער וואָס מע זעט נישט ווי זיי ענדיקן זיך, און לערן דאָס וואָס דו ווייסט נאָך נישט, ווען דער צייט אויף וועלכער די וואַרטסט.

— ביסט גערעכט, האָט מיטרעא געזיפצט. כ'וועל לערנען.

— זע נאָר, מיטרעא, האָט ווייטער געזאָגט דער קאָוואַל, נאָך א ווײַלע פון נאָכדענקן. איך האָב גערעכנט אָפּצולייגן דעם פּאָרשלאַג וואָס כ'האָב דיר געוואָלט מאכן. כ'זע אָבער אז ס'איז שוין געקומען די צייט.

— וואָס פאר א פּאָרשלאַג ?

— מיטרעא. ס'דערנענטערט זיך פאר אונדזער אומגליקלעך לאנד די באפרייונג. און דעמלט וועט די דעמאָקראַטיע הערשן. אַלץ וואָס מ'וועט מאכן און איבערמאכן דארף פארטייטיקט ווערן; אזוי אז ס'איז נויטיק א נייע פאָלקס־ארמיי.

— כ'האָב געהערט פון דער דעוויזיע טודאָר וולאדימירעסקו האָט מיטרעא אויפגעציטערט. דו, פעטער, לאָז מיך נישט, שטעל מיך דאָרטן אריין.

— האָב געדולד מיטרעא; האָב געדולד, יונגערמאַן... האָט אים באפוילן דער קאָוואל.

XV

אין מאלו־סורפאט, אין גיצע לונגום מיל, האָבן די שטיינער געמאָלן קערנדלעך און די לייבאייגענע ווערטער. ס'זיינען געקומען פארשיידענע מענטשן, נישט נאָר פון מאלו־סורפאט. אייניקע מיט די זעק אין די וועגן, און אנדערע מים די סאקוועס אויף די פּלייצעס. די לעצטע, אָרעמע און אלמנות, מאָלנדיק ווייניקער קערנדלעך, האָבן געוואגט ארייניצוווארפן אין שמועס אריין ווייניקער ווערטער. די מיט די זעק אין די וועגן האָבן צומאָל גענומען אויפן צימבל דעם מילנער. סתם אזוי, ס'זאָל איבערגיין די צייט און זיי זאָלן עפּעס געוויר ווערן וואָס פארא ידיעות ס'זיינען אָנגעקומען פון אונדזעריקע, וואו זיי זיינען ערגעץ. און כדי אביסל צו שלעפן ביי דער צונג גיצע לונגון וועלכער גייט ווען און ווען אין הויף אריין. דער הער קריסטעא האָט געהאט א ראדיאָ און ביים ראדיאָ בעלעבעטשן פארשיידענע לייט, דער רוח ווייסט פונוואנען פּאָליטיק. פונעם האדזשויער הויף איז מען געוויר געוואָרן אז די דייטשנס מלחמה גייט גוט און זייער פּאָליטיק דאָס זעלבע.

אזוי גוט — זאָל זיי זיין דאָרטן אין בערלין און די פון בוקארעשט, וואָס האָבן זיך נאָך גענומען נאָך א ממזר מיט א

וואָנסע ווי א שוואַרצער קנייפּער. כ'זע אז די רוסן טרייבן זיי צוריק און באַגראָבן זיי אז עס גייט אַזש א רויך. דער הער קרימסטעא וועט אוודאי זאָגן אַז די דייטשן ציען זיך היינט צו־ריק כדי זיי זאָלן נאָך שטאַרקער אָנרייפן מאָרגן. מיט נייע מאַשינען מיט פאַרסמטע נעפּלען. זיי האָבן אונדז אָרעם געמאַכט דאָס לאַנד און האָבן אונדז געפירט די קינדער צום טויט אָן א שום זין און קעגן אונדזער ווילן. דער דריינאָזיקער דערציילט נאָך אז די דייטשן זאָלן האָבן אויסגעטראַכט אַזעלכע מאַשינען וואָס שפּריצן מיט טויט־שטראַלן. זיי האָבן אויסגעטראַכט נאָך בעסערס, אויפצוקלויבן אַלץ וואָס דער רומענער האָט צו עסן און צו טרינקען און אוועק פירן צו זיי אהיים מיטן צוג אפילו קליידער און מעבל, אויך די בלעך פון די הייזער האָבן זיי אָנגעלאָדן אין די וואַגאָנען אין די מאַלדאַווישע געגנטן און האָבן טראַנספּאָרטירט קיין דייטשלאַנד.

אין יענעם פּריויטיק, נאָכדעם וואָס זיי האָבן שוין אַלץ פאַרזאָרגט, האָט סטאַיקא טשערנעץ, וואָס מ'האָט אים א נאָמען געגעבן די רויטע באָרד, זיך געטשעפּעט צום מילנער.

— דו גיצע לונגו, וואָס זאָל טון דער ברודער דיינער, יע־נער, מיטרעא ?

— וויים איך ? כ'האָב פון אים קיין שום ידיעה נישט באַקומען.

— כ'האָב געהערט, דו גיצע, אז ער איז אומגעקומען ערגעץ אין די מדבריות.

— ס'קען מעגלעך זיין; איך האָב אים נישט געשיקט. טשערנעץ האָט געלאַכט.

— ווילסט זאָגן אז ער איז געגאַנגען פאַר ווילטאָג ?

— כ'וויל דאָס אויך נישט זאָגן. אז זיין שיקזאַל וועט זיין אומצוקומען, וועלן מיר אים מאַכן די געהעריקע פּאַראַסטאַסן. אייניקע האָבן דערציילט אז די מאָסקווער האָבן צוריקגעשטויסן די דייטשן און אונדזעריקע אין א פאַרפרוירענער מדבר און האָבן זיי דאָרטן געהאַלטן כדי זיי זאָלן שטאַרבן פון הונגער און פון קעלט. וויאַזוי זיי האָבן נאָר געוואַגט אַרויסצוגיין האָבן שוין די מאָסקווער אויסגעשטעלט די קאַנאָנען און זיי נישט געלאָזט. כ'מיין אַז ס'איז דאָרט אומגעקומען מיין ברודער נעבעך־

די וועלף האָבן אים אויפגעגעסן, נאָר די פיס אויף וויפל זיי זיינען געווען אָנגעטון מיט די שטיוול, זיינען געבליבן.

זיי האָבן אזוי געשמועסט אונטערן בוידעם פונעם שטאָל, ווען די זון האָט געברענט מיטאָג צייט. זיי זיינען געשטאַנען איינס אין אנדערן, אויסהערנדיק. די בהמות האָבן מעלה־גרהט ביי די וועגעלעך; די מיל האָט הייזעריק געהודזשעט.

— נו, וואָסזשע איז דאָ דיר געבליבן צו טון, דו גיצע לונגו? איז שטארק טרויעריק געוואָרן דער רוחישער סטאָיקא טשערנעץ. ס'בלייבט דיר דער טייל גוט פונעם אָרעמען מיטרעאי.

— וואָס פאר א גוט? א שטיקל ערד. ס'האָט א קליינעם ווערט.

— ס'האָט דאווקע יאָ א ווערט, האָט אים טשערנעץ געגעבן א שטאָך. דו ביסט נישט געגאנגען אין דער מלחמה אריין און דער מעזינעק איז דאווקע יאָ געגאַן — אָבער ער האָט דיך באגיטערט.

— ערשטענס, האָט גיצע געזוכט אויסמיידן דעם ענטפער, ערשטנס, איז מיטרעאָ'ס שטיקל ערד פארמשכנט ביים פריץ.

— דו האָסט עס פארמשכנט? וויאזוי איז דאָס געשען?

— אזוי איז עס געשען, דער פריץ האָט צוגענומען די ערד כדי זי זאָל דעקן מיטרעאס חובות.

טשערנעץ האָט בייזווייליק געלאכט:

— א גוט געשעפט האָט געמאכט דאָס דאָזיקע אָרעמע קינד! עס איז געווען א קנעכט עטלעכע יאָר אָן לוין און אָן קליידער, און איז קריסטעאן געבליבן שולדיק זיין טייל ירושה.

— ער האָט יאָ געהאט א לוין.

— אזש נו! מיר וויסן. ער האָט אויך געהאט קעסט? דאָס וויסן מיר אויך.

— די ערד האָב איך אויסגעלייזט, האָט זיך געאיילט צו־צוגעבן גיצע לונגו.

— אויב אזוי איז גוט; כאָטש אזויפיל זאָל געפונען דאָס יונגל ווען ער וועט צוריק קומען.

— וויאזוי קען ער צוריק קומען אז ער איז געשטאָרבן?

— דאָס קען מען גאָרנישט וויסן, דו גיצע. אזוי האָט מען

געהערט וועגן אנדערע און דערנאָך איז מען געוואויר געוואָרן אַז זיי לעבן.

סטאַיקא טשערנעץ האָט אויפגעהויבן זיינע שטעכעדיקע אויגן, — אָבער מיט אמאָל איז דאָס פּנים זיינס מילד געוואָרן, ווען ער האָט דערזען נאסטאסיען אין דער נאָענט. דאָס מיידל איז געווען אָפּגעברענט פון דער זון און אָפּגעצערט, נאָר זי האָט אַלץ געטראָגן די בלום אין די לאָקן. ס׳זיינען נישט געווען קיין טרערן אין אירע קאַשטאַנען־בליקן. זי האָט בייגעקומען די גרופּע, און איר געזיכט האָט געשטראַלט.

— פּעטער טשערנעץ, האָט זי זיך אָנגערופן, ס׳האָט זיך באַקומען אַ ידיעה אַז מיטרעא איז נישט געשטאָרבן. ער איז לעבעדיק, ווי איך און ווי איר.

— איבערהויפּט ווי די מיידעלע. זאָלסט וויסן אַז עס טוט מיר אַ הנאה.

דער מילנער האָט זיך געקראַצט אונטערן אויער מיט דער לינקער האַנט און מיט דער רעכטער האָט ער זיך געזיכט אַנצושפּאַרן אָן אַ בענקל.

— ס׳וואָלט מיך געפרייט ווען ס׳איז טאַקע אַזוי, האָט ער געשמאַכלט גלייך ווי מיט אַ פרעמד מויל. פון וואַנען ביסטו דאָס געוואויר געוואָרן דו מויד, דו? ער האָט דיר געשריבן? באַלד ווערט ער אַ גרויסער געלערנטער, האָט ער געזאָגט מיט אַרויס געשטאַרטשעטע ציין. כ׳האָב פון דערפון אויך הנאה.

— מ׳זעט טאַקע, דו גיצע לונגו, דו. האָט טשערנעץ אים אָפּגעפאָרן.

— זאָלסט וויסן אַז ס׳טוט מיר הנאה, דו, האָט זיך גיצע צעבייזערט. הייסט עס אַז ער האָט דיר געשריבן?

— ער האָט מיר נישט געשריבן האָט נאסטאסיע געענטפערט אָן זי זאָל אויף אים קוקן.

דעמלט איז צוגעקומען די אוצא אַנינעאַסקאַ, באַברעמט און פאַרוויטלט פון דער זון.

— גיי, דער מאַמעס מיידעלע, אין שטוב אריין, האָט זי זי געראָטן. לאָז מיך איך זאָל זיי זאָגן.

נאסטאסיע האָט אָפּגעצויגן; דער מילנער האָט אַ ווײַלע איר נאָכגעקוקט מיט אַ טונקעלן בליק, מיט צונויפגעפּרעסטע קינבאַקן.

— נו ? האָט ער זיך צאָרנדיק געווענדט צו אוצאן ; פאַר־וואָס שווייגסטו ? רייד.

— איך וועל ריידן, האָט אוצא געלאַכט ארויסווייזנדיק אַלע ציין. נאָר קוק נישט אזוי שיין אויף מיר, ווייל איך גיי ארויס פון די כלים. אין דער לעצטער נאכט איז דינקע אפּאטעסקו פּלוצעם איבערן טאָל צוריקגעקומען. זייט שטיל און רעגט אייך נישט אויף...

ס׳איז געוואָרן א גערויש אין דעם תבואה־מאגאזין.

— זייט רויק און רעגט אייך נישט אויף. אונדזערע מענטשן קערן זיך נאָך נישט אום. ס׳וועט אָבער לאַנג נישט דויערן. דינקע איפּאטעסקו האָט געהאט א געלעגנהייט. ס׳איז געווען א גרויסער קאַמף ; ער האָט געדויערט צוויי וואָכן. די מאָסקווער האָבן איבערגעריסן דעם פראָנט אין א געגנט וואָס מע רופט אים אומאן ; און האָבן אָנגעהויבן צו יאָגן די דייטשן. זיי זיינען זיי נאָכגעלאָפן און האָבן זיי נישט געכאַפּט : מאָלדאָווע איז פול מיט האָזן. די דייטשן האָבן זיך דאָרט אָפּגעשטעלט כדי זיי זאָלן פאר זיך אָנלאָדן וואגאָנען מיט עסן־ווארג און מיט אלדעם גוט, און פאַרווערטס ! ווייל פון הינטן יאָגט זיי נאָך א לאַנגע שרעק. צווישן יענע אנטלאָפענע האָבן זיך געפונען אויך אונדזעריקע, און דינקע איז פאר אלעמען אהיים געקומען. ער איז געקומען און איז אוועקגעפאָרן. די מאכט האָט אפילו נישט געוואוסט אז ער איז געווען. פאָרומ־ביצא זיין פרוי האָט זיך זייער געפרייט. זיי זיינען נישט גע־ווען צוזאמען מער ווי דריי טעג נאָך דער חתונה, און ס׳איז איר אוועקגעפאָרן דער יינגערמאן כדי ער זאָל אָנפולן מיט ביינער די מדבריות. און אָט איז ער געקומען. דעם צווייטן טאָג צו מיטאָג, קומט פאָרומביצא צו מיר, ווייל איך בין אויך איר קוואטערן. ס׳לעבט אירימיא ראָבו, פונעם דאָרף, און ני־קאָלייע גריגאָריצע, דער פעלד־היטער. און אנדערע, זי האָט מיר דערציילט פון אלע וואָס דינקע האָט איר אויסגערעכנט. און עס לעבט, זאָגט זי, מיטרעא קאָקאָר, געפאנגען ביי די מאָסקווער. באלד האָב איך גערופן אנאנדערע קוזינע מיינע און האָב איר געזאָגט די גוטע בשורה, כדי זי זאָל גיין אייך אויך

זאָגן. מיטרעא איז נישט אומגעקומען. ער איז מן הסתם אָן אונטער אַפּיציר.

— וואָס? אויב אַזוי איז דאָס נישט ער, האָט געברומט דער מילנער, אַ קבצן און אַ אַפּיציר ווער האָט אַזעלכעס גע־הערט?

— אָט הערסטו, שיינער דער מאַמעס. דינקע ווייסט וואָס ער רעדט. ס׳געפינט זיך נישט אין רוסלאַנד קיין אַנדערער מיטרעא קאָקאָר. יעדער האָט זיך געדאַרפט פרייען סיי די, סיי יענע, אויך אַ זעלכע ווי דידינע, ווייל ער איז געווען אַ שיינער יונג, אַ זעלכע ווי ער האָבן מיר אויך געפעלן, אַצינד אָבער איז נאָר ער ווי יענע, דו לאַכסט נישט, גיצע?

— כ׳לאַך, האָט געמורמעלט דער מילנער, אָפּגעבנדיק זיך חשבון, און איך פריי מיך, ווייל מיטרעא איז מיר אַן אייגע־נער ברודער.

די מיל איז שטיין געבליבן, די מענער, די ווייבער זייגען זיך צעגאַן. זיי האָבן אָנגעלאָדן די זעק, זיי האָבן גענומען די מאַקוועס אויף די פּלייצעס און זיינען געגאַן זייער וועג.

דער מילנער איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין אונטערן בוידעם פאַרטראַכט. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ וואָרטשענדיק, ער האָט זיך געמאַכט חשבונות אויף די פינגער און האָט ערגעץ ווייט אַוועקגעקוקט, מיט זיינע רויט־פאַרזוימטע אויגן.

— המ־כם! האָט ער טרוקן געהוסט. ווער איז? וואָס גייסטו? דאָס איז געווען דער מעכאַניקער, אַ בערדיקער דייטש אַ גרויער, מיט אַ רויטלעכער נאָז. ער האָט געשאַרט די שטיוול זיינע אויף דעם אויסגעשטיינערטן וועג פון דער קרעטשמע און האָט זיך געפּאַכט מיט אַ גרויסן שטרויענעם הוט. דער ציגיינער־אַנצוג פאַרפלעקט פון מינעראַל־אייל, האָט געהאָנגען אויף אים. ער האָט אַמאָל געלעבט אינעם דריינאַזיקנס הויף. פון אַ צייט, האָט ער געמאַכט אַ קאָמבינאַציע מיט דער מיל, ער האָט זיך אָבער אויך מיט גיצע לונגו נישט איינפאַרשטאַ־נען אַזוי ווי ער האָט זיך נישט איינפאַרשטאַנען מיטן פּריץ.

— אויסוואורף און געמיינער דייטש... האָט לונגו געברומט. כ׳פרעג וואוהין דו גייסט, דו פראַנץ, דו!

— אַביסל אין דער קרעטשמע אריין... האָט פראַנץ גע־

ענפערט, טאָכנדיק ווייטער מיטן קאַפּעליטש. איך נישט פּראַנץ; איך הער פּראַנץ...

— לאָז אָפּ, שטאָלציר נישט אַזוי מיט דער הערשאַפט· כ'האָב געהערט אַז די רוסן שלאָגן די דייטשן, זיי מעקן זיי אויס.

— ווייניק אַרט מיך דאָס. איך בעט ביי אייך ער זאָל מיר זאָגן הער פּראַנץ.

— גוט, גוט. האָסט אויפגעפּנט דעם צווייטן מאָל־שטייער ?

— ניין. געעפנט וועט ווען ביידע געוועזן. לייגט שלאָס פון מיר, מיט סעקרעט. איך גלייב נישט ווען גייט אין קרעטשמע, נישט גענומען איר מער פון מיר.

— דו רוח פון רוסלאַנד, האָט ברוגז געבראָמט גיצע. מיט דעם איז אויך נישטאָ וואָס צו מאַכן. וואו דו ניסט דיך א ריר, נאָר שווינדלער. איך לייג אריין קאַפּיטאַל, מאַשינען, פּיעסן, ער די שמאַטעס. א חוץ דעם לוין, גיב איך אים אויך פונעם צווייטן מאָל־שטייער ער האָט דאָרטן עפּעס פאַראָכטן און עפּעס צוגויפגעשטעלט וויפל דער שכל האָט אים געטראָגן, ער טויג רוחיש, אָבער אַלץ אויף מיין חשבון. ער לאַכט ווען איך זאָג אים אַז א גלייכער שותף צום מאָל־שטייער קען ער נישט זיין. ער זאָגט אַז ביי גנבה איז נישט פאַראַן קיין אנדער געזעץ ווי א גלייכער טייל: ווען ער שפּאָרט עס אָפּ ווייניקס־טענס. ס'גייט אים גאָרנישט אָן. כ'קלער אים צו מאַכן דאָ ביי מיר א קרעטשמע. פאַרוואָס זאָלן אַנדערע ביי אים צונעמען די גראָשן און נישט איך? האָסט געהערט, ער זאָל לייגן א סע־קרעט שלעסל ?

וואָס האָסטו געזאָגט ?

ס'איז געוועזן דאָס ווייב, סטאַנקאַ.

— כ'רעד פונעם דייטש, א רוח אין זיין מאַמען אריין. ער לייגט א סעקרעט שלעסל אויפן צווייטן מאָל־שטייער.

— אוודאי, אַזוי קומט דיר, גיצע, אַז דו מאַכסט שותפות מיט אַלע אָנגעלאָפענע. קום, איך בעט דיך, און זע עפּעס אנ־דערש; ווייל צוליב דעם בין איך אַרויסגעקומען, כ'זאָל דיך רופן. זאָלסט זען מיין לעפּישע שוועסטער וויאַזוי זי רעדט מיר

דאָס א קענן. איך זאָג אז יענער איז געשטאָרבן, זי לאכט.

ניצע האָט צונויפגעצויגן די ליפּן און האָט אויסגעזען ווי א כייעשער פּיסק. ער איז גרין געוואָרן פון צאָרן.

— וואָס זאָל איך טון? האָט ער געקריצט מיט די ציין... כ'האָב גערעדט מיטן גלח נייע. ער וואגט נישט ער זאָל די יתומה ראָטן צום גוטן ער וויל כ'זאָל אים ארײנלייגן אין דער לאַפּע פינף הונדערטער, ער זאָל תפלה טון זי זאָל ווערן יעזוס'ס כלה. ער זאָגט אז אויב ער וועט מאכן די געוויסע תפילות קומט איר באלד אָן א בענקעניש אין דער מאָנאסטיר ארײן. ער מיינט אז איך בין א באבע און ער קען מיך אָפּנארן מיט אזעלכע שמאָנצעס.

— ניצע, ניצע, האָט זיך געצלמט דאָס ווייב; אונדזערע מיידלעך האָבן זי דערמאנט פון די תפלות פון ציגאנעשט האָט זי זיך אויסגעבייזערט אויף זיי, און זיי געפּאטשט איבער די מיילער.

דער מילנער האָט זיך אויך געפּאטשט און האָט אויסגעגלאָצט א פּאָר אויגן צו סטאנקאן.

— א רוח... כ'גיי זיך אָפּרעכנען מיט איר!

דאָס ווייב האָט אים אָנגענומען פון פאָרנט מיט אירע הענט.

— געוואלד! גיי נישט אהין ניצע, שלאָג זי נישט ניצע! די מעשוגענע קען נאָך ארויסשפּרינגען דורכן פענצטער און לויפן איבערן דאָרף און שרייען אז מיר ווילן זי דערהרגענען, כדי מיר זאָלן איר צוגנבענען דעם נדן!

זי האָט זיך מיט אים געבאָרעט ביז וואנען זי האָט אים באַרויקט.

— וואָסזשע ווילסטו פון מיר? האָט געסאָפּעט דער מילנער.

— בעסער מיט גוטן, בעסער מיט א שמייכלענדיק פּנים, ניצע.

— העי, העי! האָט זיך ניצע פארקרומט. זע, אזוי וועל איך פאר איר שמייכלען: ווי פאר א פּריצע.

— שטיי אָפּ, בארויק דיך, ניצע. באשפּריץ דיר די אויגן מיט א קאפּעלע קאלט וואסער; ווארט צו אביסל און קום

עסן! פּאַרשפּעקטיק אָבער נישט, ווייל די גריץ ווערט קאַלט.

גיצע לונגו איז געגאַנגען שאָקלענדיק זיך אויף די פּיס צו זיינער אַ נישע פון דער לאַנגער שאַלע לעבן דער מיל.

— כ'באַרויק מיך האָב נישט קיין מורא. כ'וועל מיך אָפּקילן מיט אַ שליבאָוויץ. אָבער דו זאָלסט וויסן, סטאַנקאַ, אַז דער מעזינעק מיינער איז נישט געשטאָרבן. די פרוי אַנינעאַסקאַ האָט געבראַכט די ידיעה.

— געוואַלד, געוואַלד! האָט געקלאָגט דאָס ווייב מיט די הענט אויף די שלייפן.

— שווייג, איך באַפעל דו זאָלסט דיך באַרויקן. אפשר פּאַרט... אפשר איז נישט אמת די ידיעה... אפשר איז דאָס פּאַטשטן... אפשר וועט דער הייליקער זיך דערבאַרעמען אויף אונדז און אויף אונדזער מנוחה.

סטאַנקאַ גייט אים נאָך און מיט אַ וויינענדיק קול, פאַר דער שאַלע:

— גיב מיר אויך, גיצע. ס'טוט מיר ווי די בלעך פונעם האַרץ, ס'איבעלט מיך פאַר פּאַרדראָס...

— אוועק פון דאַנען, האָט זיך אומגעקערט דער מילנער אַנגעבלאָזן. אַ ווייב פון אַזאַ פּאַרשוין ווי איך... טאָר נישט. בעסער טרינק איך צוויי גלעזעלעך. עי, היי, קום; נאַ דיר אויך איינס... ער גלעט זי זעענדיק זי אַ פּאַרוויינטע.

— ווייסט וואָס, סטאַנקאַ? האָט וויטער געזאָגט אביסל פרייליכער דער מילנער נאָכדעם וואָס ער האָט אויסגעטרונקען דאָס צווייטע גלעזל. ברענג מיר אהער די גריץ. כ'גיי שוין נישט זען יענע, מיט די פוילע שטיק. ס'קומט מיר כ'זאָל זי קוילען כ'זאָל איר אַרויסלאָזן דאָס בלוט פונעם גאָרגעל; כ'וויים נישט וואָס כ'וואָלט איר נאָך געטון! ברענג דיר אויך. פונדאַנען קע־נען מיר היטן אויך דעם דייטש: כ'זאָל זען, אויב ער האָט נישט צוגעפּאַסט אַ שליסל צו מיין שלאָס. אַזאַ פּאַרשוין באַ־גנבעט דיך און מאַכט דיך אומגליקלעך. ס'רעדט אים צו דער שד פון שכרות. כ'רעכן אַז די וועלט איז קיינמאָל גישט געווען אַזוי שלעכט ווי איצט. די שוועסטער פאַרקויפט דיך, ווייל ס'איז איר אָנגעקומען די פלאַמיקע צייט. נאָכדעם וואָס דו האָסט אים אויסגעבאָוועט. קערט זיך אום דער ברודער דיינער מיט פרע־

טענציעס. זאָג מיר נאָר דו, וואָס פאַר אַ מלחמה איז דאָס, אַז דו גייסט און קומסט ווי אופן יאַריד ? כ'וועל פרעגן קריס־טעא'ן דער רייכער ווייסט מער פונעם אַרעמען ; דערפאַר איז ער רייך, ווייל ער איז קלוג. דער פריץ ווייסט מער פון מיר.

פון אַלעמען וואָס ער האָט גערעדט אין יענער נישט רויקער שעה, האָט לונגו דאָס נישט פאַרגעסן. ס'זיינען נישט דורכגעגאַנגען קיין סאַך טעג און ער איז געקומען אין האדזשיו'ער הויף און האָט געבעטן מ'זאָל אים דערלויבן זיך צו זען מיט „זיין פריץ".

זיין פריץ איז געווען, ווי געווײינטלעך, אויף דעם הויז־טורם, מיטן שפּאַקטיוו, מיט דער ביקס. נאָך מער אַנגעבלאָזענער און נאָך מער ברוגזער.

גיצע לונגו האָט אויפמערקזאַם אַנידערגעלייגט דעם קאַפּעליוטש אויף אַ בענקל און האָט זיך געביקט מיט דרך־ארץ.

— וואָס איז מיט דיר, גיצע ? כ'זע אַז דו האָסט דיר געקויפט אַ נייעם קאַפּעליוטש.

— מילא, האָט גיצע געלאַכט, דער וואָס האָט אַ ליסענץ דאַרף האָבן אַ קופּקע... ער איז זייער טייער, פריץ לעב.

— ס'מאַכט נישט אויס ביי דיר, גיצע, דו האָסט פונוואַנען. דו גיצע, ביסט געקומען מיך פרעגן וויאַזוי ס'גייט די מלחמה...

— צוליב דעם בין איך געקומען, פריץ לעב. קיין אַנדערע חשבונות האָבן מיר נישט צווישן אונדז ; מיר האָבן אַלץ ליקווידירט.

דער דריינאָזיקער האָט אים לאַנג אָנגעקוקט, שאָקלענדיק דעם קאָפּ פון אויוון אַראָפּ.

— ס'גייט שלעכט, דו גיצע, אַז דער דייטש פאַרעקשנט זיך נישט, און קלערט נישט אויס עפּעס אַזעלכעס ס'זאָל צערייסן, ס'זאָל צעשמעטערן, ס'זאָל וואַרפן די רוסן ביז צו די שטערן, זאָלסטו וויסן אַז ס'איז געפערלעך.

— פאַרוואָס, פריץ לעב ? האָט דער מילנער אַ דערשראָ־קענער מיט אַ קלאָגענדיק קול געפרעגט.

— וואָסזשע דו האָסט נישט פאַרשטאַנען, גיצע, ביז היינט, אַז דאָס גרעסטע געפאַר פאַר אונדז זיינען די באָלשעוויקעס ?

— פאַרוואָס, פריץ ? זיי זיינען דאָרט און מיר זיינען דאָ.

— ווי איז דיר אַז דו האָסט נאָר אַזויפיל פאַרשטאַנען,

גיצע! אויב זיי שלאָגן די דייטשן, זעען מיר זיי מאָרגן דאָ. די ליידיקגייער. און די אָרעמע וועלן זיך אויפהייבן ביי אונדז אין לאַנד וויאַזוי ס'האָט ביי זיי פּאַסירט. איך פאר דער רע־וואָליוציע האָב מורא, גיצע.

— ס'איז אָבער טאַקע נישט פּונקט אַזוי, פּריץ, האָט גיצע אַ דערשראָקענער געברומט. איך זע אַז די מענטשן פון אונדז וואָלטן שוין געוואָלט שלום; זיי דאַרפן שוין מער נישט קיין אויפשטאַנד; ווי צו זייערע יאָרן, זיי לעבן קוים.

— דו פּאַרשטייסט נישט אַז אַנדערע רייצן זיי אָן, דו גיצע? די באָלשעוויקעס זיינען דאָך פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן, דו. אַז מיר וועלן נישט צו לייגן אַ האַנט און אַז מיר וועלן נישט מער איינציען דעם צוים קען אַרויס אַ שלעכט שטיקל אַרבעט.

— איר זאָלט אים איינציען... האָט מסכים געווען גיצע לונגו.

— דאָס הייסט די רעגירונג. די רעגירונג האָט די מאַכט, די רעגירונג זאָל אַכטונג געבן.

— אָבער איר האָט דאָך געזאָגט, פּריץ, אַז יענע קומען איבער אונדז.

— כ'האָב געזאָגט; זיי קומען; מיר בעטן שלום; אַ גע־בויגענעם קאָפּ שניידט נישט די שווערד.

— אַ וודאי, אַזוי, איז ווידער מסכים דער מילנער.

— אַזוי איז טאַקע, אָבער וויאַזוי מאַכט מען דאָס? מ'דאַרף טויגן דערצו; מיר דאַרפן האָבן מענטשן מיט קאָפּ זאָלן וויסן וויאַזוי צו האַנדלען.

— ס'וועלן זיך מסתמא אַזעלכע אויך געפונען... האָט נאָכ־געדענקט גיצע לונגו. זיי זאָלן אונדז אָפּלאָזן, מיר האָבן וואָס צו טון.

— דאָס איז עס! האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן דער דריינאָזיקער.

— זיי זאָלן מיך אָפּלאָזן, האָט ווייטער גיצע געזאָגט ווייל כ'האָב גענוג אויף מיין קאָפּ. אָט פאַרוואָס איך בין געקומען: כ'זאָל בעטן אַן עצה ביי אַן אויפגעקלערנטן פּריץ. די מויד דעם ווייבס שוועסטער, מאַכט אונדז אָפּאָזיציע.

דער הער קריסטעא האָט זיך צעלאַכט:

— יענע וועלכע דו האָסט געוואָלט מאַכן פאַר א מאַנאַכין, כדי ס'זאָל אייך בלייבן די ערד?

— נישט דערפאַר פריץ... האָט זיך פארטייטיקט דער מיל־נער, אביסל פארשעמט.

— דאַווקע דערפאַר. און ס'איז גוט אזוי, ווייל דו ווייסט וואָס צו טון מיט אירע פאַגאַנעס.

דער מילנער האָט געשוויגן און האָט לאַנג זיך איינגעשלונגען דאָס שפּייעכץ ער האָט זיך אויסגעדרייט מיט זיינע קראַנקע אויגן צום באַלעבאָס:

— מ'האָט געהערט אויך פון מיטרעאַן, א יענער געמיינער יונג דער ברודער מיינער, קומט.

— ס'איז דאָך ארויס א קלאַנג אז ער איז געשטאָרבן.

— ער איז נישט געשטאָרבן. אזוי זאָגן פארשיידענע מענטשן. ס'איז געקומען פון דאָרטן א ידיעה.

דער מילנער האָט זיך בכיוון אָפּגעשטעלט, וואַרטנדיק דעם ווערדיקט פון א קלוגערן פון אים, „ווייל ער האָט מער אָפּ־געשפּאָרט".

— און סוף כל סוף, אז ער וועט קומען, וואָס ארט דיך? אזא פארשוין ווי יענער — זאָל זיין צופרידן אז ר'איז ארויס א לעבעדיקער; ר'דאַרף זיין צופרידן וואָס מיר גיבן אים א שטיקל ברויט. איך בין נישטאָ דאָ? מיר האָבן נישט קיין אויטאָריטעטן? מיר האָבן נישט קיין זשאַנדאַרן? ער איז אין אונדזערער האַנט.

— די דאָזיקע קומען פון דער מלחמה חוצפּהדיק פריץ.

— כ'ווייס, פון דערפון האָב איך דאָך פריער גערעדט...

— וואָס האָט ער פריער געזאָגט? ער האָט עפּעס גערעדט, געזאָגט פון אונטערהאַנדלונגען און טויגלעכע מענטשן. ניצע־לוננו האָט נישט געגנוי געוואוסט; ער האָט געשמייכלט פאַר־ווירט.

— כ'האָב מורא, פריץ, ער זאָל זיך נישט אומקערן א קאַ־ליקע: ער זאָל שטיין אין א ווינקל און מיר זאָלן דאַרפן אים האָדעווען. בעסער א טויטער איידער אזוי.

— הער אויס, ניצע, האָט אים מיט א געוויסן עקל געעצהט

דער באַלעבאָס; האָסט געוואַרט ביז איצט, וואַרט נאָך צו אביסל. וועסט זען וויאַזוי ס'איז און וועסט אַנעמען מיטלען לויט די אומשטענדן.

גיצע לונגו האָט זיך געקראַצט אונטער דעם אויער, געקוקט צו דעם ווינקל וואו דער באַלעבאָס האָט געקוקט. וואָס זאָל ער דאָרטן האַלטן? דאָס געלט? דאָס געלט האַלט ער מן הסתם אין דער „באַנג" פון בוקאַרעשט. וואָס? ער איז א נאַר ער זאָל עס האַלטן אין האַרזשיוער־הויף? נאָר די מילנערס וואָס האָבן וויי־ניקער שכל, האַלטן די פּאַקעטן מיט באַנקנאָטן אין מאַלו. אָבער די מילנערס זיינען אייך נישט אַזוי ווי מען מיינט. ווייל וואו די פּאַקעטן זיינען באַהאַלטן, דער רוח אפילו קען דאָס נישט געפונען.

— האָסט פאַרשטאַנען?

— כ'האָב פאַרשטאַנען, האָט געזיפצט דער מילנער. איך דערלויבט מיר איך זאָל נאָך קומען...

— קום, ראָט אים צו דער פריץ קריסטעאַ.

— דער דאָזיקער „קום" איז געווען ווייניקער נישט גלייב־גילטיק ווי אַנאַנדער מאָל און גיצע האָט דאָס באַמערקט. „ביי א צרה, דאַרף ער אויך מיך האָבן, האָט ער זיך געטראַכט ווען ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון דעם הויז־טורעם און אַנטוענדיק זיך דעם נייעם קאַפּעליוטש מיט גרויס פאַרזיכטיקייט.

ס'האָט זיך געטראָפן אז טאָקע אין דער זעלבער נאַכט האָט דער הער קריסטעאַ אים געשיקט א בריוול דורך א רייטנדיקן אויפזעער, אז ער זאָל גיך קומען אין הויף אריין, ס'זיינען גע־רופן געוואָרן אויך אַנדערע: דער פּרימאַר און דער נאָטאַר, דער גלח מיטן לערער דער שעף פון די זשאַנדאַרן און אַנדערע וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, כדי זיי זאָלן געוואויר ווערן א גוטע בשורה, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן דורכן ראַדיאָ.

גיצע האָט פאַרשפּעטיקט, ביז וואַנען ער האָט זיך אָנגעטון די וועש, וועלכע ער האָט זיי אויסגעלופטערט פון דער גע־שטיקטער היץ פון א אויגוסט נאַכט; ער האָט פאַרשפּעטיקט, ווייל ביז ער האָט זיך אָנגעטון ווי וועגן א באַזוך, קלערנדיק אין זיך, וואָס פאַר א בשורה זאָל דאָס זיין. א גוטע בשורה? ער איז עפּעס געוואויר געוואָרן פון מיטרעאַן? ניין, ס'איז נישט

דאָס, ווייל אויב אזוי וואָלט ער נישט געווען נעדאַרפט רופן אַזויפיל מענטשן.

נישט אַנדערש ווי די דייטשן האָבן איבערגעקערט דאָס טעפל סמעטענע: אָדער מיט די פאַרסאַמטע נעפּלען אָדער מיט די טויט־שטראַלן.

ער האָט גיך געשאַרט די פיס אויף די רויקע און שטילע גאַסן פונעם דאָרף. ווען ער האָט געזאָלט אַרויסקומען צום האַדזשיוער־הויף, צווישן די הויכע פּאַפּשויעס הערט זיך אַ רעש. ער איילט זיך צו און טרעפט זיך מיט אייניקע וואָס זיינען גערופן געוואָרן אין הויף אַריין.

— איר זענט געווען? וואָס איז געשען?

— מ'האָט אָפּגעשלאָסן דעם וואָפן־שטילשטאַנד מיט די סאָ־וועטן. פון איצט אָן האָט זיך אַלץ געענדיקט, מיר וועלן זיך אין זינען האָבן אונדזערע געשעפטן, מיר זיינען פּטור געוואָרן פון די דייטשן.

אין דער טונקל, האָט דער מילנער געזוכט געוויר צו ווערן ווער ס'האָט גערעדט.

— דער פּרעטאָר, האָט דער גלח נייע, אים שטיל אין אויער איינגערוימט.

אַריינשטופּנדיק זיך צווישן זיי, האָט גיצע געזאָגט:

— כ'וואָלט אויך געוואָלט גיין אין הויף אַריין.

— ס'האָט נישט קיין זין, האָט אים דער שעף פון די זשאַנדאַרן דאַנציש געראָטן. דער הער קריסטעאַ איז מיד; ער האָט עפּעס געטרונקען מיט אונדז; ער האָט זיך געלייגט שלאָפן. ער שטייט אויף מאָרגן גאַנץ פרי, כדי אָנצונעמען מאַסמיטלען.

— וואָס פאַרא מאַסמיטלען?

— מאַסמיטלען. ווי ביי אַזאַ געשעעניש. מיר זיינען מודיע דעם עולם, מיר גיבן צו פאַרשטיין, מיר ראָטן.

— איר זענט גערעכט; כ'וועל אים זען מאָרגן,

דער גלח נייע האָט אים געגעבן אַ שטויס מיטן עלנבויגן: אים איינגערוימט אין אויער אַריין: צו וואָס דאַרפסטו אים באַך זען? האָב אין זין דיינע זאַכן. די רוסן קומען.

— נו, און וואָס איז אַז זיי קומען? האָט גיצע געברומט.

— ס׳איז גאָרנישט, איך זאָג דיר נאָר, כדי דו זאָלסט וויסן. דאָס איז מיין מיינונג.

זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין מאלו, שמועסנדיק איבער פארשיידענע קליינע זאכן אונטער די אייביקע שטערן.

דער פריץ קריסטעא, מיט זיין ערנסט און שטרענג פּנים, איז שוין געזעסן אין זיין קליין נידעריק וועגאלע וואָס איז געבויט אויף שטאָלענע פעדערן, מיט די לייצעס פון די קליינע און פלינקע אראבישע פערדלעך אין די הענט, נאָך פאר זעקס א זייגער. ער איז רויק דורכגעפאָרן דורך אלץ וואָס ער באַזיצט אין האדזשיו. אלע מענטשן זיינען געווען אויף זייערע ערטער. זיין באפעל איז געווען דער: יעדער זאָל דערפולן זיין חוב! דערנאָך האָט ער זיך אייליק געלאָזט קיין דראָפּי. דאָרטן איז ער ברוגז געוואָרן, ווייל, דאָ האָט מען אביסל פארשפּעטיקט. מען האָט ערשט געבראַכט די פאריאָכטע אָקסן צו די פלוגן וואָס זיינען געבליבן אויף דער בייט.

טריגלעא האָט אים דערזען פונדערווייטנס און האָט אויף אים געוואַרט אינעם „צימער" וואָס איז געשטאַנען אין דער מיט פונעם שמאָלן דאָרפס־וועג לעבן דער ווירטשאפט פון די דראָפּיעס. ער איז געווען אין הוילן קאָפּ; דאָס מאָרגן ווינטל האָט צעשויבערט זיינע ווייסע האָר. ער האָט געהאלטן אין דער האנט א שטיק פון א קייט.

— וואָס איז מיט דער קייט? האָט געפרעגט דער דרייַנאָזיקער, איינהאלטנדיק מיט אמאָל די פערדלעך.

— ס׳איז גאָרנישט, פריץ; ס׳איז אונדזער קייט.

קריסטעא האָט מיט אַן אויסגעצויגן קול געפרעגט הויך:

— איר האָט געהערט פון דער שלום־בשורה?

— מיר האָבן געהערט.

— ווען? וויאזוי? האָט זיך געוואונדערט דער גוטבאזיצער.

— ווייס איך? ס׳איז עמעצער געקומען אינמיטן דער נאכט. ער איז געווען אין דאָרף, און האָט אונדז געזאָגט.

— נו, וואָס זאָגט איר? איר זענט צופרידן?

— ווייס איך, פריץ. ס׳טוט אונדז נישט באנג, און מיר פרייען זיך נאָך נישט. מיר אָרעמע, האָט ווייטער געזאָגט טריג־

לעא אראָפּוואַרפענדיק די קייט, מיר וואַרטן, מיר זאָלן זען וואָס ס׳וועט זיין.

וויאַזוי דער פּריץ האָט געריררט פונעם פּלאַץ, האָט די באַבע קיצא ארויסגעשטעלט דעם קאָפּ פון אונטער א בוידעם נאָכ־קוקנדיק נאָכן וועגאַלע :

— טריגלעא טאַטע, שרייט זי : וואָס איז דאָס געוועזן ? ס׳האָט זיך ע־שט אויסגעוויזן צו זיין א שיין וועטער. כ׳זע אז ס׳איז טריב געוואָרן !

XVI

אין א פרימאָרגן, מיצא, טשיודאָסעם מיידעלע נישט עלטער פון אכט יאָר. אָבער נישט קיין פארשלאָפענע, א שארפזיניקע אין א פלינקע ווי א ציגעלע, איז גיך געלאָפן אין מיל אריין, זי זאָל פרעגן „ווען ס׳הויבט אָן צו קלאפן דער מאָטאָר, ווייל דער פאָטער אירער וויל קומען מאָלן״, און האָט זיך געשפילט א פאָר מינוט מיט נאסטאסיען, וואָס האָט אין א זוניק ווינקל געשפינט פארהיט פון ווינט.

טשיודאָסו איז געווען דער אנינעאסעם שאָכן פונעם אײַ־בערן פלויט. זיין ווייב מאריא איז געווען א ציג — און מיצא האָט זיך ארויסגעוויזן צו זיין א ציגאלע, דאָס איז נאָר כדי ס׳זאָל דערפולט ווערן אן אלט שפריכוואָרט.

— אוועק, צוריק מיצא, האָט זיך געווערט נאסטאסיע; לאָז מיך צורו, ווייל כ׳בין אזוי פארצרהט אז כ׳זע אזש נישט פאר די אויגן...

— ניין, אוצא אנינעאסקא האָט געזאָגט אז דו וועסט גיין וועסטו זיך פרייען.

דאָס ציגאלע איז אויסגעווען די צייט; אָט איז עס געווען

דאָ, אָט איז עס געווען דאָרט ביים עק דאָרף, דורך געשפּרינגען עטלעכע גערטנער, און איז אוועק.

נאַסטאַסיע האָט אוועק געלייגט דאָס שפּינדל, און האָט געזען אַז סטאַנקאַ פּאָרעט זיך דאָרט ביים אויוון וואָס האָט גערייכערט, האָט זי זיך שנעל צוגעבונדען די רויטע פאַטשײלע, און איז שוין געווען אויף מיצאַס שפּאָרן.

זי האָט געוואוסט אַז די קוואַטערן אירע אוצאַ איז זייט צוויי טעג קראַנק. ס'האָט זי געמוטשעט דער אַלטער ריאומאַטיזם; זי האָט קוים געשלעפּט די פיס פונעם קעמערל צום אויוון, אַ האַלבע שעה, כדי זי זאָל פאַר זיך עפּעס אָפּקאָכן. זי איז מער געלעגן אונטער דער קאָלדרע. ס'פלעגן צומאָל אַריינקומען צו איר די שכנות און די קוזינעס, איר צו העלפן.

נאַסטאַסיע איז אַריין האַסטיק, מיט רויטע באַקן, מיט ברוסטן וואָס זיינען לעבעדיק באַוועגט געוואָרן פון אַ טיפן אָטעם וואָס האָט זי געשטיקט.

— וויי, קוואַטערן אוצאַ, כ'בין געקומען אין איין אָטעם, טשיודאַסו'ס מיידעלע איז געבליבן אַהינטער... וואָס איז?

די קוואַטערן אַנינעאַסקאַ האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים געזעמס פונעם בעט. זי האָט געהערט אַז דאָס מיידל קומט: ווי זי האָט געגעבן אַ טראַך מיטן טירל פונעם פּלויט, אירע שנעלע טריט האָבן אָפּגעהילכט אינעם הויף, זי האָט אָפּגעריסן די דרויסנדיקע קליאַמקע פון דער טיר.

— אַ גוטע בשורה, מיידל, האָט זי שמייכלענדיק געענטפערט.

— פון מיטרעאַן?

— פון אים. זאָג מיר נאָר דו, טייערע נאַסטאַסיע, ווי קומט דאָס וואָס די דאָזיקע גוטע בשורה מאַכט מיט טרויעריק?

כ'פאַרשטיי נישט, קוואַטערן אוצאַ: דו שרעקסט מיך.

— שרעק דיך נישט, פייגעלע דער מאַמעס. ס'איז אַ בריוו און איך גיב דיר אים באַלד. ס'האָט אים געבראַכט דינקע פּאָרומביצעס. די עלטסטע זיינע האָבן אים געשיקט קיין בוקאַרעשט מיט בריוו; און ער, נאָכדעם וואָס ער האָט איבערגעגיבן די בריוו דעם קאָלאָנעלס פרוי, דעם קאַפּיטאַנס פרוי, האָט ער געגעבן אַ שפּרונג צוריק צו דער סטאַציע און האָט געכאַפּט דעם צוג ער זאָל קומען צו זיין ווייב, אַלץ אַזוי ווי דאָס פריע-

דיקע מאָל, כאַטש אויף א נאכט. ער איז אין א רעגימענט צו־זאמען מיט דיין מיטרעא׳ן. פריער מיט א שעה האָט מיר ביצא געבראכט דאָס בריוול. כ׳האָב עס געלייענט; כ׳האָב גערופן פון דער שוועל מיצא טשיודאַסום, ווייל זי איז אויך מיין פלימעניצע. גיי, זאָג איך, מיצא, און ברענג צו מיר אונדזער נאַסטאסיע, פייל אויסן בויגן. אַט האָסטו דעם בריוו.

נאַסטאסיע האָט אויסגעגלאָצט א פאָר אויגן, זי האָט זיך גע־רעכט אויף א בריוו גרויס ווי א מגילה. לאָזט זיך אויס אז די קוואטערן אוצא שטרעקט איר אויס א בריוועלע אַט אזוי די גרייס אייגעבויגן אין פירן.

דאָס מיידל האָט עס אויפגעמאכט ציטערנדיק: דאָס פאפיר האָט איר אָפּגעבריט די פינגער.

אינעם בריוו איז נאָר דאָס געשטאַנען:

„אונטערפירערן אנינעאסקא, איך בעט אייך האָט רחמנות אויף מיר, און ברענגט מיר אומבאַדינגט נאַסטאסיען קיין סיביו“.

— כ,פארשטיי נישט, האָט נאַסטאסיע שטיל געזאָגט, און איז געוואָרן בלייך קוקנדיק מיט פארשטארצטע אויגן אויף דער אנינעאסקא.

— ליין נאָך אמאָל.

— כ׳ליין. פארוואָס שרייבט ער דיר אונטערפירערן?

— ווייל איך און מיין ברודער מאנאָלע ראַשיאָרו וועלן זיין אייערע אונטערפירערס.

נאַסטאסיע איז אינגאנצן פארויטלט געוואָרן. זי האָט גע־קושט דער אנינעאסקאס האנט און האָט זיך ווידער אומגעקערט צו איר אויפגעעפנט דאָס בריוול, וואָס זי האָט געהאלטן אין דער לינקער האנט.

— פארוואָס־קומט ער נישט אהער און פארוואָס זאָל איך אומבאדינג פאָרן קיין סיביו?

— אזוי איז, פייגעלע דער מאמעס, כ׳האָב דיר נישט גע־זאָגט אז דינקע פאָרומביצעס קומט פון סיביו, און ער קומט ווייל זייניקע האבן מיך געשיקט? און מיטרעא קען נישט פעלן ווייל ער האָט א גרויסע פאראנטוואָרטליכקייט אין זיין דינסט. און „אומבאדינגט“ ווייל ער פארזוימט זיך נישט דאָרט לאנג און פאָרט ווייטער. דאָס מיליטער יאָגט נאָך די דייטשן. די

דיוויזיע טודאר גייט אויך מיט. וויאזוי זאָלסטו פארשטיין? איך בין געזעסן פויגעלע, און האָב געקלערט, דו האָסט דאָך נישט קיין צייט צו דענקען, ווייל דו ביסט פייער און פלאם...

יאָ, מומע אוצא, אזוי איז עס. נאסטאסיע האָט זיך פאר־שעמט, די אויגן זיינען איר פייכט געוואָרן. אָבער פארוואָס האָסטו געזאָגט אז די פרייד מאכט דיך טרויעריק?

— ווייל כ'בין קראנק, טייערינקע, און קען מיך נישט רירן. פארשאָלטן זאָל ווערן דער רעאומאטיזם, אויף אייביק זאָל אָפּ־געמעקט ווערן זיין זכר, ער זאָל שוין מער נישט פּלאָגן די וועלט. ס'האָט מיך נישט געקענט טרעפן ווינטער, אָדער יענעם הארבסט, ווען כ'האָב נישט געהאט וואו צו פאָרן.

— וויי, טייערינקע, ביטער איז מיר! וואָס טו איך? פונעם פעטער גיצע קען קיין גאָר קיין רייד נישט זיין ער זאָל מיט מיר מיטפאָרן. דער פעטער גיצע קוקט אויף מיר מיט זיינע בייזע אויגאנעס ווי א גנב; ווען ער וואָלט געקענט, וואָלט ער מיך דערהארגעט. און בעסער וואָלט ער זיך געלאָזט אָפּשניידן א האנט איידער ער זאָל פאָרן זען זיין ברודער.

— אָפּגעטריקנט זאָל זי אים ווערן! האָט די אנינעאסקא צוגעזיפצט.

— און די שוועסטער מיינע, טייערינקע, מיין איך אז זי וויל מיר גיבן פארסאמטע שוועמלעך.

— אוי פארסמט זאָל זי ווערן, האָט ווידער אוצא געזיפצט.

— געלט האָב איך, טייערינקע; כ'האָב מיר צונויפגעלייגט. אָבער ווי זאָל איך פאָרן אָן דיר?

— וועסט פאָרן זייער גוט.

די אנינעאסקא האָט זי צוגעצויגן צו זיך און האָט איר אויסגעווישט די טרערן מיט דער האנט.

— זאָל איך פאָרן אליין?

— אליין. איר וועט דאָרטן זיין צוויי. און דערנאָך קומסט דו צוריק. ס'וועט דיך באגלייטן מיין ברודער ראָשיאָרו, אייער אונטערפירער, — ביז אין שטאָט אריין. מיין ברודער איז אן אלמן, אזוי אז קיינער וועט נישט געוויר ווערן. דו זעצסט דיך אויף אויפן צוג, און פאָרסט. וואו איז נאסטא־סיע? זי איז נישטאָ. די אנינעאסקא ווייסט אויך נישט

פון איר. קיינער האָט זי נישט געזען. אז זי לעבט וועט זי מן הסתם צוריקומען! דו ביסט ווייט, דו שוועבסט אויף די פליגל פון בענקעניש. אזוי. דו גרייט זיך צו; אויפדערנאכט קומט מאנאָלע דיך נעמען און פירט דיך צום צוג. זאָלסט דיך גאָרנישט זאָרגן. פון בוקאַרעשט ביז אהין פאָרן אסך מענטשן. אָבער צווישן אזויפיל ווען ויך געפונען אויך לייטישע וואָס וועלן דיך פּראָטעזשירן. זאָלסט נאָר גוט באהאלטן דאָס געלט אונטערן גאַרטל. איך וועל דיר צוגרייטן א קיישל מיט עסן. זאָלסט אים קושן אויף פאר מיינעט וועגן.

— יאָ, טייערינקע, האָט נאסטאסיע זיך צוגעאיילט צו געבן איר הסכמה.

זי האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף די קני און האָט געקושט דער אנינעאסקאַס בײדע הענט, באנעצנדיק זיי מיט טרערן.

אין יענעם טאָג איז דאָס מיידל ארומגעגאַן קראַנק און צעמישט, נישט געפונענדיק פאר זיך קיין אָרט. אויפדערנאכט איז זי פארשווינדן געוואָרן פון דער מיל ווי א שאָטן. זי איז אוועק.

ערשט איבערמאָרגן איז מען געוואויר געוואָרן אין דאָרף.

א נאכט און דינסטיק דעם גאנצן טאָג, האָבן דער מילנער און סטאַנקא געהאַלטן בסוד אז נאסטאסיע איז פארשווינדן געוואָרן. מיטוואָך איז גיצע ארויסגעגאַנגען ביז צו די זשאַנדאַרן. דעמלט, נאָך די ערשטע אויספאָרשונגען וואָס דער פּלוטאָניער מאַזשור דאַנציש האָט געמאכט. איז ארוים א קלאַנג און האָט זיך אָנגעבלאָזן ווי דער שטראָם פון דעם טייך ליסאַ.

ווען גיצע לונגו איז צוריקגעקומען צו דער מיל, האָט אים סטאַנקא צוגעטראָגן, צוזאַמען מיט די מיטאָג מאכלים, די פרישע בשורה אז זיין שוועסטער נאסטאסיע זאָל געווען ארײַנפאַלן אין א ברונעם.

דער מילנער האָט זיך געקראַצט אין אויער און האָט פּאַוואָליע געשאָקלט מיטן קאָפּ, קוקנדיק אין א פינסטער ווינקל וואו ס׳האָט זיך פיקסירט באהאלטן די מורא ווי א זעזאַם קערנדל. ער האָט זיך אָנגעבלאָזן:

— ס׳איז נישט גוט, סטאַנקא.

— פארוואָס? דו פילסט זיך נישט מיט גאָרנישט שולדיק.

— איך פיל מיך נישט, האָט ער געברומט אָן ער זאָל קוקן אויף איר.

— ווער האָט דיר געזאָגט פון דעם ברונעם ?

— כ'בין געוויר געוואָרן פון מענטשן ; וואָס זיינען דאָ ארימער דורכגעגאנגען און האָבן איבערגעלאָזט זעק.

— זיי ווייסן ? זיי האָבן געזען ? זיי האָבן זי ארויסגענור־מען פון אונדזער ברונעם ?

— וואָס איז מיט דיר, גיצע ? זיי האָבן גלאט גערעדט ; זיי האָבן געזאָגט וואָס זיי האָבן געהערט. וואָס איז מיט אונדזער ברונעם ?

— ס'איז גאָרנישט כ'פרעג אויב דו ווייסט עפּעס ? ער האָט אויף איר מיטאמאָל א גלאָץ געטון מיט זיינע אויגן־הייטלעך וואָס זיינען געווען ארומגעריימט מיט בלוט.

זי האָט געגעבן א געשריי, ברעכנדיק די הענט :

— געוואלד ! אצינד האָב איך פארשטאנען. שטיי אויף, לאָז אָפּ דאָס עסן גיב א לויף און זע. לאָז אראָפּ די שטאנג אינעם ברונעם. די האכעמעס פון אלע חכמות ! גאָט און די הייליקע מאריע זאָלן געבן, זי זאָל האָבן א חלק נאָר אין גיהנום !

דער מילנער האָט געמאכט א ברוגז פּנים. ער איז ארוים פון די כלים :

— דו האָסט זי ארייגעוואָרפן, סטאנקא ? ער האָט גע־סאפּעט, אויפהייבנדיק אויף איר די האנט.

— וואָס רעדסטו ! מענטש איינער ?

זי איז געבליבן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן וואָס קוקן אויף אים. גיצע האָט אויסגעשטשורעט די ציין.

— וואָלט איך געקענט זיין אזוי נאריש ביי מיר אינעם ברונעם ?

— ווי, גיצע, וואָס רעדסטו ? איך בין אויך נישט אזא בהמה. אויב ס'איז, ווי סע ווייזט אוים צו זיין, האָט זי אונדז פאראומרייניקט דעם ברונעם.

זי איז נאָכגעגאנגען דעם מילנער. ער האָט געזוכט די שטאנג, סאפּענדיק.

ס'זיינען צוגעקומען נאָך צוויי מענטשן. זיי האָבן אָפּגעלייגט

די זעק און זיינען צוגעלאָפן זיי זאָלן אויך אריינשטאָפּן זייערע צעשויבערטע קעפּ צווישן די בעליקעס וואָס האָבן איינגעהילט פון אינעווייניק דעם ברונעם, ארייגגלאָצנדיק אין דער טיף אריין. נאָכן מילנער. האָבן זיי זיך אויך געפּאָרעט מיט דער שטאַנג, ס'איז גאָרנישט געווען. זיי האָבן זיך פארלוירן די צייט.

גיצע לונגו איז אוועק, פארשוויצט ווי א ביבער. ער האָט זיך געמאכט דעם צלם, ארויפקוקנדיק צום הימל. ערשט דעמלט האָט ער געזען דעם לויטערן הימל, אין א אָנהויב פון א לאַנגן הארבסט. ער האָט געהאט א רויקע מינוט.

אָבער דאָס קערנדל פונעם טונקלען ווינקל איז אריין אין אים און איז געוואקסן. אז זי איז נישטאָ אין דעם ברונעם פון דער מיל, דארף זיין ערגעץ אנדערש די פארשאָלטענע. זי האָט זיך אליין גענומען דאָס לעבן, א רוח אין אירע געטער. אזא משוגענע, כדי ס'זאָל אויף אונדז פאלן דער חשד. וואָס ס'קען איינפאלן א פארצווייפעלטע!

ער האָט מורא געהאט צו קוקן אויף מענטשן. ס'האָט זיך אים אויסגעדאכט אז מ'קוקט אויף אים מיט חשד.

ער איז אריינגעגאנגען אין שטוב אריין, און האָט געענדיקט דעם מיטיק. דאָס ווייב האָט אויסגעזען רויקער.

— זעסט, זי איז נישטאָ?

— וואָס זע איך? כ'זע נישט גאָרנישט. זי קען זיין אין אנאנדערן ברונעם. כ'קלער: פארוואָס דוקא דארף זי זיך געפונען אין א ברונעם?

— איך זאָג אויך אזוי, גיצע. פונוואנען האָסטו עס אויסגעטראכט אז זי איז אין א ברונעם.

— איך האָב אויסגעטראכט?

— ווער דען? פארוואָס אין ברונעם? זי קען זיין אין א וואסער-געווירבעל פון דער ליסע. אָדער אין א אָפּגרונט אין באָבו וואו ס'איז פאראן אזא שיטערערע בלאָטע אז ס'האָט זיך דאָרט געקענט טרענקן דעם גלחס גרויע קליאטשע.

דער מילנער הויבט זיך אויף, שאָקלנדיק זיך.

— כ'האָב געוואָלט דיך אָנפּאטשן, נאָר כ'זע אז כ'האָב קיין כוח נישט, און כ'האָב רחמנות אויף דיר. כ'גיי ווייטער צו

די זשאנדארן. זאָלן זיי זוכן, זאָלן זיי נאָכפאָרשן, אויפקלערן, זיי זאָלן אראָפּנעמען פון אונדז די צרה.

זי איז געבליבן שטעהנדיק און וויינענדיק לעבן דעם אויוון. ער איז געגאנגען אין דאָרף אריין אויף דער לענג פון דער טעלעפאָן־ליניע, וואָס איז געווען פול מיט פייגעלעך וואָס זיינען פארטיק אין וועג אריין, זיי זיינען געשטאנען אויסגעשטעלט ווי די קרעלן איינס לעבן ס׳אנדערע ביז העט ווייט, אנדערע האָבן אויבן זיך געדרייט, רעדלעך, שוויפטשענדיק.

— זיי גייט גאָרנישט אָן... האָט גיצע געזיפצט, און אינעם געדאנק האָט ער זיי געשיקט א קללה, גלייך ווי זיי שמועסן זיך אויך איבער וועגן דעם געשעעניש פון יענער משוגענער. ווער ווייסט? אפשר איז זי נישט אומגעקומען, נאָר זי האָט זיך געלאָזט אין דער וועלט אריין נאָך יענעם רשע. דאָס גלויב איך נישט. וואו קען זי געפונען מיטרעאן? אפשר האָט זי באקומען דורך עמעצן א ידיעה אז מיטרעא איז געשטאָרבן. און זי איז גלאט אזוי אוועק, אראָפּ פונעם זין. ס׳איז מעגלעך ס׳זאָל נישט זיין נישט דאָס און נישט יענץ. ס׳איז איר מן הסתם אָנגעקומען די מיידלעשע היץ און איז אנטלאָפן מיט איינעם אין א דאָרף דאָרעמער. אך וואָלט איך געלאכט! אָדער ס׳זאָל זי האָבן גענומען א לאסט־אויטאָמאָביל מיט דייטשן וואָס אנטלויפן מיט זיך. זיי טוען אזעלכע זאכן; זיי ארט נישט; ווער קען זיך זיי אקעגנשטעלן? זיי שיסן באלד מיטן מאשינגעווער... גוט זיינען איבערגעקומען אויך די דאָזיקע דייטשן, די רוסן יאָגן זיי נאָך ווי מ׳יאָגט די וועלף. אונזעריקע האָבן זיך אויך גענומען אויף זיי. זיי לויפן דורך די בערג, זיי לויפן דורך די מדבריות; דאָרימער האָט מען זיי אָבער נישט געזען דורכגיין. אויב אזוי וויאזוי זשע, וואו זאָל זי זיך האָבן באהאלטן, כדי זי זאָל אונדז א רעה טון? די וועלט זאָל אונדז חושד זיין... דערפאר האָבן יענע צוויי פונעם ברונעם, זיך געפאָרעט אינעם מיסט פון דער מיל. דאָס הייסט אז מיר האָבן זי אומגעבראַכט אין מיר האָבן זי דאָרט באגראָבן. ס׳איז מיר דעמלט נישט איינגעפאלן כ׳זאָל זיי גיך געבן א פרעג: „מיט וועמען מיינט איר, הא, האָט איר דאָ צו טון?

גיצע לונגו, הולטייעס וואָס איר זענט, איז נישט פּעאיק אויף אזעלכס !".

און די וואָס גייען דורך לעבן מיר... זיי באַגריסן מיך, אָבער זיי קוקן נישט אויף מיר. די ווייבער נעמען זיך צונויף איינע לעבן דער אנדערער, ביי די טויערן, זיי קוקן נאָר מיטן עק אויג און שטופּן ווידער אמאָל אריין די פּיסקעס אין די אויערן. ווען כ'וואָלט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, וואָלט איך געזען ווי זיי מאכן סמנים מיט דער גאָמבע אויף מיר. זייערע מיילער בייסן און צערייסן נאָך שטארקער ווי די וועלף.

אין דער זשאנדארמעריע, איז דער פּלוטאָניער דאנציש נישטאָ. אין דער פּרימאריע, איז ער אויך נישטאָ. ער איז גע־גאנגען מיט אייניקע מענטשן וועגן אויספאָרשונגען.

ער איז געגאנגען אויף זייערע שפּורן און האָט זיי געפונען. זיי שלעפּן דאָ און דאָרט די נעץ פון די טיפענישן פון דער ליסע. ביז איצט זיינען זיי גאָרנישט געוויר געוואָרן. דאנציש הייבט די אקסלען.

— זי איז נישטאָ, פּעטער לונגו; זי איז נישטאָ און איז נישטאָ; מיר האָבן אומעטום געזוכט. די אנינעאסקא איז שוין אויך געקומען. זי האָט געזען דאָס מיידל דינסטיק אינדערפרי. איר זאָגט אז דינסטיק ביינאכט איז זי נישט געשלאָפן אינדער־היים. קענען דען מיר קומען צו אן אנדערן אויספיר ווי זי איז פארשווינדן געוואָרן? איר מאכט מיר א ביטע; איך וועל אויפשרייבן א באשלוס. דערנאָך וועלן מיר ווארטן. סע קען זיך טרעפן אז זי זאָל צוריקקומען.

— דאָס קען אויך מעגליך זיין... האָט געזיפצט גיצע לונגו, כ'זאָג דיר דעם אמת, דאנציש, נאָך אזוי פיל צרות וואָס זי האָט מיר אָנגעטון! איז בעסער, אז זי איז שוין אוועק. זאָל זי טאקע שוין מער נישט קומען. שיק, כ'בעט דיך, א בריוו אין דער מאָנאסטיר פון ציגאנעשט. אפשר האָט זי זיך דאָרט אָפּגעשטעלט. דעמלט וואָלט איך מיך בארויקט. די געשיכטע האָט מיך געמאכט אוים מענטש.

מיך אויך, פארשיידענע מענטשן האָבן געזוכט אין מיר אויפצוּוועקן דעם חשד אז עס קען זיין א מאָרד.

— דאנציש, זאָלסט וויסן אז נאָר די ווייבער זיינען שול־

דיק. זע נאָר וואָספאַרא גערודער ס'האָט געמאַכט דאָס שלעפּל וואָס איז אוועק. זע נאָר וואָס מ'האָט דאָ אין דאָרף אויסגע־טראַכט, קענגן אזא בכבודיקע פּערזאָן. וואָס האָט יענע געטון וועלכע האָט אין שלאָף אָפּגעשוירן שמשון הגבור און דערנאָך אים איבערגעגעבן די פלשתים? וואו דו טוסט דיך א דריי, וואו דו קוקסט דיך ארום נאָר בלבולים און קריגערייען אין דערין זיינען נאָר זיי שולדיק...

גיצע האָט אויסגעזען רויקער, ער האָט חשק צו רעדן. מיט דעם אלעמען האָט דאנציש אויף אים אכטונג געגעבן. ער האָט אויף אים געוואָרפן א גנבהשן בליק. גיצע לונגו האָט אין זיך געפילט אז דער זאָמען פונעם סעזאָן קערנדל האָט אויפגע־ציטערט.

דער פלוטאָניער האָט מיט א פאלשער פריינטשאפט צו אים געשמייכלט. גיצע האָט פארשטאנען אז זיינע צרות האָבן זיך נאָך נישט געענדיקט.

פרייטיק, שבת, זינטיק, דאָס פייער האָט זיך אביסל אָפּגע־שטילט, ס'איז אָבער נישט פארלאָשן געוואָרן. ס'האָבן נאָך גע־פינקלט די פינקען אינעם אש; מ'האָט געדאַרפט האָבן דעם בלאָזאַק כדי דער פלאַם זאָל זיך צעוואַקסן, און קיין בלאָזאַק האָט מען נישט געטראָפן. מאַנטיק האָט אָנגעהויבן צו גיין א דריבנער און שטילער סעפּטעמבער רעגן, די מענטשן האָבן זיך נאָסע אומגעקערט צו זייערע הייזער פונעם קוקורוז־שניט, און די ווייבער האָבן געשאָלטן אין די הייף. די קינדערלעך האָבן זיך פארפלאָנטערט אין זייערע קליידער; זיי האָבן זיי אָנגעפּאַטשט און זיי געטריבן אין די הייזער אריין. זיי האָבן געהאָלפן די מענער אָפּצולייגן די קאָטשענעס, זיי האָבן זיך געגליטשט אין די בלאָטעס, ס'איז זיי אראָפּגעפאַלן די טיכלעך אויף די נאַקענס, זיי האָבן אויסגעשפּיגן זייער צער אויף מזרח און אויף מערב. סע האָט זיך געמאַכט אביסל פּאָפּשויעס, וואָס ליגן אין רעגן און וואַרטן ביז וואַנען דער דריינאָזיקער וועט חשק האָבן צו באַפעלן די איינטיילונג. די גאָספּאָדאַרעס רעדן און ס'קען זיין מ'זאָל איינפירן אן אנדערע ארבעטס־אָרדנונג. אנשטאָט דריי חלקים דעם באָיאַר און צוויי דעם פּויער, זאָל מען דעם מענטש געבן פיר חלקים און דעם שינדער איין חלק

— ווייל ס'איז אים גענוג. איצט, נאָכן וואָפנשטילשטאַנד מיט די רוסן, די וואָס האַלטן מיטן פּאָלק, ווייזן אָן, אַז די ערד דאַרף געהערן יענע וואָס באַאַרבעטן זי, און אַז דאָס רעכט פונעם פּריץ וועט מען פאַרקלענערן. אַזוי אַז, זיי באַראָטן זיך איינס מיט ס'אַנדערע זיי זאָלן איינמאָל נעמען די פּאַפּשויעס אָן דעם באַשלוס פונעם פּריץ, און לאָזן אויפן פּלאַץ אַזויפיל וויפל זיי וועלן לויט זייער מיינונג געפינען אַז ס'קומט אים. אפשר וועלן זיי עפּעס טון. זיי האָבן מורא אַביסל פאַר דאַנ־ציִשן. ווייל ער איז שטרענג אויף זיין פּאָסטן.

ס'האָט גערעגנט מאַנטיק באַנאַכט; ס'האָט גערעגנט דינ־סטיק. די גרויע וואָלקנס זיינען געגאַנגען איינער נאָכן אַנדערן און זיינען זיך צענויפגעקומען אויף די דראָפּיעס, פאַרשטעלנ־דיק די שיין פון די מיטאָג שעהן. ס'איז געהאָנגען די נעץ און דער טרויער אויף דער וועלט.

דינסטיק צו נאַכט צו, האָט די אַנינעאַסקאַ געהערט אַ קלאַפּ אין דער דרויסנדיקער טיר. זי האָט אויפגעציטערט. זי האָט מורא געהאַט פאַר גנבים און האָט געהאַלטן פאַרשלאָסן. דערנאָך האָט זיך איר געדאַכט אַז ס'האָט געגרייכט ביז צו איר עפּעס ווי אַ קלאָגעדיקע שטימע. זי האָט זיך אויפגעהויבן קרעכצנדיק און האָט זיך געאיילט צו עפנען. זאָלסט וויסן אַז ס'איז נאַסטאַסיע, אינדעראַמתן, איז עס טאַקע געווען נאַסטאַ־סיע! מיט אַ גרויסן זאַק צונויפגעלייגט ווי אַ גלאָגע אויפן קאָפּ און אויף די אַקסלען מיט אַ אַרויף געצויגן קלייד, און מיט שיך אָנגעלאָדענע מיט בלאָטע.

— דו ביסט?

— איך. גוט וואָס כ'בין שוין אָנגעקומען. טייכן און פאַר־פלייצונגען אויפן פעלד; כ'האָב געמיינט אַז כ'וועל מיך נישט דערשלאָגן.

— וויאַזוי איז געווען די רייזע?

— גוט! אָבער כ'בין אַזוי מיד.

— ביסט צופרידן?

— צופרידן! כ'האָב געזען מיטרעאַן. כ'בין געווען מיט אים אַביסל. זיי גרייטן זיך צו, ווייטער צו גיין.

— וואו האָט איר זיך באַגעגנט?

— ביי אים אין קוואַרטיר. ער איז געווען אַליין; ער האָט געהאַט אַ גוט צימער. ער איז אַן אונטער אָפיציר. נאָר ער איז אַביסל צו דאַר. ער איז געווען קראַנק אויף די געלע זאַך: פון אַסאַך איבערמידונגען.

זיי זיינען אַריינגעגאַנגען, זיי האָבן פאַרשלאָסן; די פיר־ענגלעך האָבן פאַרשטעלט די פענצטער. ליכט איז געקומען נאָר פונעם איינגעהייצטן אויוון. נאַסטאַסיע וואַרפט פון זיך אַליץ אַראָפּ אויף דער גיך. אוצא אַנינעאַסקאַ האָט אַרויסגע־שלעפּט פונעם קאַסטן טריקענע וועש. זי האָט זי איינגעהילט אין אַ פּעלצל. זי האָט זיך איינגעקאָרטשעט אויף אַ נידעריק בענקל נאָענט צום פלאַם.

— אָט אַזוי, דער מאַמעס טעכטערל, דערוואַרעם דיך און דערצייל. דערצייל און איך וועל דיר צוגרייטן עפּעס צו עסן.

— כ׳בין נישט הונגעריק.

— דו דאַרפסט אָבער האָבן כח צו דערציילן.

— כ׳האָב נישט וואָס צו דערציילן, כ׳האָב נישט וואָס צו ריידן. כ׳האָב אים געזען און דאָס איז אינגאַנצן.

— דו האָסט אים געקושט פון מיין זייט?

— ווי טייערינקע, כ׳האָב פאַרגעסן. זי האָט געלאַכט און האָט זיך אַראַנזשירט די האָר ביי די שלייפן. אונטערן טיכל, ביים לינקן אויער, האָט זי נאָך געהאַט, אַ פאַרוויאַנעטע בלום, די בלום פון יענער שעה צו וועלכער זי דענקט איצט אויך מיט אַזויפיל ליבע.

— האָסט געזאָגט אַז ער איז קראַנק.

— יאָ. ער האָט געזאָגט אַז ער איז שוין געזונט.

— נישט אַזוי גיך וועט ער צו זיך קומען נאַסטאַסיע. ס׳איז אים בעסער געוואָרן ווען ער האָט דיך געזען. כדי ער זאָל זיך קאָמפּלעקט אויסהיילן דאַרף ער האָבן לעבער פון אַ שוואַרץ יונג קעלבל דריי מאָל אין דער וואָך און אַ געוויסן טיי דריי מאָל אין טאָג. ס׳מעג זיין פון אַ ווייס קעלבל, נאָר לעבער זאָל זיין.

— איך ווייס נישט טייערינקע, אויב ס׳איז מעגלעך צו באַקומען אין מלחמה צייט אַליץ וואָס ער דאַרף האָבן? ער האָט געזאָגט אַז זייט אַ שטיקל צייט איז אים עפּעס בעסער.

די דאָקטוירים ראָטן אים מ'זאָל אים שיקן אין שפּיטאָל אריין. ער וויל נישט! לאָמיר זיך קודם דעקן דעם חוב, זאָגט ער. מיר גייען פאָרויס. נאָכדעם וואָס מיר וועלן ענדיקן, וועל איך מיך אומקערן צו אונדז קיין מאַלו־סורפּאַט; איך האָב דאָרטן א חשבון, זאָגט ער.

די אנינעאַסקאַ האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, און האָט גע־קוקט גלייך אין די פלאַמען אריין.

זי האָט שטיל געזאָגט:

— לאָמיר אים קודם דאָ זען געזונט און איר זאָלט חתונה האָבן. עפּעס אנדערש האָסטו נישט מיר מודה צו זיין?

— ניין טייערינקע.

די אנינעאַסקאַ האָט זי אָנגעקוקט נישט מיטן גאַנצן אויג. נאַסטאַסיאַ האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן. זי האָט מורא געהאַט פאַר יענע ברעמען ווי די פּיאַווקעס.

ס'איז געווען אזא עולם אינעם צוג... ס'איז נישט געווען וואו אנידער צו ווארפן א שפּילקאַלע; כ'האָב עס כמעט נישט געקענט אויסהאַלטן. טראָץ דעם, האָט מען מיר געמאַכט פּלאַץ.

— לאָז דאָס אָפּ מיידעלע. ביסט געפאָרן און ביסט געקומען און פאַרטיק. איצט זאָג מיר אויב דו האָסט דיך דערוואַרעמט. דו פילסט דיך גוט?

— יאָ טייערינקע.

— דו וועסט שלאָפן די נאַכט דאָ. האָסט געקלערט מאָרגן צו גיין אין דער מיל אריין?

— כ'האָב נישט געקלערט, איך וועל אָבער גיין; כ'האָב נישט קיין ברירה.

— ווייסט דו, מיידעלע, וואָס פאַר א איבערקערעניש ס'איז געוואָרן נאָכדעם ווי דו ביסט אַוועקגעפאָרן? מ'האָט געמאַכט אויספאָרשונגען, מ'האָט דיך געזוכט אין די ברונעמס, אין די זומפּן פון דער ליסע, גיצע לונגו האָט געקאָכט. דאָס דאָרף האָט אים חושד געווען: אים און דיין שוועסטער.

דאָס מיידל האָט בייזוויליק געלאַכט, מיט אירע ווייסע ציינדלעך:

— ווען מיטרעאַ איז געוואויר געוואָרן אויף וואָס פאַר א אופן כ'בין געפאָרן, האָט ער באַלד געוואוסט אז ס'וועט ווערן

א רעוואָלוציע אין דאָרף. ער האָט אויך געזאָגט אז ס'איז נישט גוט מ'זאָל וויסן פון אונדזער באַגעגעניש. כדי ס'זאָל דערפון נישט אַרויס אַנדערע זאַכן.

— כ'פאַרשטיי.

— ר'האָט געזאָגט כ'זאָל דערציילן וויאַזוי כ'האָב מיך אָפּגעשטעלט אין בוקאַרעשט, כדי כ'זאָל מיך ווענן אים איגטערעסירן, ווייל כ'בין זיין כלה; כ'זאָל געוווּיר ווערן צו ער איז געשטאָרבן, צו ער לעבט און וואו ער איז. אז כ'בין געווען ביים קאָמאַנדאַמענט פון דער דיוויזיע, די גאַס וויים איך נישט וועלכע: כ'האָב פאַרגעסן ווי זי הייסט. אז כ'בין געוווּיר געוואָרן אז ער לעבט: און דערנאָך האָב איך מיך אומגעקערט.

די אַנינעאַסקאַ איז איינשטימיק געווען דערמיט, און האָט זי לאַנג אָנגעקוקט:

— לעת עתה איז גוט אַזוי.

— זיי האָבן נאָך גערעדט; זיי האָבן געפּלאַפּלט ביז שפּעט אין דער נאַכט. אוצאַ האָט געלייגט שלאָפן איר פּלימעניצע, האָט זי גוט צוגעדעקט, און האָט געוואַרט זי זאָל אַנשלאָפן ווערן. נאָכדעם וואָס די הענער האָבן געקרייט אין דער האַלבער נאַכט, איז זי אויפגעשטאַנען, זי האָט זיך שטיל דערנעענטערט אַנבייגנדיק זיך. זי זאָל הערן דאָס אָטעמען פונעם מיידל.

זי האָט זיך אָנגעטון מיט גוטע קליידער גאַנץ פרי. ס'האָט נאָך גערעגנט. זי האָט געלאָזט נאַטאַסיאַן שלאָפן. זי האָט זי אַליין פאַרשלאָסן אין דער שטוב און איז אַרויסגעגאַנגען אין דאָרף אַריין, אין א האַלבער שעה אַרום האָט זי געבראַכט דעם פּלוטאָניער דאַנציש.

דאָס מיידל האָט זיך אָפּגעוואַשן און זיך צוגעקעמט. זי האָט זיך אַראַנזשירט די קליידער, וואָס האָבן זיך אויסגעטריקנט ביים פייער.

ווען זי האָט דערזען דעם זשאַנדאַרם האָט זי זיך דערשראָקן. אוצאַ אַנינעאַסקאַ האָט איר געמאַכט א סמן זי זאָל זיך בארויקן.

דאַנציש האָט איר געזאָגט גוט מאָרגן, נאָר האָט זי שטרענג אָנגעקוקט.

— וואו ביסטו מיר געווען נאַכטאַסיע?

דאָס מיידל האָט אביסל אויסגעדרייט דאָס פּנים, מיט באַ־האַלטענע אויגן. וויאַזוי ער רעדט עס מיט איר? דער האָט דאָך א קלענערן גראַד ווי מיטרעא.

זי האָט געזאָגט מיט שטאָלץ:

— כ'האָב נישט גוט געהערט.

די אַניגעאַסקאַ האָט זיך געוואָלט מאַכן דעם צלם, פאַר דער־שטוינונג. זי האָט זיך געגעבן נאָר א קלאַפּ איבערן מויל, און זיך איינגעהאַלטן זי זאָל נישט אויסברעכן אין א געלעכטער. זי האָט באַגעגנט דעם פּלוטאָניערס בליק און האָט אים געענטפערט מיט א ווינק. דאַנציש האָט אויך דעמזעלבן אופן געענט־פערט. ער איז געווען א שמעקער פון אַמאַדיאַ. זיינע ברידער זיינען אומגעגאַנגען מיט די קוישן אין בוקאַרעשט.

— וואו ביסטו געווען, פריילין נאַסטאַסיע?

— ביז קיין בוקאַרעשט, כ'זאָל געוויר ווערן פאַרשיידענע זאַכן.

די אַנינעאַסקאַ מישט זיך אריין:

— איך האָב שוין געזאָגט דעם הער פּלוטאָניער.

דאָס מיידל האָט אין זיך געפילט א שוווּנג. זי וואָלט חשק געהאַט צו ריידן, אזוי ווי מיטרעא האָט זי געלערנט. דער זשאַנדאַר האָט זי אָפּגעשטעלט:

— ביטע, ביטע, מ'דאַרף שוין נישט. כ'האָב שוין פאַר־שטאַנען. אָבער ס'איז גישט געווען אַנשטענדיק דאָס וואָס דו האָסט געטון, פריילין. זאָלסט פּלוצעם פאַרשווינדן, אָן קיינעמס ווּיסן. כ'האָב געמיינט אז ס'איז געווען א פאַרצווייפלונגס פאַל אָדער עפּעס נאָך ערגער. מיר האָבן דיך געזוכט אין די ברונעמס און אין דער ליסע. כ'האָב געשריבן אויך קיין צי־גאַנעשט.

דאָס מיידל האָט זיך געוואונדערט, מיט גרויסע און אומ־שולדיקע אויגן. די אַניסעאַסקאַ האָט זיך ווידער אריינגעמישט:

— נאָכדעם ווי מיטרעא וועט זיך אומקערן פון דאָרט וואו ער מאַכט זיך זיין חוב, וועלן מיר איך און מיין ברודער מאַ־נאָלע ראַשיאָרו זיין זייערע אונטערפירערס.

דער פּלוטאָניער-מאַזשור דאַנציש האָט אויסגעוויזן ווי ער וואָלט זיך געפרייט.

— גוט. גוט; אויב אַזוי לאָמיר עס לאָזן אַזוי פאַרפּלאָנ־טערט. מיר זיינען אַלע אַרוים פון די כּלים; מיר האָבן זיך אָנגעצינדן, אַ גליק וואָס ס'איז געקומען דער רעגן און האָט אונדז אָפּגעלאָשן. ס'האָט רוהיש געדענגט. לויט ווי איך פאַר־שטיי, ווייסט נאָך גיצע גאָרנישט.

— ס'קען זיין... האָט זיך דאָס מיידל אויסגעשפּיצט דאָס מויל.

— ער ווייסט נישט, האָט באַרויקט די אַנינעאַסקאַ דעם מאַכט-מענטש, מיט אַ שמייכעלע.

— אויב אַזוי גיי איך אים זאָגן. כ'האָב אויך אַנדערע זאַכן, מיט אים.

— גוט. איר ווייסט שוין וויאַזוי און וואָס מיט אים צו ריידן.

— אודאי ס'פאַרשטייט זיך. ער זאָל דאָס מיידל צורו לאָזן; גוט וואָס זי האָט זיך אומגעקערט; לאָמיר פאַרגעסן.

— דער פּלוטאָניער־מאַזשור דאַנציש איז אַ קלוגער אַלטע־נער, האָט געזאָגט צו איר די אַנינעאַסקאַ אויסדרייענדיק זיך צו איר פּלימעניצע.

— די פּלימעניצע האָט גלייכגילטיק געשמייכלט, אַראָנ־זשירנדיק זיך די פאַרוועלקטע בלום אונטערן אויער.

XVII

נאסטאסיא האָט זיך אומגעקערט צו דער מיל פול מיט צוטרוי, גלייך ווי ס'וואָלט אין איר געוואקסן א בלום. אָבער די בלום פון פרייד איז באלד פארוויאנעט געוואָרן, ווייל ס'האָט איר געפעלט די זון וואָס האָט זי דערנערט. גיצעס פיילנבויגנדיקע אויגן מיט די בלוטיקע הייטלען האָבן אויף איר געלויערט: איר שוועסטער סטאנקא האָט קוים באהערשט אירע באהאלטענע נעגל. די אינדערפריען האָט זי פארבראכט רוימנדיק און העלפנדיק אין דער קיך, אזויפיל וויפל זי האָט גערעכנט אז עס באטרעפט דאָס עסן און די דירה וואָס זי האָט באקומען. זי האָט שוין מער נישט געטראכט צו איר רעכט אויף די נדן פּאָגאָנעס. יענע זיינען געווען אין גיצע לונגום רשות, וואָס ליגט אויף זיי ווי א בער וואָס רייסט שטיקער פון זיין קרבן. זיי ארויס צו באקומען פון זיינע לאפעס וואָלט קיינער נישט געקאָנט. לויט איר מיינונג, וואָלט נאָר מיטרעא געווען בכח: אזוי איז יענער מאן געוואקסן און פול געוואָרן; ס'איז געווען גענוג זאָלסט אויף אים א קוק טון, וועסטו באלד דערקענען אז ער איז א יונג מיט ביינער, אזוי ווי ס'האָט געזאָגט די אלטע, קיצע טריגלעא. די באבע האָט

שוין לאנג דערזען אין אים דעם כח וואָס האָט זיך איצט אנטוויקלט. נאָך אין דער צייט ווען ער איז געלעגן אין די דראָפּיעס, אין א הארבסט, א דערהרגעטער, און בייגעקומען דעם טויט.

די נאָכמיטאָגן זיינען געווען אסך רויקער פארן מיידל ווייל זי פלעגט זיך צו כאפּן, מיטן שפּינען אָדער מיטן האקלען ביז צו דער אנינעאסקא. זי איז ווידער גליקלעך געוואָרן אין דער דאָזיקער צייט פון שמועסן און דערציילונגען. ס'זיינען געווען רויקע טעג פון סוף סעפּטעמבער; דער הימל, בלויער קריסטאל; די קראניכן האָבן געקלאָגט פליענדיק צו מזרח צו. נאסטאסיא האָט זיך פאָרגעשטעלט אז יענע קראניכן קומען פון דאָרטן וואו מענטשן שלאָגן זיך און שיסן איינס ס'אנדערע דערהרגע־נענדיק זיך. זי האָט אין דער שטיל געבעטן וועגן איר מי־טרעאן: אן אויגנבליק האָט זי גישט געטראכט אז ס'קען גע־שען ער זאָל זיך נישט אומקערן אהיים, קיין מאלו, אזא מענטש ווי ער: נישט אזוי ווייל ער איז לייטיש, נאָר איבער־הויפּט ווייל ער איז איר ליב. ווען ס'האָבן אָנגעהויבן צו גיין די אָקטאָבער רעגנס זיינען אירע נאָכמיטאָגן טרויעריק געוואָרן. זי האָט אָפּגעצערט. אוצא האָט אויף איר לאנג געקוקט.

— וואָלסט מיר, געקאָנט פייגעלע דער מאמעס, זאָגן, וואָס ס'איז מיט דיר...

זי האָט אראָפּגעלאָזט דאָס באצירטע פּנים מיט די צעפּ און האָט זיך איינגעהאלטן די טרערן. ס'האָט זיך איר געדאכט, זי איז אָבער נישט געווען זיכער אז ס'האָט זיך פארזייעט אין איר א קינד. זי האָט אויסגעמישט די מינוט פון טרויער מיט דער פרייליכער דעריגערונג. די ווילע פון טרויער און די שרעק פאר אירע ברידער־מענטשן איבערהויפּט די שרעק פאר איר שוועסטער סטאנקא און פאר גיצען, אונטער וועמענס רשות זי האָט זיך נאָך געפונען.

פארן מילנער, איינגענומלעך, איז נאסטאסיע געווען נישט אזא שפּיציקער דאָרן ווי די נייע זאָרגן און צרות וואָס זיינען אויף אים פּלוצעם געקומען אָנהויב הארבסט.

ערשטענס איז פון אים אוועק פראנץ דער מעכאניקער. אזוי סתם אָן א פארוואָס איז דעם דייטש איינגעפאלן אוועק

צו גיין. און גיצעס וויסן האָט ער אויסגעלײדיקט דעם „צוויטן־מאָל־שטייער״ און האָט אפשר באַצאָלט די חובות וואָס ער איז דעם שענקער שולדיק געבליבן. גיצע איז געוואָרן גרין און געל, ער האָט אָנגעכאַפּט דעם דייטש פון פאָרנט; ער האָט זיך אָנגעקלאַפּט דעם נאַקן אין א סלופּ וואָס האָט ארויסגעשטעקט פונעם בוידעם פון דער מיל. ווען דער דייטש האָט אים געגעבן א שמיץ צוריק, שעלטנדיק אויף זיין לשון מיט קריצנדיקע ציין; ער האָט אים גאָרנישט געקאָנט טון: דער דייטש האָט אים געדראָעט אז ער גייט אין דער פּרימאריע אים מסרן וועגן די גנבות וואָס ער האָט געמאכט אין דער מיל. ווען די מענטשן האָבן אויסגעלײדיקט די זעק אינעם ליידיקן קויש איז א באַשטימטע צאָל תבואה אריין אין א באהאלטענער שמאָלער רינווע וואָס האָט געהאט א פארבינדונג מיטן קויש אזוי ארום אז דער צוויטער־מאָל־שטייער איז געווען א שווינדלערישער עודף פונעם געווינטלעכן מאָל־שטייער. גיצע האָט געלאָזט גיין דעם געמיינעם שופט צו אלדע שווארצע יאָר, ער האָט זיך שוין מיט אים נישט געשטעלט; ער האָט אים געלאָזט אוועקגיין. פראַנץ קראַנץ איז אוועק בגנבה, מ׳האָט אים שוין דאָרימער נישט מער געזען. עטלעכע טעג נאָך דעם געשעעניש איז געקומען פונעם אינערן מיניסטעריום, א געהיימער באַפעל, וואָס דער גאַנצער עולם איז באלד געוווּיר געוואָרן, אז „דער דערמאנטער פראַנץ קראַנץ זאָל באלד ארעסטירט ווערן״ ווייל ער איז מן הסתם געווען א פארמאסקירטער שפּיאָן.

גיצע איז שיר נישט געפאלן פון די פיס! אָט גיי צו דער פּרימאריע און גיב אָפּ א דעקלאראציע. גיב אַן אנדערע דעקלאראציע אין דער זשאנדארם־סעקציע; זוך עצות אז האָבט גאָרנישט געוואוסט וועגן דעם שפּיאָנאזש, א סמן אז ער האָט אפילו נישט געוואוסט פון רעם עודף־שקאָצעריי. דערמלט איז דאָס גאנצע געשעפט אויפגעדעקט געוואָרן און דאָס גאנצע דאָרף האָט אָנגעהויבן צו זשומען. „שפּילנדיק דעם תם״ זאָגט צו גיצע די מענטשן אז ער וועט זיי שוין אָפּגעבן. וויאזוי? לויט דעם מאָל־רעגיסטער... דער רוח זאָל שוין וויסן פון דעם פראַנץ. דער רוח זאָל נעמען קראַנצן! ווער האָט געוואוסט אז ער רויבט די לייבאייגענע וואָס קומען מאָלן אין א מיל פון

אן ערלעכן קריסט! ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן אזא רויבעריי? ווען גיצע וואָלט אים געכאַפּט מיטן שווינדל צו דער צייט, וואָלט ער אים געגעבן איינס מיטן שטיין־האמער אז ער וואָלט אפילו קיין שוויפּטש געטון און וואָלט דאָס רומענישע לאַנד אָפּגעראַטעוועט פון אזא באנדיט, און פון אזא שפּיאָן. מ'דאַרף אָן א שום תּרוץ געפונען פּראַנצן, כדי ער זאָל וויזן וויאזוי ער האָט געגנבעט כדי מ'זאָל קענען נאָכפאָרשן אויב מיט אזא בכבודיקער פּרנסה האָבן זיך נישט באַשעפטיקט אויך אנדערע מילנער קאָנקורענטן פון דער געגנט.

ער, גיצע, האָט געהויבן די אקסלען, ער האָט פון גאָרנישט געוואוסט; זאָל אים גאָט שטראָפן אויב ער ווייסט פון עפּעס! צווישן די פּויערים זיינען אסך געבליבן מיטן חשד אז אלץ איז געטון געוואָרן מיט גיצעס וויסן; די מיל איז דאָך געווען זיינע און ס'קען נישט זיין אז דער בעל־הבית זאָל נישט געווען וויסן פונעם מעכאניקערס שווינדל. ווען מ'וועט אים געפונען און ברענגען צו דעם אָרט און שטעלן, וועט מען זען ווי דער דייטש וועט דעמאסקירן לונגון.

פּלוצעם האָט זיך גערעשט אז מ'האָט געפונען פּראַנצן. ס'איז געקומען א פרוי, אנא, לייו'ס אלמנה, דער וואָס די' וועלף האָבן אים אויפגעגעסן אין א שווערן ווינטער, אין די גריבער פון דער ליסא, דאָרט אויוון. איידער זי האָט אראָפּגעלאָזט פון דער פּלייצע דעם טייל פונעם זאק וואָס איז געווען אָנגעפולט מיט פּאָפּשויעס, האָט זי אויסגעשריגן פון דרויסן די בשורה. אין שטוב איז גיצע געפאַלן אויף א זייט ווען ער האָט אזעלכם געהערט. נאָך אנא לייו'ס, איז זאהאריא אדאם אויך געקומען, מיט א פּירל מיט א ווייסע שקאַפּע. סטאנקא די מילנערן איז ארויסגעקומען אויף דער שוועל א צעדולטע זי האָט זיך אויפגעשטאָפּט די אויערן, זי זאָל הערן צי זי האָט נישט שלעכט פארשטאנען. זאהאריא האָט אויך געשריגן:

פּעטער, מ'האָט אים געפונען, פּראַנצן. ער איז אראָפּגעפאַלן אויף א איינזאַמען קרומען וועג, ווען ער איז דורכגעגאנגען די בריק איבערן טייך פון ספּראוואל. עס ווייזט אויס אז ער איז געווען שכור. דאָס וואסער איז געווען טיף ווי די ברייט פון דער האַנט נישט מער, ער איז אראָפּ געפאַלן מיטן

קאָפּ פאָרויס און דאָס מויל איז אים פארקלעמט געוואָרן אין דער זאמדיקער בלאָטע. ער איז נאקעט; די הינט האָבן אים צעפּליקט. מ'האָט ביי אים נישט געפונען נישט קיין געלט און נישט קיין אקטן.

גיצע איז ארויסגעגאנגען פון דער שטוב אביסל אויפגע־לעבטער, כדי צו שטעלן אין באטריב די מיל. כאָטשבי אזויפיל איז אים געבליבן פונעם גנב. ס'זיינען געקומען מאָלן נאָך אנ־דערע בעלי־בתים. און א גאנץ רעדל האָט געשמועסט אונטערן בוידעם פונעם שטאל. די פערד האָבן געריזעט לעבן די וועגן און פון צייט צו צייט האָבן זיי אויפגעהויבן די קעפּ; אייניקע האָבן געגאָסן און אנדערע האָבן געקוקט א ווײַלע גלייכגילטיק צו אזא ריידעווודיק, און צעפלאקערטן עולם.

— וואָס זאָגסטו, לונגו, צו אזא געשיכטע?

— וואָס זאָל איך זאָגן, ברידער? גאָט האָט אים באצאָלט לויט זיינע מעשים. ער האָט מיך, ברידער, גרוי געמאכט. כ'האָב שוין נישט געקענט שלאָפן ביינאכט. אזוי איז אים גע־ווען אָנגעשריבן — פאר דער ליידנשאפט וואָס ער האָט גע־האט ער זאָל פאלן פון די פיס און דערשטיקט ווערן אין א דאָניצע מיט וואסער. כ'בין דאָס געוויר געוואָרן פונעם פעטער זאהאריא...

סטאָיקא טשערנעץ איז נאָר וואָס אראָפּגעקראָכן פונעם וועגאלע און האָט געהערט די ווערטער וואָס דער מילנער האָט אויסגעהוקעט. ער איז געקומען צו דער באראטונג מיט דער בייטש אין דער האנט.

— וואָס האָט דיר זאהאריא געזאָגט, דו גיצע לונגו, דו?

— אז מ'האָט געפונען מיין קראנצן א דערטרונקענעם און א צעפּליקטן. האָסט נישט געהערט?

— יאָ כ'האָב יאָ געהערט ביי די זשאנדארן. פון דער שטאָט זיינען געקומען דער פּראָקוראָר און דער דאָקטער. זיי זיינען געקומען קאָנסטאטירן, און איצט האָבן זיי זיך אומגע־קערט. דעם דייטש דיינעם האָבן זיינע דייטשן געשאָסן, די פארבלאָנדזעטע וואָס האָבן זיך איינציקווייז געפונען דאָ און דאָרטן. זיי האָבן אים אוועקגעלייגט; אים צוגענומען דאָס געלט, פּאפּירן: און זיינען עוקר געווען. איר האָט מן הסתם

געהערט פון די אנטלאָפענע דייטשן וואָס מ'האָט זיי פריער מיט צוויי טעג געכאַפּט. יענע האָבן באַגנבעט; יענע האָבן געהרגעט פראַנץ קראַנצן. מ'האָט זיי אפילו נישט געפרעגט זיי האָבן אליין מודה געווען.

די בהמות און די מענטשן האָבן אויסגעהערט טשערנעצעס ידיעה מיט געגנוג גלייכגילטיקייט. גיצע לונגו איז געבליבן שטיין א ווײַלע א פאַרקלערטער, מיט די ליפּן צונויפגעצויגן ווי א בהמהוואטער פּיסק. דער ווינט האָט געקלינגען אין די שאָלן פון די צוויי גאַקעטע אקאַציען־ביימער פון דער מיל און האָט געשפּריצט מיט שניי קערנדלעך. טשערנעץ האָט צוגע־שלעפּט דאָס פּירל אונטערן דאַך און האָט אויסגעשפּאַנט, מיטן קאָפּ אויסגעדרייט צום שטאַל און מיט אן אופמערקזאַם אויער צו דער פאַרזאַמלונג.

— נו, וואָס זאָגט איר דערצו! האָט ער געפרעגט אָפּ־סניי. ס'איז שוין אמאָל ארויפגעפאַלן אויף גיצע לונגון א בלבול דעם זומער, און ס'האָט זיך ארויסגעוויזן אז ער איז נישט שולדיק כאָטש ער נעבעך איז געווען בלאָ פון פאַרביטערטקייט. איצט דאָס צווייטע. דאָס מאָל איז ער אויך נישט געווען שול־דיק. קראַנצן האָבן אומגעבראַכט יענע אנטלאָפענע דייטשן. זיי האָבן געוואוסט אז ער איז אנטלאָפן פונעם מיליטער.

— אָך אָך! האָט זיך פאַרסאַפּעט דער מילנער צענעמנדיק די אָנגעבלאָזענע ליפּן; גוט האָבן זיי געטון!

טשערנעץ וואונדערט זיך:

— פאַרוואָס, דו גיצע לונגו, דו? איז ער דען אויך נישט געווען א אָרעמער מענטש, וואָס איז אנטלאָפן פון דעם אויפ־געצווינגענעם קריג? אונדזעריקע וואָס האָבן מיט זייערע קער־פּער אָנגעפולט די רוסישע פעלדער האָבן געוואָלט מלחמה? ווער וויל?

— מיין דייטש איז געווען א באַנדיט. ער האָט מיך פאַ־ראַרעמט.

— קוק צו מיר, גיצע לונגו, און חזר איבער די ווערטער.

די מענטשן האָבן ארויסגעשטשורעט די ציין ארום דעם מילנער.

אנא דעם נאר׳ם האָט אויסגעבראָכן אין א הירזשענדיק געלעכטער.

— ער האָט מיך אָרעם געמאכט, ער האָט מיך אָרעם געמאכט!... האָט זיך געקלאָגט דער מילנער. אויפהייבענדיק ביז צו די אויערן די נעגל פון די פינגער.

— ער איז רייך געוואָרן?

— ער איז נישט רייך געוואָרן, מיך אָבער האָט ער בדלות געשטעלט.

— אָבער, נישט דערפאר האָבן זיי אים געשאָסן, זיי האָבן אים געשאָסן פאר דער מלחמה זייערער. א בלוטיקע נאציע! ווען זיי זיינען ס׳פאָריקע מאָל געקומען אהער, אין דאָרף אָדער אין הויף אריין, האָבן זיי אויסגעוויזן אז זיי זיינען מענטשן גלייך ווי מיר. וואָס האָבן געטון די פארשאָלטענע, סיי ביי אונדז סיי אין אנדערע ערטער וואו זיי זיינען געווען! ביי די סערבן, אין פוילן, ביי די פראנצויזן און ביי די אלע וואָס זיי האָבן פארכאפט... זיי האָבן גערויבט, פארברענט, געלייגט דינאמיט; האָבן געמאכט פויקן פון יידישער הויט. אזא פארוויסטונג און אזא טרויער האָט זיך נישט געהערט זייט די צייטן פון די טאָטערן, וואָס האָבן אויפגעהאנגען די קישקעס פון די לייבאייגענע אויף די פלייט.

— א שטארקע נאציע... האָט זיך פלוצעם אויפגעכאפט דער מילנער.

— פארוואָס, דו גיצע לונגו, דו?

— כ׳וועל דיר זאָגן פארוואָס: דער שטארקער נעמט מיט געוואלד, פונקט ווי דער קליגער נעמט מיט חכמה.

— דו גיצע לונגו, דו, דאָס איז אפשר דיין געזעץ? נאָכדעם וואָס אונדזערע עלטערן האָבן געליטן, און מ׳האָט אונדז פארוויסט די דערפער, און ס׳זיינען איבערגעבליבן אזויפיל אלמנות און אלטע אָן קיין שום שטיצע, וואגסטו צו לויבן די דייטשן?

— ווייס איך? איך, נאָר מיט מיינעם, האָב איך מיך נישט געקאָנט איינפארשטיין. היטלערס חברה האָבן מיר אויסגעוויזן גאנץ לייטישע.

— וואָסזשע, דו גיצע, דו האָסט נישט געהערט אויף וויפל די וועלט האָט זיך געביטן? ס'איז אוועק די צייט פונעם שטאַרקערן און פון געוואַלד. אין רוסלאַנד, נאָכדעם וואָס דאָס באַיאַרנטום און דעם ראַבינִיק איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, איז טאַקע אַרויס די גערעכטיקייט פאַרן אַרבעטס מענטש. ווער ס'אַרבעט עסט, ווער ס'אַרבעט נישט עסט נישט. מיטפילן מיטן אַרבעטער, דו גיצע לונגו, דו — וואָס ברייט זיך אין דער היץ און דער שטורעם־ווינט שמאַרצט זיינע מאַזאָלידיקע הענט, דאָס איז דאָס נייע געזעץ. דאָס האָבן געמאַכט די באָלשעוויקעס. די דייטשן רעגירן מיט געוואַלד, די דאָזיקע מיט גערעכטיקייט. מיט זייער גאַנצן כח, שלאָגן די דאָזיקע און צעהאַקן די דייטשן, ווייל ס'האָבן זיך אויפגעהויבן אונטער דער אָנפירונג פונעם רוס הונדערט פעלקער; און עס שלאָגן זיך הונדערט פעלקער, דו גיצע לונגו, פאַר דער גערעכטיקייט וואָס זיי האָבן דעראָ־בערט. זיי האָבן די דייטשן פון אונדז אויך אַרויסגעיאָגט. ס'קומט אויך פאַר אונדז די צייט מיר זאָלן זיך אָפּשאָקלען פון דער קללה און וועלכער מיר לעבן.

— פאַרקערט, האָט זיך אופּסניי אויפגערעגט גיצע, ריכטיק איז אַז דער טויגער זאָל פאַרדינען און דער אָרעמער זאָל אים אַראָפּשלעפּן די שטיוול.

טשערנעץ האָט געגעבן אַ קנאַל מיט דער בייטש אויפן באָדן.

— אַ טויגער, איז מן הסתם דער בעל־הבית פון האַדזשיו? האָט ער געפרעגט און האָט נאָכאַמאָל געגעבן אַ קנאַל מיט דער בייטש. איך האָב קיינמאָל נישט געזען אַז אַ גרויס פאַרמעגן זאָל אויף אַן ערלעכן אופן צונויפגעשטעלט ווערן. דער דריי־נאָזיקער ליגט נישט צו קיין האַנט, רירט נישט אָן קיין רודל די קנעכט אַרבעטן וועגן זיינעט וועגן. ער עסט און די קנעכט הונגערן, ווייל אונדזער אַרבעט איז נישט געבויעט אויף גערעכ־טיקייט נייערט אויף שפּעקולאַציע. קוקט נאָר אָן דעם שטומען גיצע.

אינדעראַכתן האָט זיך דאָרט געפונען אַן איינגעקאָרטשע־טער, אַ דערנידעריקטער פויער וואָס האָט געהאַט דאָס קאָליר פון דער ערד אויף וועלכער ער איז געשטאַנען, צעשויבערט ווי אַ שטעכער, מיט קיילעכדיקע אויגן, דערשראָקענע. מ'האָט אים

גערופן דער שטומער, ווייל ער האָט נישט ארויסגערעדט קיין וואָרט שעהן ווייַן.

— קוק אים אָן דעם שטומען ניצע, האָט ווייטער גערעדט טשערנעץ. ער איר געלעגן אין קנעכטשאפט, כדי ער זאָל קענען האָדעווען די קינדער. דו ניצע, האָסטו געהאט א פריילעכע מינוט זייט דו ביסט אויף דער וועלט?

— כ׳האָב נישט געהאט... האָט דער שטומער געכריפּעט, פון די טיפעניש פון זיינע ליידן, גלייך ווי פון דער טיפעניש פון דער ערד.

עמעצער האָט געפרעגט לאַכנדיק:

— אויך נישט אין יענעם פרילינג, דעמלט, ווען דו ביסט אויך געווען אין בליענדיקן אלטער?

דאָס גרויע געשפּענסט האָט געשוויגן, פארטיפט אין דער תפיסה פון זיין נשמה.

— דער איז איינער, איז טשערנעץ באגייסטערט געוואָרן. מיר זיינען אסאך ווי ער. דער דאָזיקער ניצע האָט אויסגעהאָדעוועט פינעף קינדער, זיי זיינען אים אומגעקומען אין דער מלחמה. דאָס ווייב איז דערפון אראָפּ פון די געדאנקען ס׳דאכט זיך איר אויס אז זי זעט די אומגעקומענע קינדער ווי הינדעלעך מיט פעדערלעך. זי רופט זיי: „קומט צו דער מאמע” און זי באשיצט זיי מיט די אָרעמס ווי א קוואָטשקע... און דער ברודער דיינער דו גיצע לונגו, דו, איז געווען צי איז ער נישט געווען אזויפיל יאָר א קנעכט אין האדזשיו, גע־שלאָפן אויף דער ערד, געווינטערט א נאקעטער? געגעסן, אָבער קיינמאָל נישט זאט געווען? און שיר שיר האָט אים באגלייט דער טויט...

— ווייל ער איז געווען א שוטה, האָט גיצע ברוגז גע־וואָרטשעט. ער וואָלט געקענט רייך ווערן... דו וואַרטסט אז אין גיכן זאָל זיך דער לא יצלח, דער ברודער מיינער זיך אומ־קערן; ער האָט אויך א שארפע צונג: איר וועט זיך ביידע פאראייניקן און מאכן א פארטיי.

— צו וואָס דארפן מיר מאכן א פארטיי, זי איז שוין פאראן: די ארבעטער פארטיי.

אלץ וואָס דו האָסט מיר געזאָגט האָסטו אויסגעלערנט ביי

דעם ברודער דיינעם דעם קעסל־מאכער, האָט דער מילנער גע־בעבעט. דו ווילסט אז די מלוכה אָנגעלעגנהייטן זאָלן אָנגעפירט ווערן פון יענע מיט די האמערס ?

— יאָ, האָט מיט באגייסטערונג מסכים געווען טשערנעץ: יענע מיט די האמערס זאָלן קלאַפּן ביז צו די שטערן, און יענע מיט די אקער־אייזנס זאָלן אקערן ביז צו די טויערן פון גן־עדן.

— און ס׳זאָלן ווערן מיניסטאָרן די וואָס זיינען געלעגן אין די תפיסות ?

טשערנעץ האָט איצט גערעדט רויק:

דאָס האָסטו אויך נישט געהערט, דו גיצע; אז זיי זיינען ארוים פון די תפיסות און האָבן איבערגענומען די מאכט... מיר וועלן זיך אויך אָפּשאָקלען פון די צרות, ס׳וועט אויפשיי־נען די זון אויך פאר יענע וואָס ס׳איז זיי מער נישט געבליבן ווי אויגן אויף צו וויינען...

גיצע האָט זיך געשטיקט און איז געווען אָנגעבלאָזן. דער־נאָך האָט ער זיך אויפגעבלאָזן, זיפּצנדיק לאַנג.

— איך מיש מיך נישט, האָט ער אויסגעשטשורעט די ציין פארקרימענדיק זיך; איך בין א מילנער און ס׳איז געקומען די צייט ווען איך דארף אין וועג געבן די שטיינער. כ׳זאָל אייך מאכן מעל. און פּאָפּשוי־מעל.

דער מאָטאָר האָט אָנגעהויבן צו שיסן צום גרויען הימל, דורך דעם פאַרשטארקטן ווינט, דורכן שניי און רעגן וואָס האָט זיך צעשיט. די מיל האָט געמאָלן קערנדלעך און די מענטשן רייד. זיי זיינען געווען אויפגערעגט און ס׳האָט זיי הנאה געטון דער־פון וואָס זיי האָבן געהערט פון טשערנעצן. זיי האָבן געוואוסט אז די סאָוועטישע ארמייען, מיט וועלכע ס׳זיינען אויך געווען פארברידערט אונדזערע, דרינגען אריין אין דער נאָרע פון יענע וואָס האָבן זיך געלאָזט ווי הונגעריקע וועלף אויף דער מענטש־הייט. אין דער צייט ווען די דייטשן זיינען געשטאַנען אויף אונדזער קאָפּ, זיינען די סוחרים געווען נאָך גיריקער, מיט די איינגעגטימער און מיט די פאבריקאנטן האָט מען נישט געקענט ריידן. ס׳איז גוט אז מ׳זאָל אראָפּמאָרדעווען די וואָס גיבן זיך נישט אונטער, אזוי ווי טשערנעץ ווייזט אָן, און ס׳איז נישט

שלעכט וואָס יענע וואָס האָבן געליטן און די תפיסות פאַר גע־רעכטיקייט האָבן אצינד אָנגעהויבן אָנפירן דאָס לאַנד — זיי זאָלן פאַרהינדערן די ליידן פון די קנעכט פון די פאַבריקן און פון די פעלדער.

אין א זייטיקן גרוב, האָבן די פרויען אָנגעצינדן א פייער פון טרוקענע צווייגלעך. די וואָס האָבן געוואַרט אויף דער ריי האָבן זיך צונויף גענומען אין א רעדל, די פלאַמען זאָלן זיי באַטש דאָס פנים גלעטן. ווייל פון הינטן האָט זיי אַלץ גע־שמיסן דער אייזיקער פונעם ווינט. אינעם פייער פליגל־געראַנגל האָבן זיי אָפּגעלט אויסגעוויזן אז זיי ווערן מענטשן ווי איך און ווי איר, אויך אנא די בעלעמער און ניצע דער שטומער.

אָבער אויף גיצען האָבן זיך געשיט מער צרות ווי מאָל־שטייער. נאָכדעם וואָס ס'האָט זיך געענדיקט דאָס מאָלן און די מענטשן זיינען אוועקגעגאַנגען, איז סטאַנקא ארויס פון דער שטוב און אים באַפאַלן. זי האָט געשריגן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן; זי האָט געעפנט אזא מויל, אז דאָס געשריי אירס האָט מער נישט געהאַט קיין קלאַנג. די זאַווערוכע האָט געשמיסן איר פנים און איר אָנגעפולט דאָס מויל. זי האָט גיצען געשלעפּט אין דעם צימערל לעבן דער מיל.

— זאָלסט וויסן, גיצע, אז זי איז צו צו מיר מיט די נעגל מיר אויסגראַטשן די אויגן.

— ווער? די שוועסטער דיינע?

— מיין שוועסטער! וואָס דען אן אנדערע? די הענט זאָלן איר אָפּגעדאַרט ווערן און די ניינקעפּיקע ווערם זאָלן זי צעפרעסן.

די מילנערן האָט זיך מיט אמאָל אָפּגעשטעלט, אָנקוקנדיק דעם מאַן אירן פאַרוואונדערט. גיצע איז נישט אויפגעשפּרונגען און האָט נישט אויסגעגלאָצט די אויגן. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, מיט די דלאָניעס זיך צוגעהאַלטן די אויערן ווי אין א שרעקלעכער זאַווערוכע.

— וואָס איז מיט דיר, גיצע?

— גענוג, וויים ווייניקער. כ'האָב געכאַפּט אזויפיל קלעפּ... דערלאַנגט איר מיר אויך, און זאָל עס זיך שוין אמאָל ענדיקן! זאָג: וואָס איז געשען?

סטאַנקא האָט זיך ווידער אָנגעצינדען; אָבער גיצע האָט זי

אזוי אומגליקלעך אָנגעקוקט, אז דער אימפּעט אירער האָט זיך אָפּגעטון פון איר.

— פריער מיט צוויי טעג, ווען כ'האָב איר איבערגעקוקט די קליידער ווען זי איז געווען ביי דער אנינעאסקא, — ס'זאָל נישט שטארבן אסאך פאר יענער אויך! -- האָב איך געפונען אין איר קוצעפּייקע א בריוול.

— און דו האָסט עס געלייענט? האָט זי גיצע געוואָלט פריילעכער מאכן.

— כ'וואָלט געוואָלט לייענען, האָט זיך באליידיקט סטאנקא, ברוגז פון דער חכמה. כ'זאָל אויך וויסן וואָס פאר א סודות זי האָט, די כאבעמעס, ווייל מיר זאָגט זי גאָרנישט. אלץ רעדט זי מיט דער אנינעאסקא.

— וואָס זאָל זי דיר זאָגן? איר לעבט דאָך ווי דער הונט מיט דער קאץ.

— כ'לעב אין שטוב מיטן שונא, גיצע; כ'האלט אין בוזעם די שלאנג. און גיב מיך א כאפּ צו צו דער גלחטע. „טייערע גלחטע, זאָג איך, כ'וואָלט געוואָלט וויסן וואָס ס'שטייט אין דעם בריוו, איך אליין דארף דאָס וויסן, ווייטער קיינער נישט. ס'איז א סוד". די גלחטע מאכט אויף דעם בריוו, קוקט דערין אריין און לאכט. — „וואָס איז" פרעג איך. — ס'איז גאָרנישט סטאנקא. א בריוו פון דיין שוואָגער מיטרעא. ער שרייבט אז זייט איר האָט זיך באגעגנט אין סיביו, קען ער מער נישט פארגעסן יענע באגעגעניש..."

— „ווײ טייערע גלחטע, נישט צו מיר שרייבט ער, ער שרייבט צו מיין שוועסטער נאסטאסיע".

— כ'האָב מיך געוואונדערט, זאָגט די גלחטע, „אזוי פּאסט זיך עס בעסער, ס'ווייזט אויס אז זי איז דעמלט געווען ווען איר האָט זי געזוכט אין גרובער און אין זומפּן". — „יאָ, טייערע גלחטע, און זי האָט אונדז אָפּגענארט, זי האָט געזאָגט אז זי איז געווען נאָר אין בוקארעשט. כ'בעט אייך טייערע גלחטע, אז קיינער זאָל גאָרנישט געוויר ווערן דעם אינהאלט פון דעם דאָזיקן בריוול, ווייל מיר מאכן פון זיך געלעכטער פארן דאָרף". זיי רויק, האָט געזאָגט די גלחטע, „ס'איז א פּאַמיליע סוד, כ'שווייג ווי דער קבר".

הערשט גיצע: זי האָט אזוי געשוויגן אז ביז נעכטן אויפ־דערנאכט האָבן אלע מיידלעך און אלע ווייבער געוואוסט. היינט אינדערפרי האָט זיך נאסטאסיע צוגעכאפּט צו דער אנינעאסקאַ. דאָס דאָרף האָט זי געזען ווען זי איז געגאַנגען און ווען זי האָט זיך אומגעקערט, ס'האָט געוואָרט א גרויסער עולם ביים טויער, ס'איז געווען קאַלט און א ווינט און מ'האָט זי געשטאָכן מיט פארשיידענע שטעכווערטלעך, אזויווי דער מנהג איז. מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ לויפט זי שנעל, קומט אריין ווי א שטורעם־ווינט אין שטוב אריין, לויפט גלייך צו צו איר דינער קוצעפּייקע. שרייט: „וואו איז מיין בריוו? גיב מיר דעם בריוו. דו האָסט מיר צוגעגנבעט דעם בריוו, האָסט אים דעם עולם געוויזן!" זי גיט זיך א וואַרף אויף מיר, מיר ארויסנעמען די אויגן. זי נעמט דאָס שאַראַייזן און קלאַפּט מיך. כ'וויל אנטלויפן, זי לויפט מיר נאָך. ווען איך האָב געזען אזא שלאַנג, האָב איך אראָפּגעלאָזט דאָס בריוול. זי האָט זיך אָנגעבויגן און נעמט עס. איך גיי אריין אינעם אנדערן צימער און רוק צו דעם ריגל. — „כ'ברעך אויף די טיר מיט דער האַק!" שרייט זי און שעלט מיך וואָס ס'קומט איר אין מויל אריין. זי איז ארויס־געגאַנגען כדי צו גיין צו איר אנינעאסקאַ. כ'בין געקומען כ'זאָל דיר זאָגן, גיצע: זע וואָס פאַר א שוועסטער כ'האָב...

סטאַנקאַ האָט פארצרהט געזיפצט. דער פעטער גיצע האָט געוואָרט זי זאָל זיך בארויקן.

— האָסט געזען גיצע? זאָגסט נישט גאָרנישט, גיצע?

— וואָס זאָל איך זאָגן? האָט לאַנגוויליק געענטפערט דער מילנער: כ'האָב געזען אז דו האָסט איר צוגענומען דאָס בריוול.

— נו, גיצע, זינגט סטאַנקאַ מיט זיסלעכע רייד, פון יענעם בריוול האָב איך פארשטאַנען און ס'איז מיר קלאָר געוואָרן אויך אן אנדערע זאַך. מ'וועט אין א קורצער צייט געוויר ווערן דאָס וואָס איך האָב שוין לאַנג חושד געווען. די חצופה מיינע וועט לייגן אן איי מיט אויגן און מיט ברעמען.

XVIII

ס׳האָט געלעבט אין בוקארעשט, א קעמפּער אין דער אילעגאליטעט, דער קעסלמאכער וויקו טשערעניו. א ברידער מיט סטויקאן. די מיזעריע האָט אים פאַרטריבן פון מאלו, געפירט פון אין כוואליע אויף דער אנדערער, ער איז געוואָרן א קוואַליפיצירטער ארבעטער און האָט זיך דערנענטערט צו דער פּאַרטיי. ער איז געווען א באַבּרעמטער און א טונקעלער; א וויצלער אָן ער זאָל שמייכלען.

ווען ער איז ארעסטירט געוואָרן צום ערשטן מאָל, האָט אים דער ריכטער איראָניש געפרעגט:

— קענסטו אונדזערע פילאָזאָפן, דו? האָסט זיי געלייענט?

— יאָ, דו, האָט גיך געענטפערט דער קעסל־מאכער; איך קען זיי כ׳האָב זיי געלייענט.

— דו האָסט די חוצפה אזוי צו ענטפערן? האָט זיך דער ריכטער באַליידיקט. איך ווער ברוגז.

— און איך ברוגז מיך אויך אָן. דו האָסט מיר געזאָגט „דו" כאָטש מיר האָבן נישט געפאסעט צוזאמען חזירים.

— הער אויף, זיי נישט קיין עזות פנים, ווייל מיר וועלן

אנדערש רעדן. ענטפער, טשערנעץ, וואָס פאר א פילאָזאָף האָסטו געלייענט?

— כ'האָב געליינט קאַנטן.

— קאַנט? כ'האָב נישט געהערט פון אזעלכן. וואָס זאָגט דער דאָזיקער פילאָזאָף אייערער, קאַנט?

— ער זאָגט גוט: אז אלע קנעכט פון דער וועלט, פון סיי וואָספארא נאציע זיי זאָלן נישט זיין, זיינען ברידער.

— ער האָט דיך געלערנט דו זאָלסט באנאכט קלעבן פלאַ־קאַטן? ער האָט זיי דיר געגעבן? האָסט געוואוסט זייער אינהאלט?

— ערשטנס, האָט מיר קאַנט גאָרנישט געגעבן, צווייטנס האָב איך קיין שום פלאקאט נישט געקלעבט. דריטנס, באנאכט וואָלט איך זיי נישט געקענט לייענען ווייל ס'איז טונקל.

דער ריכטער האָט נאָטירט אינעם פראָטאָקאָל דעם נאָמען פונעם פילאָזאָף, דער פּראָקוראָר האָט דערמאָנט פון קאַנטן אינעם באשולדיקונגס־אקט. די פארטייטיקונגס־אדוואָקאטן האָבן אויסגעמיטן צו דיסקוטירט די דאָקטרין זיינע.

אין זיינע פינצטערע יאָרן פון דער תּפיסה, האט זיך וויקו טשערנעץ געהאלטן מיט די ציין אָנעם לעבן, מאכנדיק אינדערפרי גימנאסטיק, און רייבנדיק זיך מיט קאלט וואסער. ער האָט זיך פארגרעסערט די קענטעניש אין דער אוניווערסיטעט פון דער תּפיסה. פארשיקט אין דער קארצער פון דער דאָפּטאַנע ווייל ער האָט זיך רעוואָלטירט, איז ער צוועלף חדשים נישט געשלאָפן אויפן צעמענט, ס'זאָל אים נישט אטאקירט ווערן די לונגען. ער איז געשלאָפן אויף די פיס זיצנדיק, אין א ווינקל פון די ווענט, מיט פארלייגטע הענט אויף די קני. די לייז האָבן אים געריזעט, ביז זיי האָבן געמאכט ביילן אונטער זיין הויט. די איינזאמקייט האָט אים פארוויסט די נשמה. ער האָט זיך פעסט געהאלטן, ער האָט געגלויבט אינעם קאָמוניזם און איז באפרייט געוואָרן!

אייניקע חברים האָבן נישט פארשטאַנען פארוואָס וויקו האָט דערמאנט אן אומבאקאנטן פילאָזאָף. ס'איז גאנץ באַ־שטימט נישט געווען די רייד וועגן דעם וואָס האָט זיך אָפּגע־זונדערט אין קעניגסבערג.

— זיכער אז ניין, האָט וויקו געענטפערט אָן ער זאָל

שמייכלען; איך האָב גאָר גערעדט פון מיין חבר פון גאַלאַץ, פיליפ קאַנט, וואָס איז געווען עלטער פון מיר און איז געווען מיין לערער. כ'האָב אים היינט אויך נישט פארגעסן און קוים צומאָל זען זיין קבר.

נאָך דעם וואָס ער האָט געענדיקט מיט די תפיסות. אין חודש אויגוסט 44, האָט ער זיך אָפּגעגאָלט די באָרד און האָט אויסגעוויזן יונגער.

דער „פעטער וויקו" ווי ס'האָט אים גערופן טשערנעץ, דער פויער פון מאלו, האָט אין א טאָג באַקומען א בריוו, אדרעסירט צו דער פּארטיי, פון א יונגן געזעלן וועלכן ער האָט גערעכנט אז ער איז אומגעקומען אין רוסלאַנד. דער פעטער האָט זיך געפרייט, מיין קאָסטעא פלאָרעא לעבט!

יענער בריוו איז געקומען פון ערגעץ ווייט פונעם פראָנט פון טשעכאָסלאָוואַקיי. ס'האָט אים איבערגעגעבן א חבר פאַרקאַש דומיטרו, וואָס האָט אים געבראַכט קיין אָראַדיא. פון אָראַדיא האָט אים געבראַכט אַנאַנדערער חבר, מאַרקוס פּאָגעל, ביז קיין בראַשאָוו. פון בראַשאָוו האָט אים געבראַכט איליע באַנגאַנו, א מאָנטער, און האָט אים איבערגעגעבן אויף דער אדרעס.

פלאָרעא קאָסטעא האָט געשריבן אין בריוו:

„פעטער וויקו, זיי וויסן אז, אין דעם פאַרשאָלטענעם אומגליק אין וועלכן מ'האָט אונדז געפירט, האָב איך אָפּגעשפּאָרט א הילצערנעם פוס, מיט וועלכן איך פריי מיך, ווייל כ'וועל קלאַפּן מיט אים אין די טויערן פון בערלין".

ער האָט נאָך אַנדערע זאַכן געשריבן וועגן דער מלחמה און וועגן די דייטשן. דערנאָך:

„איך האָב דאָ א פויער, וועלכער איז פון מאלו סורפאַט, כ'ווייס אז איר זענט אויך פון דאָרטן און איר האָט אין מאלו א ברודער אָדער א שוועסטער־קינד, ווענען מיין חבר זאָגט אז ער קען אים.

מיין קאַמעראַד מיטרעא קאָקאָר האָט געליטן אומגעהויער, איר ווייסט וואָס ס'ליידט נעבעך דער אָרעמאַן ביי אונדז אין לאַנד: פייניקונגען, שלעק, חוזק. ער זאָגט אז, אויב ער וועט

זיך אומקערן געזונטערהייט. וועט ער אָפּשיינדן דעם פּריץ זייערן פון דאָרטן כדי ער זאָל זיך קילן דאָס הארץ.

ער זאָגט אזוי, כדי ער זאָל אין זיך שטילן דאָס פייער: ווייל ער האָט נאָך אנדערע צרות. ער איז פארזאָרגט פון זיין כלה, וואָס איז געבליבן אונטער דער אויפזיכט פון זיין ברודער דער מילנער. נאָכדעם וואָס ער האָט אים צוגענומען זיין טייל ירושה, פארזשערעט יענער מילנער אויך דעם מיידלס נדן. די יתומה וואָס איז א שוועסטער מיט זיין ווייב. דער מילנער און זיין ווייב פערזעקוטירן דאָס מיידל און טרייבן זי ארויס ס'איז א רחמנות אויף איר.

כ'האָב געקלערט אפשר האָסטו א געלעגנהייט צו קומען אין דיין דאָרף אריין. זאָלסטו פארטיידיקן דאָס אומגליקלעכע מיידל, מיטרעאס כלה. ער האָט מחמת דעם קיין מנוחה נישט. נישט באטאָג, נישט ביינאכט. נאָך די פארשיידענע צרות וואָס א זעלנער לעבט איבער אויפן פראָנט. כ'האָב אויך געקלערט, אויב דיר איז נישט מעגלעך צו קומען אהין, זאָלסטו באַטש מודיע זיין דיין ברודער, ער זאָל זיך אינטערעסירן.

כ'קום צו דיר מיט דער בקשה, ווייל מיטרעא קאָקאָר איז א אונדזעריקער.

ער האָט אלץ געזען אין סאָוועטן־פארבאנד אלס געפאנגענער צוזאמען מיט מיר. ס'איז שוין נישט נויטיק געווען איך זאָל ענדיקן מיט אים די לערע וואָס איך האָב אים איבערגעגעבן, ווייל ער האָט זיך אליין אויסגעפלאָנטערט. איך מיין אז מ'דארף אים שטיצן ווי אן אמתן חבר דאָס וועט ער באווייזן...

ס'זיינען נאָך געווען אנדערע גוטע רייד אין דעם בריוו, מ'זאָל מיטרעאן העלפן. דער מייסטער וויקו האָט געהויבן די אקסלען. ער איז געווען פול ביז איבערן קאָפּ מיט געזעלשאפטלעכע ארבעטן, איבערהויפּט מיט אָרגאניזאטאָרישע ענינים. ווי האָט ער צייט איצט צו פאָרן קיין מאלו וועגן אזעלכע זאכן?

ער האָט אוועקגעלייגט דעם בריוו. נישט נאָך א לאנגע צייט איז געקומען אן אנדערער אין וועלכן דער געזעלן פרעגט אים וועגן זיין געזונט צושטאנד און איז אויך מודיע אז ער און מיטרעא לעבן. דאָס הייסט אז יענער מיטרעא איז אויך געווען

א תלמיד און א פריינט מיטן מייסטער. עפּעס אנדערש אי מער נישט געשטאנען אין בריוו.

— רוחיש איז, דער דאָזיקער פלאָרעא מיינער. האָט זיך געקלערט דער מייסטער וויקו, ער קען מיך. ער קלאַפּט מיט זיין הילצערנעם פוס נישט נאָר אין די דייטשישע טויערן. „דו קלאַפּסט אויך אין די טויערן פון מיין האַרץ" האָט ער אים געענטפערט. „גוט כ'וועל זען".

ער האָט אוועקגעלייגט אויך דעם צווייטן בריוו. עס זיינען דורך אַסאַך וואָכן ביז וואַנען דער מייסטער וויקו האָט זיך געקענט מאַכן צייט.

אין א טאָג אין חודש פעברואר אינעם יאָר 1945, האָט סטאַיקאָ טשערנעץ אויפגעעפנט דער אנינעאסקאס טויער און האָט געשטופּט פאַר זיך, דורך דער פאַרשנייעטער סטעסשקע א פרעמדן אין א פעלץ און אין אן אויפגעשטעלטער קוטשמע. פאַר די דראָענדיקע אויגן מיט די געדעכטע ברעמען פון יענעם פרעמדן און פאַר זיין גלאַט פּנים גלייך ווי ס'וואָלט געווען אויסגעהאַקט פון א שטיין, האָבן זיך די פרויען וואָס האָבן געקוקט דורכן פענצטער דערשראָקן און זיך צוריקגעצויגן.

נאסטאסיע האָט געיאָמערט און זיך געבראָכן די הענט:

— וועמען זאָל דאָס ברענגען סטויקא ? וואָס זאָל דאָס זיין ? וואָס איז געשען ?

— נאסטאסיע ! בארויק דיך, האָט זיך אויסגעדרייט צו איר אוצא מוסרנדיק זי. אָבער איר האָט אויך געקלאַפּט דאָס האַרץ פאַר אומרויקייט. ס'קען נישט זיין עפּעס שלעכטס. סטויקא איז אונדז א פריינט.

— אוי... ס'זאָל נישט זיין די שלעכטע בשורה, טייערינקע! ווען כ'האָב מיך גאַנץ פרי אויפגעכאַפּט האָט מיר געציטערט דאָס לינקע אויג. די נאַכט האָב איך געחלומט מיטרעאַן.

— קינד. א שלעכטע בשורה ברענגט דער פּאָסטטרעגער, דער זשאַנדאַרם אָדער דער מילנער.

— ער האָט צו מיר געלאַכט, טייערינקע.

די אומרויקייט האָט אויך אוצאַן דורכגענומען. לאַכן, אין חלום באַדייט טרויער !

— סטויקא טשערנעץ און זיין חבר האָבן זיך אָפּגעשאָקלט

פונעם שניי ביי דער דרויסנדיקער שוועל. דער הונט אויף דער קייט האָט צוויי מאָל געבילט און שטיל געבליבן.

אוצא האָט זיך געוואונדערט:

— פארוואָס האווקעט נישט דער הונט אויף זיי?

נאסטאסיע האָט געשעפטשעט:

— באלד ווי ער האָט אָנגעהויבן צו האווקען, האָט שוין צו אים דער פרעמדער עפּעס גערעדט און גריווו איז שטיל געבליבן.

די אנינעאסקא האָט זיך אראנזשירט דאָס שאלעכל אויבן קאָפּ, האָט זיך אָנגעשפּיגלט אין דעם צובראָכענעם שפּיגעלע, זי האָט שנעל אויף זיך ארויפגעצויגן די שיך אויף די וואָ־לענע זאָקן און איז ארוים און פאָדער צימער, זי זאָל אויפ־נעמען די געסט. דעם פרעמדנס ערשטע ווערטער האָבן זי בארויקט.

— זייט רויק. גוטע בשורות!

נאסטאסיע, האָט צוגעדעקט די אויגן מיט די הענט און האָט זיך אָנגעשפּארט דעם שלייף אָנעם קוימען. זי איז געווען שוואך, בלייך, פארשעמט; דער בויך איז איר אויסגעוואקסן. דער פרעמדער האָט געוואָרפן א פאַרשנדיקן בליק אויף איר, און האָט אויפסניי זיך אויסגעדרייט צו אוצאן.

— דו דערקענסט מיך נאָך?

— גלייך ווי... גלייך ווי... האָט קוים אוצא געשטאמעלט, שמייכלענדיק איבערמישנדיק זיך די זכרונות. אך! דו ביסט דער מייסטער, סטאָיקאס ברודער. אמאָל האָסטו געטראָגן א באָרד... איצט איז דיין אויסזע ווי אן אנדערער...

— אליץ וויקו בין איך, האָט דער מייסטער געלאכט. און טראָצדעם, ביסטו גערעכט; ס'איז נישט דער פריערדיקער.

זי האָט אראָפּגעלאָזט דעם שטערן זיפצנדיק, אָן זי זאָל זיך קענען איינגענען.

— דו באברעמטע, האָט ווייטער געזאָגט דער מייסטער מיט א פריילעכן טאָן, זאָג וואו קענען מיר אראָפּוואַרפן פון זיך דאָס אליץ? דערנאָך ועלן מיר זיך אביסל דורכשמועסן.

די אנינעאסקא האָט באלד געלייגט איינם אויפס אנדערע אויף אן עק פון א בעט, די שווערע קליידער. גייענדיק אהין און

צוריק האָט זי לייכט אָנגערירט נאַסטאַסיען מיטן עלנבויגן. דעם מיידלס אַקסלען האָבן זיך שטאַרקער צעטרייסלט, ווייל די טרערן האָבן זי פּאַרפּלייצט.

דער מייסטער איז געבליבן אין די שטיוול און אין די גרויסע סאַמעטענע קליידער. ער האָט זיך אויף דער העלפט אויסגעדרייט צו אַנאַסטאַסיען, ער האָט אויסגעוויזן אַביסל ווי אין אַ פּאַרלעגנהייט, מיט דער רעכטער האַנט איז ער דורך דורך זיינע גרויסע האָר, האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער קעשענע אַ ליולקע, זי אָנגעשטאָפּט מיט טוטון. ער האָט אַרויסגענומען דאָס צינד־מאַשינדל, אָנצינדנדיק אַ פּלאַקערל. דאָס מיידל האָט זיך אויפגעדעקט נאָר איין אויג, וואָס האָט מיט אינטערעס נאָכגעקוקט נאָכן קליינעם וואונדער פון דעם פרעמדנס האַנט. סטויקאַ האָט זיך דערנענטערט צו איר.

— ער האָט גרוסן פון מיטרעאַן...

זי האָט אויפגעהויבן דעם שטערן און האָט געקוקט צו דעם שיינענדיקן ווינטער פון דרויסן. דערנאָך איז זי ווידער פאַרזונקען געוואָרן.

— באַברעמטע ! ראָט דאָס מיידל זי זאָל זיך נישט שעמען.. האָט גוטמוטיק דער מייסטער וואיקו געזאָגט.

— הערסט, מיידל ? איז פריילעך געוואָרן נאַנאַ אוצאַ. אַזוי פלעגט ער מיך אַמאָל רופן. איצט חכמען מיר זיך אויף דער עלטער.

דאָס מיידל האָט ווייטער געיאָמערט.

דער מייסטער האָט אַרויסגעלאָזט דורך זיינע נאָזלעכער צוויי גראָבע שנירלעך רויך, און האָט אויפגעהויבן די צוויי דיקע דעכלעך, וואָס זיינען נאָך שוואַרץ געווען, פון די אויגן.

— אַזוי איז... אַמאָליקע זכרונות פון איינער, די בושה פון אַנאַנדערער זיינען וויכטיקערע ענינים ווי דאָס פאַלן פון אימפּעריעס און די וועלט־מלחמות.

— ידיעות פונעם בחור האָט איר באַקומען ? האָט ער גע־פרעגט די אַנינעאַסקאַ.

— יאָ. צוויי מאָל, ער האָט אונדז אויך געלט געשיקט.

דאָס מיידל האָט שטיל געוויינט :

— כ׳האָב שוין פון לאַנג נישט באַקומען קיין בריוו.
— זייט ווען?
נאַסטאַסיע האָט ווידער אַמאָל אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.
א וואָך צייט, האָט די אַנינעאַסקאַ געענטפערט. איצט איז אויפן פראָנט קיין שום סכנה מער.
מ׳איז אויף א ווײַלע שטיל געבליבן.
— זאָל איך עפּעס ברענגען צו פאַרזוכן, האָט זיך די אַנינעאַסקאַ אויפן אָרט אַרומגעדרייט.
— שפּעטער, שפּעטער, אַנינעאַסקאַ! האָט זי דער מייסטער באַרויקט, שטיי. איך בין געקומען קיין מאַלו, ווענן מיינע פּאָ־ליטישע ענינים. נאָר ס׳האָט מיר געשריבן מיינער א געלעזן, א פריינט מיטן אונטער אָפיציר קאָקאָר, ווענן דעם בחורס איי־ניקע ליידן. דורכגייענדיק דאָ אַרימער האָב איך געקלערט, לאָ־מיר זען וואָס ס׳איז. צום ערשטן בין איך געגאַנגען צו מיין ברודער סטויקאַ. ער האָט מיר דערציילט פאַרשיידענעס. צוזאַ־מען זיינען מיר געגאַנגען צו דער מיל.
נאַסטאַסיע האָט אויסגעבראָכן אין א געוויין, און איז אַני־דער געפאַלן אויף דער בריק:
— זיי האָבן מיך אַרויסגעוואָרפן אויפן גרעסטן פראָסט!
די אַנינעאַסקאַ האָט זי אַרומגענומען אַזוי ווי זי איז גע־לעגן, און האָט זי געצערטעלט.
מ׳האָט מיר געזאָגט אַז דאָס מיידל איז דאָ, האָט ווייטער גערעדט דער מייסטער. איך בין זי געקומען זען. צום ערשטן אָבער האָב איך געפרעגט לונגון אויף זיין ברודערס פּאַגאָנעס ערד. דאָס, יענץ... אַז פאַר די פּאַגאָנעס האָט ער געגעבן און האָט געהאַלטן אין איין געבן דעם ברודער זיינעם. אַז ער וועט זיך אָפּרעכנען ווען מיטרעא וועט קומען, אויב ער וועט קומען.
— הערט איר גוטע פריינט, האָט זיך אוצאַ געאוויקעט, וויגנדיק זיך דעם שטערן אויפן מיידל. ווען ס׳איז געקומען די רייד פונעם מיידל, איז נאַסטאַסיע ביי זיך נאָך מער הכנעהדיק געוואָרן, נאָך מער אַראָפּגעפאַלן, זי האָט אָבער אויפגעהערט צו זיפצן, כדי זי זאָל הערן.
— ווען ס׳איז געקומען די רייד פונעם מיידל. האָט ווייטער גערעדט דער מייסטער...

— כ'וויס, כ'וויס, האָט אויפגעציטערט פון אויפרעגונג די אנינעאַסקאַ. אַז זי האָט חוזק געמאַכט פון זייער שטוב, אַז דאָס גאַנצע דאָרף רעדט דערפון, אַז זי וועט האָבן אַ ממזר. וואָס איז? דאָס איז אַ קינד געבוירן פון בלומען און פון ליבע. שענער קען גאָר נישט זיין.

— ביסט גערעכט, ביסט גערעכט, האָט זי דער קעסעלמאַכער באַרויקט. אונדזער גאַנצע פאַרטייטיקט דאָס קינד.

— ווי אַזוי קען ער אַזעלכס זאָגן? איז ווידער אויפגעשפּרינגען אוצאַ. זאָלן אים די שדים האָלדזן און מער שוין נישט זען די ליבטיקע שיין! אזא מיאוס באַשעפעניש.

נאַסטאַסיע האָט זיך געגעבן אַ רייס. און איז געקראָכן אויף די קניעס צום פרעמדן. זי האָט אויפגעהויבן די הענט:

אוי, האָט זי זיך געקלאָגט, וויפיל ס'האָט מיך באַרעדט און באַליידיקט דאָס דאָרף פאַר מיין קינד.

דער מייסטער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און האָט זי אויפגעהויבן:

— שיין מיידל. דאָס נייע גאַנצע אַנערקענט דיין קינד.

דעם שיינעם מיידל זיינען רויט געוואָרן און געשוואָלן געוואָרן די אויגן ווי ציבאַלעס.

— איך האָב געזאָגט דעם מילנער, האָט ווייטער שטרענגס גערעדט דער מייסטער וויקו, ער זאָל זיך נישט פרייען מיטן טויט פון אַ ברודער. ס'איז פאַראַן אַ יורש וואָס וועט פאַרלאַנגען זיין רעכט:

— ס'וועט זיין, אַ יינגל, האָט געדריקט אירע קליפּעס די אנינעאַסקאַ.

— בעסער אַ מיידל. האָט ווי אַ אויפגעלייגטער דער מייסטער געזאָגט, ווייל אַ מיידל גייט נישט אין מלחמות און האָט אויך קינדער. ווי כ'האָב שוין געזאָגט, כ'האָב גערעדט מיטן מילנער וועגן דעם מיידלס חתונה, דערנאָך פון דעם פון יענעם, און האָב אין אים אַריינגעוואָרפן אַ מורא. ער האָט צוגעזאָגט אַז ער וועט נאַסטאַסיען געבן צוויי פּאַגאַנעס פון איר אייגענער ערד.

— דאָס איז אויך גוט, האָט געזיפצט די אנינעאַסקאַ.

נאַסטאַסיע האָט מיט אַמאָל אויסגעשריגן:

— מיר וועלן אָן אויפהער ארבעטן!

דער מייסטער האָט זי אָנגעקוקט מיט זיין פארשטיינערט פּנים, ביז זי האָט פארשטאנען וואָס עס וועט זיין איר ארבעט אין דעם קומענדיקן זומער און האָט זיך ווידער אמאָל פאר־שעמט; אָבער אביסל ווייניקער.

ס'האָט זיך אריינגעמישט אינעם געשפּרעך אויך סטויקא טשערנעץ.

— ס'קומט דער זומער, די צייט גייט אוועק, וויקו. כ'וויים מיט וויפיל ביטערניש מיטרעא טראָגט זיך ארום. זאָל ער פריער קומען. איך מיין אז די שנאָה דארף נישט פארעלטערט ווערן.

— פארקערט, ביי אייניקע, האָט געשמייכלט דער מייסטער, איז די שנאָה ווי דער וויין וואָס ווערט אלץ בעסער מיט דער צייט. דו לאכסט?

סטויקא פארענטפערט זיך:

— כ'לאך נישט, ברודער; אפשר ביסטו גערעכט. ס'איז גוט אזוי ווי דו האָסט געזאָגט, און וואָס דו האָסט געטון. נאָר איך וואָלט דיך געראָטן זאָלסט נישט גלויבן גיצע לונגוס צוזאָגעכץ.

דער קעסל־מאכער האָט פארקנייטשט דעם שטערן.

— דו מיינסט אז ער נארט מיך אָפּ?

— איך מיין אז ער נארט דיך אָפּ. ער גייט און פארשטייט זיך איין מיטן פּריץ און טוט עפּעס אנדערש.

דער מייסטער האָט אויסגעוויזן גלייך ווי ער וועגט אין זיך די ווערטער:

— ס'איז מעגלעך. אויב אזוי לאָמיר אים אָפּלאָזן, סטויקא; ער זאָל טרינקען דעם גיפטיקן כוס פון וועלכע מיר האָבן געטרונקען.

דאָס צימער איז מיט אמאָל פארשאָטנט געוואָרן. די ווער־טער האָבן מיט שווידער דורכגעבויערט די אָנוועזנדע. אין דער טרוקענער און גלייכער שטומע פונעם מייסטער האָט אָפּגעהילכט ווי אן אָפּקלאנג פון די טיפענישן איבערגעלעבטע ליידן.

— די אומגערעכטיקייט איז געווען אמאָל זייער מוטער; די גערעכטיקייט וועט זיין זייער מאסקוויטער... האָט ער געשטאמלט אויסשאָקלענדיק די ליולקע אינעם אויוון און דער־נאָך האָט ער זי אָפּסניי אָנגעשטאָפּט. וואָס קוקסטו און אויף

וואָס וואַרטסטו, האָט ער צו נאַסטאַסיען געשמייכלט, און האָט אַרויסגענומען דאָס צינד־מאַשינדל. ער האָט עס צוריקגעלייגט אָן ער זאָל אָנצינדן. דאָס מיידל האָט אויסגעצויגן די ליפּן.— כ'האָב געזאָגט די פֿון דער פּרימאַריע, האָט ווייטער גערעדט וואַסקו, און די פֿון דער סעקציע, זיי זאָלן אַכטונג געבן. ס'קו־מען זיך צונויף די געשפּענסטער, זיי גרייטן צו אַ ווידערשטאַנד קעגן דער נייער אָרדענונג. מ'דאַרף זיי פֿאַרטרייבן: אַוועק שדים, ווייל ס'הייבט אָן דער באַגינען.

— זיי פֿאַלן נישט, ברודער, האָט זיך ווידער אַקעגן גע־שטעלט סטויקאַ.

דער מייסטערס ליפּן האָבן זיך צונויפֿגעקלעמט און די אויגן זיינען אים פֿאַרנעפּלט געוואָרן.

— מילאַ; זיי האָבן נישט מער צו געבן ווי איין הויט. לאָמיר דאָס אָפּלאָזן. כ'בין געקומען, כ'האָב געזען און האָב אייך איבערגעלאָזט סטויקאַן ער זאָל אַכטונג געבן. ווען מ'וועט דאַרפֿן, ווייסט ער וואו מיך צו טרעפֿן.

— איצט קען איך עפּעס ברענגען? האָט זיך ווידער גע־דרייט אויפֿן אָרט די אַנינעאַסקאַ. מיר האָבן געקוילט דאָס חזירל. מיר האָבן אויך ווין.

— ברענג נישט, באַברעמטע, ווייל מיר עסן אויף און טרינקען אַלץ אויס.

XIX

א זאָרגפולע פראגע וואָס איז שוין לאנג נישט געשטעלט געוואָרן האָט אויפגערודערט די מענטשן פון מאלו־סורפאט און פון דער שכנהשאפט, צו פרילינג צו אינעם יאָר 1945. נאָך פונעם פארגאנגענעם פרילינג, האָבן די דייטשן אלץ א תל גע־מאכט וואו זיי זיינען דורכגעגאנגען. ווען ס'וואָלט כאָטש ארוים גוט דער ווייץ וועלכן מ'האָט פארזייעט אים הארבסט, און ווען ס'וואָלט נישט געווען די איצטיקע טרוקעניש.

פון מאנגעל אין פייכטקייט, איז דער ווייץ אויסגעוואקסן אין אסאך פלעצער ווי די באָרד פון א סריס, דאָ א האָר, דאָרט א האָר. ס'האָבן זיך געיאוועט שטשורעם אין די טויזנ־טער, וואָס האָבן צונויפגעזאמלט די זאָמען פון די בייטן אין זייערע אונטערערדישע שפייכלערס. אויך יענע נמאוסקייטן האָבן געפילט די סכנה פון א הונגער.

ס'האָבן אריינגעדרינגען אין די דערפער און דערפלעך נאָך מער געפערלעכערע שטשורעם, די מיט צוויי פיס. פרעמדע אומבאקאנטע נע־ונדניקעס, אייניקע האָבן געזוכט פאַפשוי־מעל צו קויפן, אנדערע האָבן געהאט צו פארקויפן הייליקע בילדער און ביכאלעך, זיי זיינען אריינגעקומען אין די פויערישע הייזער

און האָבן פארשפּרייט פּאַטשטן. אז ס׳זיינען געקומען אויף די
קריסטן די לעבנס־געפארן און די יאָרן פון טויט, זייט די
באָלשעוויקעס זיינען אויפגעשטאנען און האָבן געקוילעט זייער
קייסער און האָבן פארקלאַפּט מיט טשוועקעס די טירן פון די
הייליקע קלויסטערס. זיי ראָטן אויס די פּריצים, זיי גנבענען
קינדער און פירן זיי אין דער מדבר אריין; זיי פארפּאָלגן די
קריסטן, זיי לאָזן זיי שטארבן פאר הונגער און שטעלן זיי
פּאַשען גראָז צוזאמען מיט די בהמות. זיי בייטן דעם שטייגער
פון דער אלטער וועלט און זיי צייכנען אָן דאָרטן וואו זיי קור־
מען די צייכנס פון דעם מלך פון די שדים. זיי ווילן אויך ביי
אונדז אלץ איבערמאכן, און דערפאר קערט אָפּ גאָט זיין פּנים
פון דער מענטשהייט. לייענט דעם חלום פון דער הייליקער מו־
טער און די נסים פון דעם הייליקן סיסאָיע און זייט זיך
מתודה.

איייניקע פון די גאָספּאָדארעס וואָס זיינען געווען מער שארפ־
זיניקער, וואָס האָבן זיך נישט געבוקט צום גלח נאייע און
האָבן אים נישט גענערט מיט מתנות, האָבן געלאכט. דאָס זיי־
נען פּוסטע מעשיות, האָבן זיי אָנגעוויזן, אויסגעטראכטע פון
דער פּארטיי פון די פּריצים. ס׳איז געבליבן גענוג פון זיי אין
לאנד, פון דעם פארשאָלטענעם זאָמען. וואָס האָבן זיך אָנגע־
שטאָפּט יאָרן און יאָרן זייט עס געדענקט זיך דער אָרימער,
פּשוטער המון, און האָבן זיך אויסגעפּרעסן פון אונדזער בלוט,
און איצט האָבן זיי מורא אז ס׳וואָלט געקענט געמאָלט זיין אז
ס׳זאָל קומען אויך אויף זיי די גרויסע ערד־ציטערניש פון גע־
רעכטיקייט פונעם היינטיקן דור, און זאָל זיי ארויסרייסן מיטן
וואָרצל מיט אלעמען, און דאָס לאנד זאָל באלויכטן ווערן פון
דער פינצטערער קללה זייערע.

סטויקא טשערנעץ האָט אָפן ארויסגעוויזן דעם יסוד אויף
וועלכן ס׳שטייט די קאָמוניסטישע פּארטיי. „ס׳זאָל אויפהערן די
עקספּלואטאציע פון איין מענטש דורך דעם אנדערן!“ די דאָ־
זיקע פּארטיי מאכט זיך אלץ מער פּלאַץ ביים רודער פונעם
לאנד, און פארשטופּט אין אלע ענגערע ווינקלען די וואָס האָבן
זיך נעכטן אָנגעשטאָפּט. זיי וועלן פארטיילן ערד; זיי וועלן
מאכן גערעכטע געזעצן. עס קומען איצט, האָט ער געזאָגט,

ידיעות וועגן דער אמתדיקער לאגע פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. עם קומען פון דאָרט אונדזערע מענטשן וואָס האָבן געזען מיט זייערע אייגענע אויגן די נייע מזרחדיקע אָרדענונג. דאָרט זיינען די פּריצים און די וואָס זיינען רייך געוואָרן אויף א נישט ערלעכן אופן צעטאָפּעט געוואָרן; ס'פרייען זיך מיט דער זון נאָר די ארבעטער וואָס האלטן אין דער האנט דעם סערפּ און האמער. די פּריערדיקע קנעכט זיינען דאָרט די בעלי־בתים איצט. די לייט מיט די הייליקע בילדער און די נע־ונדניקעס האָבן זיך ארויסגעוויזן אז זיי זיינען פאַרקויפטע משרתים וואָס ראָטן די מענטשן זיי זאָלן בלייבן אינעם זומפּ פון שקר און אינעם שלאָף פון דער קנעכטשאַפט! און אויב ס'וואָלט געווען אזוי ווי זיי זאָגן, וואָלטן זיך נישט אויפגעהויבן מיט אזויפיל קראַפט די פעלקער פונעם פאַרבאַנד און זאָלן אזוי שלאָגן די דייטשן אזוי ווי זיי האָבן זיי געשלאָגן, און יאָגן אזוי ווי זיי האָבן געיאָגט, ביז זיי האָבן זיי דערגרייכט אין זייער אייגענער נאָרע. די דאָזיקע מחנות ווייסן פאַרוואָס זיי שלאָגן זיך; זיי זיינען די מחנות פון די ארבעטער פון די פאַבריקן און פון די פּויערים, אומבאַזיגבארע מחנות, ווייל זיי פאַרטייטיקן זייער האָב און גוטס.

אין א זונטיק האָבן זיך באַגעגנט אויף דער גרענעץ פונעם דאָרף דער פּריץ קריסטעא און גיצע לונגו. דער ערשטער רייטנדיק אויף א ברוין פערד, ער האָט מיטאמאָל אָפּגעשטעלט דאָס פערד מיט דער צעפּלאָשעטער גזשיווע און מיטן לאנגן עק.

דאָס פעלד האָט זיך צעהיצט פון דער פרימאָרגנדיקער זון פינקלענדיק ביז העט ווייט. די טויבן האָבן זיך גערופן אין די ביימער פון די פאַרשטויבטע שייד־שטעשזקעס.

— לונגו, פון פּסח אָן האָב איך דיך נישט געזען. האָט דער בעל־הבית געזאָגט מיט א מוסר טאָן. מיר האָבן צו ריידן פאַרשיידענע זאכן.

— כ'האָב מיך אלץ געגרייט צו קומען, האָט געענטפערט דער מילנער, כ'בין אָבער אליין, און די צרות זיינען איבערן קאָפּ. כ'גיי קוים אין קלויסטער אריין.

— איך האָב דערצו אויך קיין צייט נישט, האָט ביטער געלאכט קריסטעא. מיין קלויסטער איז אין פעלד ביים „שאָף

ברונעם" נאָכן רעגן פון דער פארגאנגענער וואָך, זע איך אז דער ווייץ פאריכט זיך.

דער מילנער האָט זיך געצלמט:

אפשר וועט זיך גאָט פאָרט מרחם זיין אויף אונדז.

זונטיק ביז מיטאָג איז גיצע לונגו געגאנגען אין קלויסטער. דאָס האָט ער געטון זייט נישט לאנג, זייט ער האָט זיך געעצהט מיטן גלח נאיע וועגן וועלט זאכן און וועגן לעבנס-ענינים.

— מיר האָבן געהאט דאָס אומגליק מיט די שטורעם, האָט ער ווייטער געזאָגט, און גאָט האָט אונדז מציל געווען. ער האָט געשיקט אויף זיי א מגפה סוף ווינטער, און זיי זיינען אויסגעפּגרט, די איבערגעבליבענע זיינען אוועק אויף די וואסערן פון דער ליסא. ס'איז שוין אמאָל אזוינס געווען. זיי ווילן אריבער דער דונייַ, און זיי טרענקען זיך. כ'האָב געקלערט צו קומען אין הויף אריין, פריץ, כ'זאָל אייך ראפּאָרטירן אייניקע זאכן וואָס געפעלן מיר נישט. נאָך דער מגפה פון וועלכער כ'האָב אייך גערעדט, איז געקומען אויף די מאַלורענער און אנדערע.

— די פאָליטיק... כ'וויים, האָט קריסטעא צוגעגעבן. די פון דער פרימאריע האָבן מיר רערציילט. די ציגיינער ווען זיי ווערן הונגעריק זינגען זיי. די דאָזיקע נעמען זיך צונויף און פארזאָרגן דאָס לאנד.

— זיי מיינען אז מ'וועט זיי געבן ערד. אזעלכע קלאנגען גייען אום זייט ס'איז געקומען די נייע רעגירונג. מ'וועט נעמען ביי די רייכע, און געבן די אָרעמע לייט. דאָס הייסט איך האָב געארבעט און מיך געמוטשעט א גאנץ לעבן וועגן דעם ביסל פארמעגן וואָס איך האָב און ס'זאָלן קומען די לא יצלחס די פוילע און די נאראָנים, זאָלן עס אויפריזן ווי אויף א פראזניק. צווישן זיי זיינען דאָ אינסטיגאטאָרן. איינער סטויקא טשערנעץ, יענער וואָס האָט א ברידער א קעסל-מאכער. יענער, וויקו דער קאָמוניסט, שטעלט דעם אנדערן אָן. ווען כ'וועל אייך זאָגן ווער ס'קומט זיך דאָרט צונויף, פריץ, וועט איר זיך וואונדערן. כ'וואָלט געזאָגט א גלייך וואָרט, נאָר היינט איז זונטיק, און כ'געפון מיך אויפן וועג צום קלויסטער, און ס'איז נישט גלייך.

— כ׳בין נייגעריק צו וויסן האָט זיך אינטערעסירט דער הער קריסטעא.

— דערנאָך איז דאָ אינער גריגאָרעא מאנדרעא. איינע אנא וואָס מ׳רופט זי די נארישע: איצט איז זי א קלוגע געוואָרן. איינער לאיע דער אָרעמער.

— דער דאָזיקער לאיע איז געווען א משרת ביי מיר, ביי די אָקסן. ער האָט אוועקגעוואָרפן דעם שטעקן און איז אוועק. איך האָב אים אָנגעקלאָגט. כ׳וועל אים פארפאָלגן דורך די זשאנדארן. און ווער נאָך?

— ס׳איז נאָך דאָ איינער אויריקא טורבאטו; ער איז צו־ריקגעקומען פון דער מלחמה מיט א הילצערנעם פוס. און אנאנדערער אינוואליד אָן א האנט, איינער טודאָר גארלעא!

— ס׳פעלט נאָך אוים איינער א בלינדער, האָט זיך צעלאכט דער פריץ.

— אזעלכער איז אויך דאָ, א בלינדער אויפן רעכטן אויג. אירימיא וואסקאן; ער איז געווען א אינפאנטעריע־סערזשאנט. ער איז געקומען מאָלן א האלבן זאק. ער האָט געהאלטן אין איין ווינקען צו מיר מיטן געזונטן אויג. כ׳האָב געקלערט כ׳זאָל אים אָפּשטילן. „אירימיע, זאָג איך, כ׳וועל ביי דיר נישט נעמען דעם מאָל־שטייער". — „זאָלסט יאָ נעמען, דאָס געהער צו דער מיל" זאָגט ער.

— „גוט, אירימיע" האָב איך אים געענטפערט. כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, פריץ, גלייך ווי ער האָט מיך געשטאָכן מיט יענעם געזונטן אויג. כ׳וואָלט מיך נישט געוואָלט מיט אים באגעגנען באנאכט, ווען איך קער מיך צוריק אליין אהיים. ס׳איז נאָך דאָ איינער ניצע דער שטומער. און אנדערע, זיי קומען זיך צונויף און פארזאָרגן די וועלט.

— אויך דעם ניצען האָב איך געמאכט א פּראָצעס, האָט קריסטעא פארקאָרטשעט דעם שטערן. כ׳זוך דעם אויך.

— גיצע לונגו האָט זיך געקראצט דעם קארק.

— מילאָ, פריץ, וואָס זאָל איך זאָגן? איך וואָלט געווען ביי דער מיינונג איר זאָלט זיי לעת־עתה נעמען אביסל ווייכער. נאראָנים בלייבן אלץ נאראָנים. ס׳בלאָזט אויף זיי א שלעכטער־ווינט; ס׳וועט זיי איבערגיין. דעמלט וועט איר זיי נעמען צום

חשבון. איך האָב אויך השבונות מיט איינִיקע און איך לאָז זיי אָפּ. דער פּלוטאָניער דאַנציש איז אויך ווייך. ס'ווייזט אויס אַז ער שרעקט זיך. יעדן זונטיק, קומען פון דער שטאָט אָדער פון בוקאַרעשט אויפזעער.

— וואָס הייסט דאָס ?

— ס'קומען אַרבעטער וואָס זיינען געשיקט פון זייער פּאַר־טיי, זיי זאָלן פאַריכטן פאַר די היזיקע, די אַקער־אייזנס און אַנדערע מכשירים און איבערהויפּט זיי צו דערציילן וועגן דעם, וועגן יענעם. זיי פולן זיי אָן אַ קאָפּ אַז זיי וועלן באַקומען ערד פון די וואָס האָבן. איך זאָג אייך דעם אמת פּריץ, כ'האָב מורא. דערפאַר האָב איך געזאָגט אַז ס'איז נישט געווינטשן איר זאָלט זיי נעמען מיט כח; ע־הע! ס'איז אַמאָל גוט געווען. פון נאָכקלערן און דאגות. פּריץ, האָב איך אָפּגעצערט. כ'האָב מיך אָפּגעוווינגן אויף דער וואָג פון דער מיל: און ס'פעלן מיר 9 קילאָגראַם.

— ניין, כ'וועל שיסן אויף זיי, האָט געשריגן אַ צערייצטער דער דריינאָזיקער, נאָך דעם האָט ער זיך באַרויקט.

— אַ טייל פון דעם, בין איך געוויר געוואָרן פון דעם פּרימאַר פּאָפּעסקו. ער האָט אָבער נישט אויסגעזען דערשראָקן. ווי איך זע דיך, לונגו. בנוגע דעם וואָס מ'רעדט וועגן באַזעצן אָפּסניי די פּויערים אויף דער ערד וועלן מיר עס אַביסל ווײַ־כער לאָזן — האָט ער געזאָגט — ביז ס'וועלן פאָרקומען אַנ־דערע ענדערונגען ; די אַלטע פּאַרטייען האַלטן זיך פעסט. דאָס איז דער אמת: דו דאַרפסט דאָס אויך וויסן.

— דער פּרימאַר, פּריץ, קערט זיך אויך אַהין וואו דער ווינט בלאָזט. פּאָפּעסקו האָט נישט וואָס צו פאַרלירן. איר מעגט זען עפּעס אַנדערש, נאָך שענער ווי שיינס : די ווייבער היצן זיך אויך. ווען זיי קומען אַרויס צום טייך ליסאַ אויסצווויישן די לייוונט, פאַרדרייען זיי זיך אויך די קעפּ מיט פּאָליטיק, און קריגן זיך. מיט די ווייבער איז נאָך שווערער, ווייל זיי ווערן גיכער משוגע. וואָס איך האָב געהאַט אויסצושטיין פון מיין שוועגערן נאַסטאַסיע. דאָס איז אַ ענין פאַר זיך. כ'האָב איר צוגעזאָגט צוויי פּאָגאָנעס ערד, ווי זאָגט מען ? פון איר נדן.

זי האָט נאָך נישט חתונה געהאַט, אָבער זי ווייסט, אויב ס'וועט זיך אומקערן יענער קבצן דער ברודער מיינער, מיטרעא.

— ער איז נאָך נישט צוריקגעקומען?

— ניין. ער איז אַלץ אין דער מלחמה. די דאָזיקע נאַס־טאַסיע וועט געבוירן, נישט לויט די חתונה געזעצן, זי האָט אונדז פאַרשעמט פאַרן גאַנצן דאָרף. לאָמיר איר געבן, האָב איך מיר געקלערט, כ'זאָל פּטור ווערן. טשערנעץ האָט איר צוגעהאָלפן צום אָפּערן צום זייען. ער האָט איר פאַרעכט א שטיבל. די אַנינעאַסקאַ וווינט מיט איר צוזאַמען, זי זאָל אויף איר אַכטונג געבן, ווייל דער בויך גרייכט איר שוין ביז צום מויל. זי אַרבעט ווי א משוגענע, זי איז נישט צום דערקענען אַזוי מיאוס איז זי געוואָרן. זי וואַרט אויף איר מיטרעאַן. א פּשוטער חוזק: ווען כ'גיי אַרוים אויפן פעלד, מייד איך זי אויס. אויך די דאָזיקע נאַסטאַסיע, פּריץ, האָט צוטרוי צו דער פּאַרטיי. זאָלסטו נישט שטאַרבן?

— זאָלסט נישט שטאַרבן, לונגו, האָט געענטפערט דער פּריץ קריסטעא מיט א פינסטערן בליק. — מיר ווילן לעבן און מיר ווילן זען.

— ס'איז נאָך דאָ, פּריץ.

— כ'וויל שוין גאָרנישט הערן, גיצע. עס נודעט מיך. קום צו מיר, מיר זאָלן זיך איבערשמועסן און איך וועל דיר זאָגן וואָס דו האָסט צו טון. צוערשט פאַר דעם דאָזיקן טשערנעץ, זאָרג איך אַז מ'זאָל אים מאַכן א פּאָליציייאישן פּראָצעס. ער זאָל זיך אביסל אָפּקילן.

— ער באַרויקט זיך נישט, פּריץ; ער האַלט זיך פעסט. כ'גלויב נישט. ווי כ'האָב דיר שוין געזאָגט, ס'זיינען פאַראַן אויך אַנדערע פּאַרטייען, יענע מיט וועלכע מיר האָבן געלעבט ביז איצט. מיר ווילן זיי שטעלן אויף די פיס. איך האָב גע־אַרבעט מיט די ליבעראַלן, וואָס זיי זיינען אויך אין דער רע־גירונג. וואָס זיי טוען? זיי פאַרלירן, דאָרט אומזיסט די צייט? זיי פאַרלירן נישט דאָרט קיין צייט; זיי האָבן אויך אינטערעסן. דו זע זאָלסט אַריין אין דער נאַציאָנאַל־צאַראַניסטישער פּאַר־טיי: אויך די פּאַרטיי האָט אירע לייט אין דער רעגירונג.

— איר זענט גערעכט, פּריץ, לאָמיר נישט שטיין מיט פּאַר־

לייגטע הענט, טאָמיר נישט, פּרעסן אונדז אויף די קבצנים. כ׳וועל קומען צו אייך לויט דעם באַפעל וואָס איר האָט מיר געגעבן. כ׳וויים נישט וואָס צו טון מיטן ברודער מיט מיינעם. אויך פון יענעם קומען אָן גריסן. גאָט זאָל מיר מוחל זיין פאַר די רייד. בעסער וואָלט מיר אָנגעקומען ווען אים אנאַנדערע בשורה.

— דו האָסט מורא פאַר אים? גיב אים מיר איבער!

— יאָ, אָבער, פּריץ ווייס איך? בלייבט עס אַזוי, איך וועל קומען צו אייך.

זיי האָבן זיך צעשיידט. ביידע האָבן געוואָרטשעט, דער פּריץ איז געפאָרן מיט זיין גרינג איינשפּענערל צו די דראָפּיעס, דער מילנער איז אריין אין דאָרף אריין.

אויף אָן אָרט ווי דער שמאָלער וועג האָט זיך לייכט געהויבן אויפן טאָל פון דער ליסא, האָט זיך גיצע לונגו אָפּגעשטעלט און האָט געקוקט אויפן דאָרף וואָס האָט זיך צונויפגענומען ארום דעם קלויסטער. אויף יענער זייט וואַסער, אויף די בערגלעך צו מערב צו, ציען זיך די מאַלורענישע פעלדער.

ס׳איז געווען די רעדע מ׳זאָל מאַכן א לייטישע בריק, מיט די דאָזיקע פאַרפוילטע און געקרייצטע העלצער, וועט מען זיך ווידער אַמאָל געפונען אין דעם צושטאַנד צו זיין אָפּגעטיילט פון דער שטאָט, ווען די שטראָמען וואַקסן; גאָט זאָל אָפּהיטן, ס׳קענען אויך זיין מענטשלעכע קרבנות, ווי אזוי ס׳איז שוין אַמאָל געשען.

מ׳רעדט נאָך אַלץ אין דאָרף פון א בריק פון שטיינער און בעטאָן. די פּרימאַריע, נעבעך, — מיט וואָס זאָל מען מאַכן? די צוזאָגעכצער פון די פּרעפעקטן, אין דער צייט פון די וואַלן זייַנען געבליבן צוזאָגעכצער, ס׳האָט זיך פון זיי אויסגעלאָזט א בוידעם. די מענטשן ווילן נישט מיטשטייערן: זאָלן געבן די רייכע! די רייכע ווידער וואָלטן געגעבן זייער חלק, זיי ווילן פריער אָבער זען מ׳זאָל עפּעס צונויפנעמען פון די אַנדערע.

— וואָס זאָל מען נעמען ביי אַזעלכע בעטלערס? האָט גיצע לונגו אין זיך געלאַכט. אייגענטלעך קען מען זיך נאָך באַנוצן א שטיק צייט אויך מיט די צעפוילטע העלצער, ביז ס׳וועט נאָך עמעצער אומקומען. ער האָט זיך פּלוצעם דערמאַנט

אז דער גלח האָט מיט אים גערעדט וועגן א פּאַראַסטאַס און וועגן די עלטערנס הזכרה. ביי די זיבן יאָר האָט ער געמאַכט פאַר זיי א פּראַזניק, צו ניין יאָר, ווידער; און אצינד זאָגט ער אַז מ'דאַרף אויך צו די צוועלף יאָר. דער גלח נאַיע פאַר־געסט נישט זיינע חשבונות און האָט זיי אָנגעשריבן אין זיין ספר הזכרונות. גראַדע אינעם יאָר ווען ס'איז דאָ אַזויפיל הוצאות צו מאַכן פאַר די טויטע, איז מיר איינגעפאַלן כ'זאָל צו וואַרפן די צוויי פּאַגאַנעם ערד יענער שליוכע, וועלכע האָט געמאַכט חוזק פון אונדז. דאָס איז אויך געווען אזא שפּיל: דער עולם זאָל זיך באַרויקן און נישט אַזויפיל ריידן.

וויים איך וואָס! ס'הייבט זיך נישט אָן! וויאַזוי קען ער זיך באַרויקן, אז די דאָזיקע אוצא אניסעאַסקאַ האָט אַרויסגע־נומען די מויד און מאַכט פון איר א גאַנצע קאָמעדיע?

— זעסט וואָס האָסט געטון, גיצע? קלינגט אים אין די אויערן דעם ווייבס מוסר. דער מילנער האָט געקלאַפּט מיטן שטעקן אויף דער ערד.

זע נאָר ווי סטאַנקאַ, ברענגט אים דערצו, ער זאָל שעלטן ווען ער גייט נעמען דאָס הייליקע ברויט פונעם קלויסטער און עס צעטיילן צווישן די קריסטן. א רוח אין דער קוקווייקעס תפלה אריין!

צווישן די אַסאַך זאָרגן און געשעפטן, האָט דער מילנער דאָס אויך אין זין געהאַט. ער האָט געקלערט וויאַזוי ער זאָל זיך אָפּשאָקלען כאָטש דעם האַרבסט, פון דער צרה מיט די פּאַגאַנעס.

ער גייט ברוגז צום קלויסטער צו, שאַרנדיק צו ביסלעך די שטיוול. ער איז געווען אָנגעטון מיט די ווייסע שטאָפּענע־קליידער. די פויערטעס וואָס זיינען דורכגעגאַנגען די בריק פון דער ליסאַ צו זייער קלויסטערל, האָבן אים דערזען פון דער ווייטענס און האָבן אים געוואונטשן, ער זאָל באַקומען א וואַסער־געשווילעכץ און ס'זאָלן אים באַגיסן קאַלטע אנגסטן, ווי מע שעלט א שונא.

זייער קלויסטערל האָט זיך געפונען בשכנות מיט נאַסטאַ־סיעס ערד, לעבן א וואַסערל וואָס איז געקומען פון אונטער די בערג פון מערב־זייט, אונטערן שאָטן פון אַלטע ביימער.

אויף יענע אלע בערג, וואָס זיינען היינט אָפּגעריזעט פון די שטורעמס פון די רעגנס, איז פאַרצייטענס געווען א וואלד. פון יענעם גרינעם אינדזל איז פון איינזאַמקייטן מער נישט געבליבן ווי דיביימער, און א קלעבעדיקע ערד, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט אונטערגעבן די מענטשן. אונטער די אַלטע ביי־מער, דאָ און דאָרט דערנער. נאַסטאַסיעס עלטערן האָבן אויפ־געבויעט אויפן ליכטיקן פלאַץ צווישן די ביימער, א שטיבל פון בלעטער. יעדן פרילינג האָט מען עס געדאַרפט צורעכט מאַכן, ווייל, האַרבסט און ווינטער, ווען קיינער האָט דאָרט נישט געוווינט, האָבן זיך באַנוצט דערמיט די ווייניקע דורכ־גייער. ווען סטויקאַ טשערנעץ האָט אים פרילינג צוגעהאָלפן אַקערן, האָט ער אויך צוגעלייגט א האַנט, צוזאַמען מיט די פּזיערטעס, צו פאַרשטאָפּן מיט פרישע בלעטער און דעקן מיט סטוף פונעם טאָל יענץ שוואַכע שטיבל.

לעבן דער אַניִנעאַסקאַ און נאַסטאַסיען זיינען צוגעקומען אַנאַ וואָס מען האָט איר א נאָמען געגעבן די נאַרישע און וועטאַ, די טריגלאַיערנס שוועסטער. ביידע האָבן חתונה געהאַט פאַר צוויי ברידער: אַנאַ פאַר טודאָסע לאַיון, יענער וואָס איז פאַרצוקט געוואָרן פון די וועלף, מ׳האָט אים גערופן דער נאַר, פון וועמען די אַלמנה האָט געירשעט דעם צונאָמען; און וועטאַ פאַר ראַדו לאַיון, וואָס איז נישט צוריקגעקומען פון דער מלחמה פון 1917 יאָר און מ׳האָט פון אים שוין גאָרנישט גע־הערט. זיי האָבן אויך געהאַט א שטיקל ערד לעבן נאַסטאַסיעס, וואָס זיי האָבן באַקומען פון די מענערס קרובים פאַר די קינ־דערס וועגן. איצט זיינען שוין די קינדער מאַנספאַרשוינען — וואָס זיינען אויך אוועקגעפירט געוואָרן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, כדי ס׳זאָל זיך אומקערן אפשר נאָר דער נאָמען און נאָר דער אָנדענק אַז זיי האָבן געלעבט און האָבן אויך אַמאָל געליטן אין מאַלו־סורפאַט.

אַנאַ און וועטאַ זיינען אויך געווען אינעםביידל לויט דעם ווילן פון דער אַניִנעאַסקאַ, כדי זיי זאָלן באַהילפיק זיין ווען מ׳וועט דאַרפן. ווייל אַזוי איז די וועלט: אייניקע שטאַרבן, אַנדערע ווערן געבוירן, און נאַסטאַסיע וואַרט אויף דער גליק־לעכער שעה.

כל זמן ס'איז געווען ארבעט ביי די פּאַפּשויעס און ביים ווינקל פון גרינוואַרג לעבן די בוימער, זיינען, די פּלימעניצע און די קוואַטערן געזעסן מער אין שטיבל. ווען ס'איז געוואָרן א שלעכט וועטער, אָדער א יום־טוב; זיינען זיי געגאַנגען אין דאָרף אריין. ביז קיין מאָלו איז נישט געווען ווייטער ווי צוויי קילאָמעטער. זיי האָבן זיך געקענט אריינכאַפּן אין דאָרף אריין אויך אין משך פונעם טאָג. זיי אָבער איז געפעלן צו זיצן דאָרטן, וואו ס'איז גרין און רויק. דערפאַר האָבן זיי גערופן יענץ אָרט „דאָס קלויסטערל".

אינעם וואַסערל האָבן זיך אָפּגעשפּיגעלט די הויכע קרוינען פון די בוימער. אין די דערנער האָבן געליאַרעמט פייגל פון פאַרשיידענע מינים. ס'זיינען געווען אויך גרויסע געלע שפּיל־פייגעל און אמזלען. א קוקוק איז געשטאַנען א ווײַלע מיט זיין פּלוניתטע; דערנאָך זיינען זיי אוועק, נאָכדעם וואָס זיי האָבן באַהאַלטן די אייער אין פרעמדע נעסטן. וועטא און אנא האָבן געזאָגט, אַז פאַריאָרן פרילינג, זיינען געקומען צוויי נאַכ־טיגאַלן. איצט איז מער נישט געווען ווי איינע. מיט דער גאַנ־צער שווערער האַרמאָניע, האָבן זיי זי צומאָל געהערט, בא־נאַכט, ביים שיין פון דער לבנה. נאַסטאַסיע איז געשטאַנען אין דער טונקל כדי מען זאָל נישט באַמערקן דאָס פינקלען פון די טרערן. ס'האָבן זיך אָבער געהערט די זיפצן אירע.

נאַסטאַסיע האָט אָפּגעצערט, נאָר די אויגן אירע זיינען גע־בליבן שיין.

זי האָט אָפּגעצערט פון ארבעט, זאָרגן, און פון בענקען.

ווען ס'איז געקומען די צייט פון פרישטיק, האָבן זיי זיך געזעצט אונטער די בוימער און האָבן אָנגעצינדן דאָס פייער וועגן א מאַמעליגע, די עלטערע פרויען האָבן געהאַט ניין מאָס רייד. נאַסטאַסיע איז געשטאַנען פאַרקלערט. זי האָט רעציטירט אין געדאַנק, ווי א תפלה, די בריוו וואָס זי האָט באַקומען פון מיטרעאַן. זי האָט געהאַט עלף און האָט האָט געוואַרט אויפן צוועלפטן.

„טייערע נאַסטאַסיע, זיי רויק, וואַרט אויף מיר, האָב גע־דולד. איך האָב פאַר דיר צוגעגרייט שטיוולעך, א ווייס קליידל

און א געשטיקטע שירץ, פון דאנען פון די טראַנסילוואַנישע געגנטן, די זאָלסט זיי אָנטון אויף דער חתונה".

די שעה איז געקומען אומפאַרהאָפט, מיטוואָך, די ערשטע וואָך פונעם חדש יוני. דער נייער קאַנדידאַט צו דער וועלט־בירגערשאַפט, איז געווען אַזוי אומגעדולדיק, אַז ער האָט אַזש אומגעוואָרפן די מוטער זיינע אויף דער ערד פון דעםביידל, אַריינשטעכנדיק אין איר שרעקלעכע ווייטיקן. ס'איז שוין נישט געווען קיין צייט און ס'איז שוין מער נישט געווען מעגלעך מ'זאָל פירן אין דאָרף אַריין, דאָס אָרעמע קינד. אוצא האָט געשיקט אַנאַן צו טשערנעצן אַהיים, זי זאָל ברענגען פּייל אויסן בויגן סאָפּיען, סטויקאַס פרוי. וואָס פאַרשטייט זיך אין אַזעלכע זאַכן.

— זאָלסט ברענגען אויך א ציגל, האָט די אַנינעאַסקאַ זיך אָנגערופן. איך האָב געוואוסט אַז ס'קען קומען די שעה אומפאַרהאָפט און מיר האָבן דאָ אַלץ פאַרזאָרגט; נאָר פון א ציגל האָב איך גאָר פאַרגעסן. א גרויסן בוי־ציגל.

נאַסטאַסיען איז גרינגער געוואָרן א ווײַלע און האָט זיך טאַקע צולאַכט, פרעגנדיק צו וואָס פאַר א בנין דאָרף מען האָבן דעם ציגל. אַזוי ווי זי האָט געפרעגט, אַזוי האָט זי ווי־דער אָפּסניי אָנגעכאַפּט די ווייטיקן. זיי האָבן זי אָפּגעלאָזט און האָבן זי ווידער פאַרקלעמט, ביז ס'איז אָנגעקומען סאָפּיע די בובע, אויף א וועגעלע וואָס טשערנעץ האָט שנעל אָנגעטריבן.

זיי האָבן נישט געפונען קיין ציגל. וואו זאָל מען טרעפן א ציגל אין אַזא איילעניש?

די אַנינעאַסקאַ האָט געקלאָגט מיט די הענט אויף די שלייפן. ס'איז געווען א מנהג אין מאַלו־סורפּאַט זייט די בובעס געדענקן, מ'זאָל לייגן א ציגל אונטער דער פרויס רוקן וואָס האָט געבורט ווייען. פאַרוואָס, האָט זיך קיינער דעם קאָפּ נישט געקלאָפּט ער זאָל געוואויר ווערן. מילא, אפשר וועט האָבן די קימפּעטאָרן אין וואָס זיך אָנצוהאַלטן בשעת דאָס קינד וועט אַרויס.

— ס'איז דאָ אין דעם ביידל א מערעזשקע־ערד־הייפעלע, וואָס איז פאַרשטיינערט געוואָרן אין משך פון יאָרן. וועטאַ דאַדו לאיום ווייב איז געווען ביי דער מיינונג; לאָמיר עס איר

געבן, די אָרעמע נאסטאסיע זאָל זיך האָבן אין וואָס אָנצושפּארן.

נאסטאסיע האָט געשריגן א פּארווייטיקטע א לענגערע צייט. ווי אונטערן מעסער. ארום איר זיינען פיר פרויען געקומען צו הילף. ווער מיט בוימל, ווער מיט א פּאָדעם מיט א שערל, ווער מיט א שעפל וואסער. איינע האָט זי געהאלטן אונטער די אָרעמס, צערטלנדיק די קראנקע.

מיטרעא וואָלט געדארפט אויך זיין דאָ. ס'אין געווען נאָך א מנהג, אז דער שולדיקער זאָל אויך אָנוועזנד זיין ביי דעם ווייטיקלעכן מאָמענט, ס'זאָל אים אָנבאָכן די וואָס מוטשעט זיך, זי זאָל אים צעגראטשן, זאָל אים ווארפן אהין און צוריק דעם קאָפּ.

— דער וואָס האָט איר אָנגעטון די צרה איז ווייט, האָט געמורמעלט אנא די תמעוואטע. ווען ער זאָל געווען זיין דאָ וואָלט זי זיך גיכער גרינגער געמאכט.

סטויקא האָט צוגעבינדן די פערד צו די בוימער און האָט געוואַרט א אָנגעבלאָזענער לעבן דעם פייער. אים איז נישט דערלויבט געווען ער זאָל אָנטיילנעמען אין אזא פארבאָרגנקייט. די צייט איז געווען א רויקע, ס'האָבן געוואָרקעט אין זייערע נעסטן די טייבעלעך, און די געלע פייגעל האָבן חוזקדיק געפייפט.

— די דאָזיקע, זאָגן פון פריער אָן, וויאזוי מ'זאָל א נאָמען געבן דעם קינד. האָט וועטא אויפגעקלערט, ווי די עלטסטע צווישן די אָנוועזנדע.

— גלייך מ'וואָלט עמעצן געהרגעט האָט סטויקא טשערנעץ געשעפּטשעט, הערנדיק. דער מייסטער וויקו, דער ברודער מייי־נער, האָט אונדז געזאָגט, מיר זאָלן זאָרגן וועגן א דאָקטער און וועגן אלץ וואָס איז היינט צו טאָג פאראן כדי צו פארגרינגערן אזעלכע ווייטיקן. די באבעס לאכן; זיי ווייסן בעסער. נאָר אדם און חוה, די ערשטע עלטערן, זיינען נישט ארויס פון פרויאישע קווילן". מעשיות!

ביים זון אונטערגאנג איז די שרעק פון דעם ביידל פאר־היגדערט געוואָרן. ס'איז שטיל געוואָרן אין וועלדל. ס'האָט גע־קלינגען דער קלויסטער־גלאָק. ס'איז צוגעקומען דעם וועלטל פון מאלו־סורפאט א יינגל. ער האָט שווארצע אויגן, ער סאמעוועט מיטן פאָטער זיינעם; ער האָט געגעבן א שטויס דער מוטער; ער האָט געשריגן אויף דער הייבאם בשעת זי האָט אים אָפּ־געשניטן דעם נאָפּל.

XX

ס'האָט געלעבט אין מאלו סורפאט אן אלטער זינגער וועלכן מ'האָט גערופן וועסעלין דער פידל שפילער, מיטן צונאָמען בר־מזל.

— ס'מזל האָט דיך געטראָפן ? האָט אים סטויקא טשערנעץ געפרעגט אין א פארזאמלונג. זיי זיינען געווען גוטע ברי־דער.

— ס'האָט מיך גאָרנישט געטראָפן. האָט מיט א ביטערן לאך געענטפערט דער קינסטלער.

זיין גליק איז שוין געווען אזעלכס ער זאָל זיין א קבצן אין זיבן פּאָלעס.

— אזוי איז מיר געווען אָנגעשריבן, ער האָט צוגעגעבן : נישט אויפן שטערן, נאָר אין קריסטעאס ביכער. ער האָט מיר אנומעלט געגעבן זעקס צוואנציקער. ס'האָבן זיך פארדאָפּלט די יאָרן, און די צוואנציקער האָבן זיך אויך פארדאָפּלט. פון צייט צו צייט ליידט מיך איין די מאדאם דידינא כ'זאָל איר שפּילן ער אָבער איז מיר נישט מוחל דאָס פּראָצענט ! איך ארבעט פאַר אים זומער, איך שפּיל אים אָסיען ; כ'קען מיך נישט אָפּצאָלן.

— ער וועט דיר פענדן דעם פידל, וועסעלין.

— דאָס איז נישט מעגלעך; אָנעם פידל שטארב איך. מיין פידל איז מער ווערט ווי צוויי אָקסן.

— ברודער וועסעלין, נישט דאָס סאָסנע־ברעטל איז דער עיקר, נייערט דער טאַלענט וואָס שפרודלט אין דיין נשמה.

אין יענעם זומער, נאָך די רעגנס, איז דער ווייץ צו זיך געקומען. קריסטעא האָט מודיע געווען דער געמיינדע אז מ'זאָל שיקן בינדן די סנאָפּעס און צום דרעשן, די בעלי חובות, די פּויערים האָבן זיך געלאָזט שווער און האָבן געוואָרפן בייזע בליקן.

דער פּרימאר האָט זיך נישט געקענט איינגענען; דאַנציש דער פּלוטאָניער־מאזשור איז זייער אָפּט געדרופן געוואָרן צו דער קאָמפּאניע. אין דעם טאָג וואָס איז באשלאָסן געוואָרן צו בינדן די סנאָפּעס האָט דער באַיאר באפוילן „יענעם בר מזל" ער זאָל קומען שפּילן פאר די ארבעטער כדי צו פארמילדערן זייערע בליקן.

דער פידל־שפּילער האָט אויך גוט געזונגען. צווישן אנדערע האָט ער אויך געזונגען איין אלט לידל, וואָס איז אמאָל זייער באקאנט געווען און האָט זייער געפעלן אויך דעם דריי־גאָזיקן.

ווען די ווייבלעך טוען זיך באווייזן
זייערע לייוונטן אויסווייסן,
דערזעט מען זייערע פיסאלעך
ווייסינקע ווי די קאַטשקעלעך.

די מענער זיינען נישט אויפגעלייגט געוואָרן, די פרויען אודאי נישט.

עהע! ס'קען זיין אז אמאָל זיינען געווען די פיס פון די חנעוודיקע פון מאלו־סורפאט, ווייסע, ווען די פריצים האָבן געזייעט ווייניקער ווייץ און האָבן נישט ארויסגענומען דאָס פרויען־געשלעכט צו דער ארבעט. די ווייבער זיינען געווען צו־געטוליעט צו דער שטוב צו דער ווירטשאפט, די גאנצע משא איז געפאלן אויף די לייב־אייגענע, אומזיסטיקע ארבעט פארן פּריץ, פירן האָלץ פונעם וואלד, אומזיסטיקע ארבעטן אויף די

שטראָזן, מיט די פערד און וועגעלעך, און פאַרשיידענע אַנ־דערע שטייערן...

די ווייבער האָבן ווינטער געוועבט לײַנען־געוואַנטן און זומער געוויסט.

„קוקט זיי נאָר אָן! פאַרברענטע פון דער תמוזדיקער היץ, מיט פאַרעלטערטע פּנימער, מיט הענט און פיס ווי שוואַרצע דרענגלעך, אויסגעטריקנטע און צעשפּאָלטענע: שוואַרצע גענדזלעך, שוואַרצע בריסטן, שוואַרצע ליפּן. זיי זײַ־נען געווען געריבעט זיי זאָלן זיך שעמען מיט וועסעלינס ליד. און די מענער האָבן געשאָלטן די פּריצים ווייל זיי האָבן פאַר־מינערט און האָבן פאַרשמוצט אייניקע פון די שענסטע אוצרות.

שווייג טייערינקער וועסעלין. האָבן צומאָל אייניקע אַרבעט־טער אויסגעשריגן, מיר קומען דאָ אום פון עקל און פּיין.

דער דרייטאָזיקער האָט באַמערקט אַז דער בר־מזל האָט אוועקגעלייגט דאָס פידעלע אויף אַ סנאָפּ.

— שטיי נישט, ציגיינער, מיט פאַרלייגטע הענט, כ׳גיב דיר אַ טשמעלע! דו ביסט נישט אין דיין כאַטע, נאָר ביי פּריצע־שער אַרבעט, כ׳באַצאָל דיר: דריי מיטן סמיטשיק און מיט דער צונג!

דער פידלער האָט אָפּגעדרימבעט אַן קוראַזש אייניקע טאַנגאָ־מעלאָדיעס וואָס ער האָט זיי געבראַכט פון דער שטאָט. אָבער וויאַזוי קריסטעא האָט זיך גערירט פונעם אָרט און איז אוועק אין הויף אַריין האָט זיך וועסעלין געגעבן אַ וואָרף מיטן הינטן אויף דער ערד און האָט זיך געריסן דעם קאָפּ מאָלנדיק מיט די ציין.

אין אַ זונטיק אויפדערנאַכט האָט סטויקאַ טשערנעץ דער־ציילט דאָס געשעעניש, ביי אוצאַ אַנינעאַסקאַ אינדערהיים. ער האָט געבראַכט אויך זיין ווייב,ביידע זיינען געווען נאַסטאַסיעס מחותנים און האָבן זיך געפּרייט מיט דעם ווילױנגעשקייט פונ־געם פּיצאָלע וואָס האָט בייגעקומען זיין שוואַכינקע מוטער.

— ס׳איז אים נישט גענוג וויפיל איך גיב אים צו זייגן ער קלאַפּט מיך מיט די פיס, האָט זיך געקלאָגט נאַסטאַסיע.— זיי רויק טאַסיע, שלאָף!

טאסיע האָט נישט געוואָלט שלאָפן: ער איז געשטאַנען מיט אָפענע אויגן און געקוקט אויפן עולם; גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט יעדן אויסמאָלן: די קוואַטערס, אוצאַן די אַלטע וועטאַ און אַנאַן, דעם זעווזעקס אַלמנה.

אַזוי ווי טשערנעץ האָט אָנגעהויבן ווייטער דערציילן די מעשה אין דער שטיל, איז דאָס קינד מיטאַמאָל אַנטשלאָפן געוואָרן.

— נאָכדעם וואָס ס'האָט זיך געענדיקט דאָס בינדן די סנאָפּעס, איז וועסעלין געגאַנגען באַקומען זיין לוין, אַזויווי דער בעל־הבית האָט צוגעזאָגט.

— וואָס פאַר אַ לוין? מאַכט קריסטעאַ: דו ביסט מיר נישט שולדיק קיין געלט?

— „אויב אַזוי, ציט מיר אָפּ פריץ פונעם חוב פיר הונ־דערט ליי".

— וואָסזשע פאַר מיר האָסטו געשפּילט? זאָלן דיר די אַרבעטער באַצאָלן. כ'וועל זיי אָפּציען, יעדן עפּעס, און וועל דיר געבן. קום דעם אַנדערן זונטיק.

דער פידלער קומט דעם אַנדערן זונטיק:

— „אומזיסט ביסטו געקומען, דו וועסעלין; כ'האָב נאָך נישט די מענטשן געמאַכט די חשבונות זאָל זיי דער רוח נעמען".

— „איך וואָלט געזאָגט, פריץ, אַז איך זאָל מיך מיט זיי אַליין איינפאַרשטיין, ווייל מיר זיינען גוטע פריינט, און איר זאָלט מיר אָפּציען פונעם חוב, ווייל כ'בין געקומען לויט אייער באַפעל און נישט די מענטשנס".

— „כ'וועל שוין זען, כ'וועל צוטראַכטן, האָט געענטפערט קריסטעאַ. שטיי נאָך דאָ אַביסל, ביז כ'וועל ענדיקן עטלעכע געשעפטן וואָס איך האָב מיט גיצע לונגון".

וועסעלין האָט געוואַרט און געוואַרט. ווי אַ פידלער מיט אַ גוט געהער האָט ער פאַרשטאַנען אַז דער דריינאָזיקער האָט צוגעגרייט צוזאַמען מיט דער ליבעראַלער פּאַרטיי פון בוקאַ־רעשט ער זאָל מאַכן גיצע לונגון פאַר וויצע פּאָרזיצער אין דער פּרימאַריע פון מאַלו־סורפּאַט. ער וואָלט אים געמאַכט פאַר פּאָרזיצער, קען אָבער לונגו נישט לייענען און נישט שרייבן.

אזוי אז פּאַרזיצער בלייבט אַלץ פּאַפּעסקו, און גיצע לונגו אַלס וויצע פּאַרזיצער וועט דורכפירן אין דער געמיינדע אַלע פּריי־ צישע באַפעלן. דער דריינאַזיקער האָט באַמערקט אַז דער עולם רירט זיך און ווייזט אַרויס אַ רוגזה. ער שטופּט פּאַרויס גיצען: ער זאָל זיך קריגן, ער זאָל דראָען, ער זאָל זיך באַרען מיט זיי.

קריסטעאַ האָט זיך אומגעקערט צום פידלער:

— ביסט נאָך נישט אוועקגעגאַנגען, דו ציגיינער דו? וואָס וואַרטסטו נאָך? כ׳האָב נעזאָגט גיצען. אַזוי ווי ער איז פּאַר־ זיצער פון דער געמיינדע. זאָל ער צונויפזאַמלען וואָס עס קומט דיר פון יענע וואָס האָבן געבונדען די סנאָפּעס, פאַר וועלכע דו האָסט געשפּילט".

„— אפשר וואָלט איר מיר אָפּגעצויגן פונעם חוב?"

„— דאָס איז אַנאַנדער ענין".

נאָך אַ וואָך צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די מאַלו־ רענער זיינען פאַרטראָגן געוואָרן אין די רעגיסטערס אַז זיי דאַרפן באַצאָלן פאַרן שפּילן; און וועסעלינען האָט מען אָפּסניי צוגעשטעלט פראָצענט. ווייל ער האָט געשפּילט און נישט גע־ אַרבעט אין יענע טעג.

— דער הייליקער איליע זאָל אויף אים אַ דונער וואַרפן. און זאָל אים דער שלאַק טרעפן, האָט וועטאַ אים געשאָלטן. אַזוי איז עס, מיר זיינען געווען אויף אַרבעט אין די דראָפּיעס און ער שטעלט אונדז צאָלן טאַקסע. מיך און אַנאַן, גלייך ווי נאָר דאָס האָט אונדז אויסגעפּעלט! מיר האָבן זיך קוים אויפ־ געהאַלטן דאָס חיות אין אַזאַ היץ און אין אַזאַ פּאַרעך! ער האָט אונדז צוגעשטעלט צום חשבון צו פיר ליי. און אויב וועס־ סעלין האָט פאַר אונדז געשפּילט, לאָמיר אים געבן דאָס געלט. ער האָט אָבער איינגעהאַלטן דאָס געלט אין דער קאַסע. וואַרגן זאָל ער זיך דערמיט! ס׳וואָלט מיר נישט גאָרנישט געוואונדערט ווען „גיצע לונגו" וואָלט ביי אונדז פאַרלאַנגט צו פיר ליי און אויב מיר האָבן נישט קיין געלט קענען מיר געבן אַ קויבער מיט פּאַפּשויעס.

די אַנינעאַסקאַ האָט זיך געוואונדערט:

— לאָזט זיך אַזוינס גלויבן?

— אויב אזוי קען מען זיך פון אזא פארשווין זיך רעכטן אויף אלץ. ער וועט נישט וואגן צו מאָנען ביי שטארקערע מאנסבילן, ביי אָרעמע און ביי אלמנות אָבער וועט ער נעמען. אזעלכע לייט ווי לונגו און ווי דער דרייגאָזיקער זיינען נאָך ארגער ווי די רויבער וואָס באפאלן דיך אויפן וועג.

— איך וועל גיין צו גיצען, האָט סטויקא טשערנעץ זיך אָנגעברוגזט, איך וועל אים אויפקלערן אז ער זאָל זיך נישט ארויסווייזן אלס א שונא פון דער מלוכה, ווייל ס'וועט אים גיין שלעכט. ער האלט מיטן פריץ. ער פארשפעטיקט מיט דער ערד פארטיילונג וואָס דאָס געזעץ זעט פאָר; ער שטעלט צו־נויף און צעלאָזט די קאָמיסיעס. זיי האָבן אייניקע פארשמירט די אויגן מיט עטלעכע צענדליק פאָגאָנעס פון האדזשוי. זאָלן נאָך ווארטן די קבצנים, שרייט ער! ער איז געשוואָלן געוואָרן פון אזוי פיל גדלות, ווי פון גיפט: ער וועט צעפיקעט ווערן!
וועטעאס אויגן האָבן זיך פארגרעסערט:

— מיין שוועסטער קיצא טריגלאָיא, האָט מיר געזאָגט. האָט זי סודות־פול געשעפטשעט, אז זי האָט געחלומט דאָנערשטיק באנאכט, אז מ'פירט צום הייליקן אָרט גיצע לונגון, אויף א רעגנס־וועטער, אז איך און זי האָבן באוויינט דעם טויטן און אין דער זעלבער צייט האָבן מיר אויך געלאכט.

סאָפיא די קוואטערן, האָט געשווינד דריי מאָל געצלמט דאָס קינד.

אנא האָט געפרעגט:

— און איך בין נישט געווען דאָרט? וואָס האָט דיר קיצא געזאָגט?

— ביסט געווען: דו האָסט אויך געקלאָגט.

אנא זעוועאקא האָט זיך געפרייט.

אינדרויסן האָט דער הונט אויף דער קייט אָנגעהויבן האס־טיק צו האווקען. ער האָט זיך באלד בארויקט. ס'האָבן זיך אויך געהערט שריט און קולות. נאסטאסיע האָט זיך אויפגע־הויבן אויף די פיס, טראָגנדיק מיט גרויס אויפמערקזאמקייט דאָס קינד, און איז אריין אינעם צווייטן צימער. ס'האָט זיך געזעעשט אז ס'קומען צו אוצאן, אין יענעם אויפדערנאכט, איר ברודער מאנאָלע ראָשיאָרו מיט צוויי מענטשן פונעם דאָרף

וואָס זיינען נישט לאַנג דעמאָביליזירט געוואָרן. די לעצטע זיינען טאַקע געקומען אין דעם זעלבן טאָג און האָבן געבראַכט אַ ידיעה פון קאָקאָרן: אַ בריוו מיט פינעף שטעמפּלען. ס׳האָבן אים געבראַכט צוויי: טאָמער טרעפט זיך עפּעס מיט איינעם, זאָל אים דער צווייטער נעמען און זאָל אים איבערגעבן אין נאַסטאַסיעס הענט, אָדער אין אַנינעאַסקאַס, אַזעלכע בריוו זיינען נאָך געקומען דורך אַנדערע דעמאָביליזירטע. נאַסטאַסיע האָט זיך באַקלאָגט אַז „נאָר אירער קומט נישט" איצט וואַרט זי מיט אַ פּאָכענדיק האַרץ און מיט טאַסיען אויף די הענט, לעבן דער טיר וואָס איז נישט געווען גענצלעך צוגעמאַכט. די הענט זיי־נען איר געווען פאַרנומען און זי האָט זיך נישט געקענט אָפּ־ווישן די טרערן וואָס האָבן זי באַגאָסן.

אינעם גרויסן צימער ווי די איבעריקע זיינען זיך צונויפ־געקומען, זיינען אַריינגעדרינגען טריט און ס׳האָבן זיך געהערט שטאַרקע קולות. אָבער באַלד זיינען די קולות שטילער געוואָרן. מיט אוצאַס ברודער זיינען אַריינגעקומען איליאַר גריגאָרע און פּעסקאַרו סימיאָן.

— איר האָט געבראַכט דעם בריוו? האָט געפרעגט נאַנאַ אוצאַ, מאַכנדיק מיטן אויג צו דער טיר פונעם שכנותדיקן צימערל.

— געבראַכט, האָט איליאַר געענטפערט.

— גוטע בשורות?

— גוטע.

נאָך דעם ווערטער אויסטויש, האָט נאַסטאַסיע שוין מער גאָרנישט געהערט, זי האָט אָנגעהויבן איבעראַשט צו ווערן נישט געפינענדיק זיך קיין פּלאַץ, וואַרטנדיק יעדע רגע אויף דער טייערער מתנה.

— מיטרעאַ איז אין שפּיטאָל האָט ער שטילערהייט געזאָגט דער אַנינעאַסקאַ. ער איז אויך דעם פרילינג געווען, ער האָט אָבער אייך נישט מודיע געווען, כדי איר זאָלט אייך נישט שרעקן. ס׳איז אים אַריין אין דער לינקער דיך עטלעכע גראַנאַט־שפּענדלעך. ער איז געלעגן 15 טעג אונטער דער אויפזיכט פון די דאָקטוירים. זיי האָבן אים באַפוילן ער זאָל בלייבן אין שפּיטאָל: ער האָט נישט געוואָלט פאָלגן און האָט פאַרלאַנגט

מען זאָל אים תיכּף שיקן אויפֿן פראָנט. ער איז געווען פֿול מיט אומרו און אימפּעט... ערשט נישט לאַנג האָט אים ווידער אָנגעהויבן ווי צו טון דאָס אָפּערירטע פּלאַץ; ס'האָט זיך גע-געמאַכט אייטער אינעווייניק. די דאָקטוירים האָבן אים אָפּסניי געטומען אונטער זייער אויפזיכט און האָבן באַשלאָסן אַז מ'זאָל אים נישט אַרויסלאָזן ביז וואַנען ער וועט קאָמפּלעקט אויסגע-היילט ווערן. מ'האָט אין אים געפונען נאָך צוויי שפּענדלעך ווי יענע. מיר האָבן אים געזען איידער מיר זיינען אוועקגעפֿאָרן. איצט איז אים בעסער. וויאַזוי מ'לאָזט אים פריי, קומט ער פֿייל אויסן בויגן אהיים. ער שרייבט אַלץ אין בריוו וועלכן מיר האָבן געבראַכט.

— ס'פֿרייט מיך זייער, האָט געענטפֿערט מיט אַ העכער קול אוצא, כּדי ס'זאָל זיך אַריינהערן אין שכנותדיקן צימערל, כ'בעט אייך צו וואַרטן אַ ווײַלע, ביז איך וועל ברענגען פּלוי-מען־בראָנפֿן מיט פֿאַרבייסן.

די אַנינעאַסקאַ איז ווי אַ וויכער געלאָפֿן צו דער פֿלימעניצע און האָט איר איבערגעגעבן דעם בריוו מיט די פֿינעף זיגלען

— גוטע בשורות טײַערינקע.

זי איז דערנאָך אַריין אין קעמערל.

נאַסטאַסיע האָט פֿיבערהאַפּטיק אָפּגעריסן די זיגלען. בשעת לייענען איז זי קודם בלייך געוואָרן: די אויגן זיינען אָפּסניי אָנגעפֿולט געוואָרן מיט טרערן, דערנאָך איז זי ביסלעכווייז רויק געוואָרן. די שרעק איז פֿון איר אוועק, דאָס האַרץ האָט זיך איר באַרויקט, מיטרעא האָט זי פֿאַרזיכערט אַז ער קומט אין אַ קורצער צייט. אין אַ אויפֿדערנאַכט אָדער אין אַ אינדערפֿרי וועט ער זיך פּלוצעם באַווייזן אויף דער שוועל. ביז דעמלט וויל ער וויסן וואָס ס'טוט דאָס קינד.

זי האָט פֿאַרמאַכט די אויגן און האָט אויף דער אמתן פֿאַר זיך געזען מיטרעאַן: אויף זיינע אויסגעשטרעקטע הענט האָט זי אַרויפֿגעלייגט דאָס קינד; דאָס איז געווען איר טייערסטע מתנה.

זי איז געבליבן אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט, באַלויכטן פֿון יענעם געזיכט, דערנאָך האָט זי זיך שנעל אויסגעווישט די אויגן און האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים טישל אים צו ענטפֿערן.

אין יענער צייט, אין מאלו־סורפאט, פלעגן זיין ווייניק יונ־געליט וואָס האָבן געקענט שרייבן און לייענען, זיי האָבן באַנוצט, אין זייערע ליבע אָדער פריינטשאפט־בריוו, פארשיידענע געגראַמטע מליצות. יעדער האָט זיי געקענט, זיי האָבן זיי געקענט אויסנווייניק.

כ׳נעם אין דער האנט מיין בליי און שרייב —
מיט בענקשאפט און פרייד איז פול מיין לייב...

אָדער:

מיט פארגניגן טו איך דיר שרייבן
פאר א טרייסט זאָל דיר דאָס בלייבן —
אויף אלץ וואָס כ׳האָב געשריבן
האָבן זיך טרערן און קיש צונויפגעקליבן.

די דאָזיקע און אנדערע גראמען האָבן דערזעצט א באקאנט אלט לידל, וואָס איז שוין לאנג אריין אין פארגעסנהייט:

פאר אלעמען ווינטש איך אז מיין קליין שרייבן...

אזוי האָט אויך מיטרעא אָנגעהויבן זיין ערשט קארטל. אָבער זייט דעמלט איז אוועק צייט, און די זאכן ענדערן זיך כסדר אויף דער דאָזיקער וועלט.

עס זיינען אויך געווען אזעלכע, צווישן זיי אויך נאסטאסיע, וואָס האָבן געליגן וועגן זייערע בריוו גראמען פון די ביכער ארוים אָדער אמיינסטן פון דער נישט געשריבענער פאָלקס־פאָעזיע.

כאָטש די געליבטע פון דעם וואָס איז ווייט, האָט זיך שוין לאנג געהאט צוגעגרייט אים אויף א ליבלעכן אויפן אָפּצומוסרן האָט זי לאנג נישט געקלערט. זי האָט גאָרנישט אינטערעסירט וואָס מ׳סודעט זיך אין דער שכנותדיקער שטוב: די אומצופרידנהייט פון די אָרעמע, דעם דריינאָזיקנס רשעותן, גיצע לונגוס באטריגערייען, די ברויזנדיקע אויפשטאנדן. זי האָט אָנגעהויבן — פארטיפנדיק זיך מיטאמאָל אין א אייביקייט אין וועלכער ס׳האָט זיך געפונען נאָר צוויי נפשות:

זי און מיטרעא.

— איר גוטער קאָקאָר, שיק מיר נישט אזוי פיל בענקשאפט דורך אלעמנס מויל, שיק מיר ווייניקער און קומט איר מיט איר. ס׳האָט מיך זייער געערגערט דערווייסנדיק זיך פון די ליידן

וואָס האָסט געהאט אויסצושטיין אין שפּיטאָל, איצט אָבער פריי איך מיך מיט דער בשורה אז אינגיכן קערסט דו זיך צוריק אהיים. זיי וויסן אז טאַסיע איז א יונגאַסש מיט ביינער און וואַקסט זעענדיק מיטן אויג, פאַר בענקשאַפט צו אייך, פאַרקוק איך מיך אויף די ביימער.

נאַטאַסיע האָט געשריבן אַסאַך אַנדערע זאַכן איר מאַן און ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן אַז זי האָט אים לעבן זיך און שעפּטשעט צו אים.

XXI

אין די קומענדיקע וואָכן האָט זיך פאַרשפּרייט אינעם דאָרף מאַלו־סורפאַט די ידיעה, אַז מיטרעא קאָקאָרן דאָרט וואו ער געפינט זיך, גייט נישט גוט. איניקע האָבן געזוכט צו האַלטן די ידיעה בסוד איבערהויפּט די פרויען. נאָר ווי קען מען האַלטן א סוד ווען די גאַנצע וועלט ווייסט? ס'איז טאַקע געקומען פון אים אַליין א בריוו; ער איז אין שפּיטאָל; ער איז קראַנק; ער איז געוועזן אָפּערירט; גאָט ווייסט צו ער וועט זיך אומקערן! ער האָט מסתמא אַזוי ווי די דאָקטוירים זאָגן די בראַנד דאָס הייסט פאַרפוילט פלייש. דער פוס איז אים בראַנדיק געוואָרן.

אייניקע האָבן טאַקע געהערט גיצע לונגון אַליין ריידנדיק דערפון אין דער פּרימאַריע.

— וואָס קען איך אים טון? האָט גיצע געזאָגט. ס'איז מעגלעך כ'זאָל זיך אים אומקערן נאָר דער נאָמען. מ'קען נישט זאָגן אַז ס'טוט מיר נישט וויי דאָס האַרץ פון אַזא געשעעניש. ער האָט מיך נישט געהערט און איצט ליידט ער.

אווראַם סירבו האָט אים געפרעגט צי ער האָט באַקומען בריוו.

— כ'האָב גאָרנישט באַקומען, האָט א פאַרביטערטער דער

וויצע־פאָרזיצער פון דער פּרימאַריע געענטפערט. אַזוי דאַנקבאַר איז ער דערפאַר וואָס איך האָב אים אַזוי גוט געלערנט. ער געפינט נישט פאַר נויטיק אַפילו מיר צו ענטפערן. נאָר ס'האָט עמעצער געבראַכט אַ ידיעה מיין אומגליקלעכער שוועגערן. בעסער וואָלט זי געשטאָרבן איידער מיטרעא. זי וואָלט פאַרשפּאָרט צו געבוירן אַ קינד אין אָרעמקייט און וואָלט נישט הוזק געמאַכט פון מיר און פון איר שוועסטער. גאָט וועט זי אָבער אויך שטראָפן.

— וואָס זאָל איך זאָגן? מיר זיינען ביידע פון איין מאַמע. וויפל שנאה ער זאָל מיר נישט געווען אַרויסווייזן, וואָלט איך אַלץ איינמאָל אים געפּאָרן זען: כ'קען אָבער נישט. חוץ דערפון ליגט ער אין שפּיטאָל אַזש אין טורדאַ, און ס'איז ווייט; אויסער דעם בין איך אַזוי פאַרנומען מיט די געמיינדע אַרבעטן אַז כ'קען נישט פעלן אַפילו אַ שעה. די גרויסע האָבן מיר געגעבן די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט; און מיר קען מען גאָרנישט טון. און נאָך עפּעס, ס'קען זיין אַז ביז איך וועל אָנקומען אַהין זאָל דער אָרעמער בחור שטאַרבן, פון דער קרענק וואָס הייסט „בראַנד" קומט קיינער נישט אַרויס אַ לעבעדיקער. אַפילו ווען דער קראַיאָווער בישאָף וואָלט געבעטן פאַר זיין געזונט, וואָלט אויך געווען אומזיסט!

זייט דער באָיאַר קריסטעאַ איז געווען אין בוקאַרעשט און האָט געפועלט ביי די פירער פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי מ'זאָל שטעלן אין דער פּרימאַריע זיין מענטש, איז גיצע נאָך אויסגעוואַקסן, אין דער גרייס ווי די ברייט פון דער דאָלאָניע.

ווען ס'איז אָנגעקומען דאָס פּאַפּיר אַז ער איז באַשטעטיקט געוואָרן אַלס וויצע פאָרזיצער פון דער פּרימאַריע. איז ער העכער געוואָרן מיט אַ שפּאַן. ווען ער וואָלט געקענט שרייבן און לייענען, וואָלט ער געווען פאָרזיצער פון דער פּרימאַריע. דער באָיאַר האָט אים אָבער געזאָגט אַז ס'איז דאָס זעלבע. זיין הויכקייט האָט פּאָפּעסקון באַפוילן ער זאָל זיך אָפּ היטן דאָס פעלכל און זאָל פאָלגן אַלץ וואָס גיצע זאָגט, ווייל ער איז אַ פאַרטריונגס־מענטש. ער זאָל זיך נישט איילען צונויפשטעלן די ליסטע פון די וואָס האָבן נישט קיין ערד, ווי אויך מיט די אָרטשאַפט־קאָמיסיעס. ס'איז געקומען די צייט ווען מ'דאַרף די

אויטאָריטעט פאַרשטאַרקן. זייט א צייט פאַרקרומען די בעטלער די נעז און האָבן אזא הוצפה אז ס'קומט דיר אויס זאָלסט זיי עפּעס וואַרפן אין קאָפּ אריין, עס זיינען אָנגעקומען באַפעלן אויך דעם פּלוטאָגיער מאַזשור דאַנציש ער זאָל זיך אין פאַר־בינדונג שטעלן מיטן אייגענטימער און מיט דעם נייעם וויצע־פּרימאַר. די מיליץ זאָל פאַרשטאַרקט ווערן, יעדערער זאָל וויסן זיינע פליכטן, ס'זאָל זיך ענדיקן מיט די קלאַנגען. ווער עס גלייבט אז די זאַכן וועלן זיך ענדערן, נאַרט זיך אָפּ. ס'איז טאַקע אמת אז דער קעניג האָט אריינגענומען אין דער רעגי־רונג אויך אייניקע וואָס זיינען ערשט ארויס פון די תפיסות וואָס מ'רופט זיי פּראָגרעסיסטן, דאָס איז אָבער געווען צוליב לאַנד אינטערעסן.

די דאָזיקע פּרווון אוים אַלערליי העצעם; זיי זיינען אַזעלכע מינים באָלשעוויקעס און אויב מע וואָלט זיי געלאָזט לויפן, וואָלטן זיי דערלאַנגט מיט דער האַק. אָבער דאַנקען גאָט, דאָס לאַנד איז נאָך נישט הפקר. די וואָס האָבן געהאַלטן ביז איצט דעם רודער וועלן זיי איינשטילן; און דערנאָך וועט מען די אינסטיגאַטאָרן געבן א שמיץ, א טייל העט איבער דער גרענעץ, און די איבעריקע אהין פון וואַנען מ'האָט זיי ארויסגענומען. די דאָזיקע זאָלן אזוי גוט זיין און זיך באַרויקן. זיי זאָלן קומען צום שכל און זאָלן זיך אין זין האָבן. זיי זאָלן ארויסגיין צו דער אַרבעט אזוי ווי דער שטייגער איז און אזוי ווי דאָס געזעץ ווייזט אָן. טאָמיר נישט וועט זיין וויי צו זייער מזל!

גיצע לונגו האָט אויך געהאַלטן א רעדע ווען מ'האָט אים געשטעלט אין דער שפּיץ פון דער פּרימאַריע. ער האָט ארויס־געוויזן קוראַזש און כח אָבער ווייניק מענטשן האָבן אים אויס־געהערט. נאָכדעם וואָס זיי האָבן אים אויסגעהערט האָבן זיי גע־טרייסלט מיט די קוטשמעס און זיינען אוועק.

אין א טאָג, אָנהויב אָסיען, איז דערשינען אין דער פּרי־מאַריע, סטויקאַ טשערנעץ, האַלטנדיק אויף רעכטס און אויף לינקס עטלעכע דעמאָביליזירטע.

— דו גיצע לונגו דו, האָט סטויקאַ געוואַגט צו ריידן, מיר ווייסן אז דער פּרימאַר און דער וויצע־פּרימאַר וואָלטן געדאַרפט זיין אונדזערע מענטשן, וועלכע קענען אונדזערע נויטן. וואָס

פאר א פרימאר האָבן מיר דאָ אין מאלו־סורפאט און וואָס פאר א וויצע פרימאר, אזעלכע וואָס זיינען אונדזערע שונאים? איר קענט נישט אונדזערע נויטן און איר זענט אויפן שינדערס זייט. מיט דער ערד־פארטיילונג האָט איר כמעט גאָרנישט געטאָן. לאָז, ס׳וועלן קומען די וואלן, וועסטו קומען צו אונדז מאָנען די שטימען, מיר אָבער וועלן דיר ארויסשטעלן א פייג.

גיצע לונגו איז רויט געוואָרן פאר כעס. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס, בייז און צאָרנדיק. דערנאָך האָט ער זיך בארעכנט און האָט זיך צוריק אנידערגעזעצט אויסציענדיק די פיס פאָרויס און אָנשפארנדיק זיך אויפן אָנלען פונעם בענקל.

— ערשטנס הייס איך נישט „דו גיצע לונגו דו” האָט ער בייז געקריצט מיט די ציין. איך בין פרימאר. איר זאָלט דרך ארץ האָבן פאר מיר.

סטויקא טשערנעץ האָט געלאכט. ס׳האָבן אויך געלאכט זיינע באגלייטער אָן מורא: אווראם סירבו, גריגאָרע איליאָר און סימיאָן פעסקארו.

— נעמט אראָפּ די קוטשמעס! האָט זיך געקוועטשט אויפן בענקל גיצע: הולטייעס!

סטויקא און די אנדערע האָבן זיך געמאכט נישט הערנדיק דעם דאָזיקן באפעל און האָבן נישט געפאָלגט. זיי האָבן זיך צו אים פארקרומט, זייט־ווערטס.

גיצע האָט געשריגן:

כ׳וועל אייך ציען צום משפט פאר באליידיקונג!

איליאָר האָט אויף אים געקוקט פון אויבן אראָפּ:

— שריי נישט אזוי אויף אונדז. ווייל דו ביסט נישט א אונדזעריקער, אנערקענען מיר דיך נישט. מיר זיינען פארמייר מענטשן.

— וואָס הייסט דאָס?

— וועסט שוין זען!

גיצע האָט אויסגעגלאָצט א פאָר אויגן אויף זיי. די קליינע באאמטן פון דער פרימאריע זיינען געשטאנען ביי דער טיר, הערנדיק.

די אויטאָריטעט האָט טיף איינגעאָטעמט און האָט זיך צעשריגן:

— כ׳וועל אייך ווייזן אינסטיגאטאָרן! כ׳וועל אייך טרייבערן אז ס׳וועט אייך פארגיין דער מאמעס מילך! ארויס!

— ער האָט זיך נישט געקענט אויפהויבן פונעם אָנלען פונעם בענקל. אים אויף צו להכעיס, זיינען זיי נישט אוועקגעגאנגען.

— סוף כל סוף, וואָספארא פרעטענציעס האָט איר, פויערים וואָס איר זענט?

דאָס קול איז אים הייזעריק געוואָרן.

טשערנעץ האָט געמאכט א טראָט צום טיש.

פאר אלעמען זאָלסטו אונדז זאָגן, דו גיצע לונגו, פונוואנען האָסטו אויסגעטראכט דעם ליגן וועגן מיטרעאן? אז ער איז קראנק, אז ער וועט זיך שוין מער נישט אומקערן. פעסקארו, וואָס שטייט פאר אונדז, האָט אים געזען און האָט מיט אים געשמועסט. ער איז קרעפטיקער פון דיר און ער וועט קומען מאָגן ביי דיר חשבון.

גיצע האָט געשוויגן, מיטאמאָל זיך אָפגעקילט, ווי פון א קאלטער כוואליע. ער האָט פארמאכט די אויגן, דערנאָך האָט ער זיי אויפגעעפנט נאָר אויף די העלפט, ארויסטשורנדיק די ציין גלייך ווי ער האָט זיך געחכמהט.

— געמען זאָל אייך... פונוואנען האָט איר אויסגעטראכט אזא מעשה? כ׳הויב נישט אָן צו וויסן דערפון. זאָל מיטרעא קומען געזונטערהייט, אזוי ווי איר זאָגט. אויב ער איז געזונט פארוואָסזשע איז ער ביז איצט נישט געקומען? די חשבונות וועלן מיר מאכן צווישן אונדז ווי ברידער. פארוואָס מישט איר זיך אריין אין פרעמדע געשעפטן?

— דו וועסט אָפגעבן חשבון נישט נאָר פאר יענע חשבונות, איז אויפגעטראָגן געוואָרן טשערנעץ. דו האָסט נישט נאָר מיט אים; דו האָסט אויך מיט אונדז.

— היי, היי, גייט שוין גייט, האָט גיצע א פארסאפעטער זיי געזאָגט, דערווייטערנדיק זיי מיט יענער זייט האנט. כ׳האָב נישט קיין צייט צו פארלירן. פאר דעם באזוך וואָס איר האָט מיר געמאכט, וועט איר אָפגעבן חשבון פארן ריכטער. כ׳האָב נישט קיין צייט צו פלוידערן, כ׳האָב נישט קיין צייט זיך צו

חכמה'נען; מיט אייערע שטותים פארדולט איר מיר דעם קאָפּ. איר פארשטייט נישט? וואָס ווילט איר?

— מיר ווילן נאָר וויסן, האָט טשערנעץ אנטשלאָסן געזאָגט, פארוואָס דו ביסט שבת אויפדערנאכט געפאָרן מיט דעם גרויסן וואָגן פון דער געמיינדע, אין ווערדל אריין, און האָסט באשטייערט די פּאָפּשויעס וואָס די ווייבער האָבן צוזאמענגענומען?

— הא? וואָס? איך וויים נישט פון גאָרנישט. כ'האָב אייך געזאָגט איר זאָלט מיך צורו לאָזן.

— דו ווייסט יאָ. דאָרטן אין ווערדל. דאָרטן האָט נאסטאסיע פארבויעט די פּאָפּשויעס אויף איר ערד. די אנינעאסקא האָט איר צוגעהאָלפן. ס'האָבן זיך צוזאמענגענומען די קאָטשארנעס אויף דעם זעלבן אָרט אויך צוויי אָרעמע פויערטעס: אנא און וועטא. דו האָסט אראָפּגענומען פון די פּאָפּשויעס אוז די דינער פון דער געמיינדע האָבן זיי פארלאָרן. האָסט אָפּגעטון דאָס שטיקל ארבעט צו ניין?

דער וויצע פרימאר האָט זיך אומרויק געדרייט אויפן בענקל.

— זעט נאָר...

— דו האָסט גענומען די פּאָפּשויעס צו ניין? האָט האסטיק געדראָט טשערנעץ.

— זע וואָס ס'איז; כ'האָב מיר נישט רעכנשאפט געגעבן וועגן וואָס ס'רעדט זיך. כ'האָב גענומען סטאנקאס טייל. כ'האָב געגעבן נאסטאסיען פון מיין ווייבס נדן און כ'האָב גענומען פונעם גערעטעניש אביסל, וואָס ס'קומט מיר פאר ארענדע.

— די העלפט הייסט אביסל?

— כ'האָב נישט אויסגערעכנט מיטן פונקט.

— דו האָסט גענומען און קיינעם נישט צו וויסן געטון. דאָס הייסט א רעכענונג? פארוואָס האָסטו גענומען ביי וועטאן און ביי אנאן? מיט פאר א רעכט? די דינער דאמיאן און סאוווא האָבן דיר געזאָגט אז דאָרט געפונען זיך אויך די פּאָפּשויעס פון די צוויי אלטע אלמנות.

— ביי זיי האָב איך גענומען וועגן דעם פידלער וועסעלין.

— באצאָלן דעם פידלער דאַרף דער שינדער; ער האָט

אויךביים דאָרף אָפּגעצויגן, דאָס וואָס ס'האָט געקאָסט דאָס שפּילן.

פונעם צונויפגעקומענעם עולם האָט אויסגעבראָכן א ווייבערישע קללה:

— זינגען זאָל מען אים שוין נאָכן טויט!

דער הער וויצע פּאָרזיצער פון דער פּרימאַריע איז אויפגעציטערט געוואָרן. דערהערנדיק דאָס געשריי פון דער פּויערטע האָט ער אויפגעהויבן דעם אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט אויסגעגלאָצט א פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן צו די פענצטער מיט גראַטעס. די שיין פונעם צימער איז פאַרמינערט געוואָרן פון אזוי פיל מענטשן וואָס האָבן זיך צונויפגענומען לעבן די שויבן. הינטער די מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען לעבן די שויבן זיינען געשטאַנען אנדערע קאָפּ אויף קאָפּ, ביז אין דער גאַס אַריין. פון דרויסן האָט זיך געהערט א גערויש פון אומקלאָרע שטימען; ווען און ווען האָט אויך עמיצער - צאָרנדיק געשריגן. גיצעס ווירדע איז געגצליך פאַרשוואונדן.

ס'האָט זיך צונויפגענומען אזא גרויסער עולם כדי ביי אים צו פאַרלאַנגען חשבון וועגן דעם ענין וועגן וועלכן סטויקא האָט מיט אים גערעדט? צו וועגן פאַרטיילן דעם באָדן, וואָס מ'לייגט אלץ אָפּ.

„דער דאָזיקער קריסטעא שטעלט נאָר מיך ארויס ווי דאָס געפאַר איז גרעסער". אָדער אפשר וועגן אנדערע ענינים וואָס די דאָזיקע באָלשעוויקעס האָבן מיך פאַרמסרט! ווייל דער הער וויצע פּרימאַר פון דער פּרימאַריע האָט געוואגט צו גלייבן, אז אזא מאכט-האָבער ווי ער האָט זיך גערעכנט, קען זיך דערלויבן ביי צו שטיין דעם פּראָסטן עולם אזוי ווי דער באַיאר קריסטעא. ער איז דאָך א אויטאָריטעט: אלע דאַרפן זיך אים אונטערוואַרפן! דער געמיינדעס געלט: באַשטימט ער וועמען ער זאָל געבן, וויפיל ער זאָל געבן, וויפיל נוצן ער לאָזט זיך איבער, יחדיו מיטן נאָטאַר און מיטן קאַסירער. טאָמער נישט אזוי, וואָסזשע פאַר אויטאָריטעט איז ער, אָן שום נוצן? אזוי אז ס'קען זיין מ'זאָל אים פרעגן וועגן די אויסגאַבן פאַרן דאַך פון דער שול, וועגן דער רעפּאַראַציע פונעם קראַנקן-שטיבל, וועגן דעם קליינעם בריקל איבער דער ליסאַ. די דאָזיקע זיינען

פשוטע בהמון; זיי ווייסן נישט; זיי מיינען אז א מאכט־האָבער איז א מין גאָרנישט, א משרת פאר די יתומים, אלמנות אלטע לייט — אלעמענס קנעכט. זאָלן זיי אום צורו לאָזן; ער האָט זיך אויך זיינע געשעפטן, אָט אין דער מיל וואו ס'ראבעוועט אים דער מעכאניקער, אָט מיט די אויסגעפאסטעטע חזירים וואָס ער דאַרף זיי שיקן קיין בוקארעשט.

— כ'גיי אהיים; כ'האָב אויך מיינע געשעפטן. יענע פיר האָבן געמאכט גלייך ווי זיי הערן נישט זיין יאָמער.

— בקיצור, וואָס טוען מיר? האָט סטויקא געפרעגט לייגנ־דיק די האנט אויף זיין אקסל אנידערזעצנדיק אים צוריק אויפן בענקל. איך פרעג וועגן יענע פּאָפּשויעס וואָס געהערן די פּויער־טעס ווי אויך וועגן נאסטאסיעס. דערנאָך וועלן מיר אויך ריידן וועגן אנדערע זאכן וואָס וועלן דיר נאָך ווייניקער געפעלן.

— מיר וועלן זען, כ'וועל איבערטראכטן; אויב ס'איז אזוי ווי איר זאָגט, וועל איך זיי געבן וואָס ס'קומט זיי.

— ווען?

— שוין. לאָזט מיך אוועק. כ'זע א פארזאמלטן עולם. וואָס וויל ער? וואָס האָבן זיי מיט מיר? זאָלן קומען די אנינעאסקא מיט די אלטע. כ'זאָל מיך מיט זיי איינפארשטיין.

— איצט איז נישט מעגלעך, האָט סטויקא אנטשלאָסן גע־ענטפערט. זיי זיינען ארויפגעגאנגען אין וועלדל אריין, זיי זאָלן היטן דאָס וואָס איז זיי איבערגעבליבן, פון אנדערע גנבים.

גיצע האָט זיך געפילט איבער דער מאָס אויסגעמוטשעט. ריקעס שוויים האָבן גערינען איבער זיין מגושמדיק פנים. זאָל דאָס זיין א בעטלער אויפשטאנד?

ער האָט געפילט אז די פיר באהאנדלען אים בכיוון אזוי מי־אוס, כדי אים אויפצוהאלטן.

ער האָט געפרעגט ווי א אומבאוואוסטזיניקער.

— ס'קומט עמעצער אין אינספעצקיע?

— ס'איז נאָך נישט געקומען, האָט אים סטויקא געענט־פערט, ס'וועט אָבער קומען, וועגן דעם ענין פון באָדן־פאר־טיילונג...

גיצע האָט אויפגעציטערט; ער האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט אָנגעבלאָזן די ליפּן. פארוואָס זאָל פעלן דער פלוטא־

ניער־מאזשור דאנציש פון דער קאָמונע? וויאַזוי וואָלט ער געקענט פאַרשטענדיקן דעם גוט־באַזיצער, קריסטמע פון האַדשיו?

אין דרויסן איז טונקל געוואָרן פון די געדעכטע שוואַרצע וואָלקנס וואָס זיינען געקומען פון דער דוניי און ס'האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן אַ רוישיקער ווינט. ס'איז געקומען דער דינער דאַדו גורוי, אָנצינדן דעם לאָמפּ. פאַרגלייכנדיק דעם קנויט, האָט ער געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף יענעם וואָס איז געזעסן אַ דערשראָקענער ביים עק טיש.

— כ'וויל אַוועקגיין! האָט זיך גיצע אָנגנשטרענגט. יענע פיר האָבן געמאַכט אַ מויער מיט די פּלייצעס, פאַרנט, פאַר אים.

נאָכדעם וואָס דער שלאַקס־רעגן האָט זיך אָפּגעשטעלט און דער עולם פון דרויסן האָט זיך צונויפגעשטופּט אויפן גאַניק און ביי די פענצטער איז דער ווינט שטיל געבליבן.

אַ שטילקייט האָט זיך מיט אַמאָל פאַרשפּרייט אין דער דרויסנדיקער טונקעלקייט; דערנאָך האָט זיך געהערט אַ פריילעך רייצנדיקער גערויש.

ס'קומט אַריין דער אַנינעאַסקאַס ברודער, מאַנאָלע ראַשיאַרו. ער האָט געהאַלטן די בייטש אין דער האַנט.

— דער רעגן איז אַוועק אויפן ווינט, האָט ער געזאָגט אָנקוקנדיק מאָדנע דעם מילנער. ער וויל נישט אַריין גיין. ס'איז אַ באַפעל אַז דאָס גאַנצע דאָרף זאָל זיך צונויפקומען, מיר זאָלן אַרויסגיין הייַנטיקע נאַכט צו די דראַפּיעס.

מיט אַן אַראָפּגעהאָנגענע אונטערשטע ליפּ הערט זיך צו אַ דערשטוינטער גיצע.

פּלוצעם איז אים קלאָר געוואָרן. אַז ס'איז געקומען זיין ברודער יענער אויף וועלכן ער האָט זיך געריכט אַז נאָר דער נאָמען זיינער זאָל זיך אומקערן. דאָס האַרץ האָט אין אים געפּאַכט און געשטאָכן.

ער האָט געזיפצט:

— וואָס טו איך?

— דו הייבסט דיך אויף און דו גייסט מיט אונדז אין די דראַפּיעס. האָט אים גוטמוטיק געענטפערט טשערנעץ.

— כ'קען נישט.

— וועסט קענען.

אינדרויסן האָט עמיצער געֶרעדט צום עולם. דער עולם האָט געשוויגן אין דער טונקל. דער מילנער האָט זיך אויך צוגע־הערט. ער האָט נישט דערקענט דאָס קול.

אַזוי האָט מיטרעא באַשלאָסן, ער זאָל אין א אויפדערנאַכט אומדערוואַרט אַראָפּפאַלן אין דאָרף אריין. ער האָט פריער מיט א טאָג געשיקט א ידיעה דורכן קאַפּאָראַל סירבו אווראַם. קיינער זאָל נישט וויסן; נאַסטאַסיע זאָל נישט געוויר ווערן.— מע זאָל זי דערוויטערן פונעם דאָרף. קודם האָט ער געדאַרפט דורכפירן א משפט און איינפירן א נייע אָרדענונג אין די דראָפּיעס, און ערשט נאָכדעם וועט ער ארומנעמען דאָס קינד און די פרוי. ער קומט נישט כדי ער זאָל זיך נוקם זיין פאַר זיינע אייגענע ליידן. ער קומט נישט געיאָגט פון זיינע ליבע־ליידן. ער קומט וועגן דעם אינטערעס פון דער עדה וועלכן אַסאַך וועלן אפשר נישט פאַרשטיין. נאָר דאָס איז זיין באַשלוס. אַזוי האָט ער זיך איינפאַרשטאַנען מיט די חברים מיט וועלכע ער האָט געלעבט אין אויסלאַנד און ער וועט מיט זיי דורכ־פירן א גוטע זאַך נאָכדעם וואָס זיי וועלן זיך אומקערן אהיים... צו איינציקע צו צוויי זיינען זיי זיך צונויפגעקומען, זיי פלעגן זיך צונויפקומען אין זומער־צייט און האָבן געהאַט באַראַטונגען ביי טשערנעצן. זיי האָבן געהאַלטן בסוד, זיי האָבן זיך צוגע־גרייט און האָבן געוואַרט אויפן ריכטיקן וואָרט. אין בוקאַרעשט האָט מיטרעא פאַרשפּעטיקט א טאָג, כדי ער זאָל זיך איבער־שמועסן אויך מיטן מייסטער וויקו.

— איצט גייען מיר דערפּולן אונדזער חוב, האָט ער געענ־דיקט זיין געשפּרעך. דאָ זיינען די עסקים געפּעלשט געוואָרן.

דער צונויפגעזאַמלטער עולם האָט אויפגענומען די ידיעה און האָט זיך געשטופּט אויף דער גאַס און פון דער גאַס האָט ער זיך צעשפּרייט אויף דער גיך אין די הייזער, מ׳זאָל איינ־שפּאַנען די פערד און וועגעלעך.

דריי א זייגער באַנאַכט, זיינען זיי געווען אויפן וועג צום באַראַגאַן פון די דראָפּיעס. ס׳זיינען געווען אַן ערך, פערציק וועגעלעך פול מיט מענטשן, אי פון מאַלו אי פון אַנדערע דערפלעך. יעדעס וועגעלע האָט געהאַט א פאַנאַר. די קאַמפּאַ־ניעס קאַמעראַדן האָבן געהאַלטן שטורקאַצן. ביי זייער רויטלעכן

שיין, האָבן די לייב־אייגענע געקענט זען קאָקאָרן, א בריטבײ־
ניקער, מיט שווארצלעכע אויגן. ווען און ווען האָט זיך באַ־
וויזן אויך פאר גיצען יענע מוראדיקע דערשײנונג. ער האָט
אויף אים נישט געוואָרפן קיין שום בליק. ער האָט אים נישט
געזאָגט קיין איינציק וואָרט. גיצע האָט געלויערט און געהאָרכט,
וואַרטנדיק אויף א נס: דער באַיאַר קריסטעא זאָל דערשיינען
מיט די זשאנדארן.

ס'איז טאקע זיי געלונגען אז דאנציש זאָל אוועקפאָרן פו־
נעם דאָרף גראָד אין דעם טאָג, אָבער ס'איז נישט מעגלעך אז
זייער ביטערקייט זאָל נישט אויפגעדעקט ווערן. און אויב זיי
וועלן אין די דראָפּיעס מאכן שווינערייען, וועט די אויטאָרי־
טעט מיט זיי זיך שוין אָפּרעכנען. ס'איז טאקע אמת אז אין
מאָלו האָט מען נאָר טיילווייז דורכגעפירט דאָס געזעץ וועגן
דעם פארטיילן די ערד, און די ערד פון די דראָפּיעס איז נישט
אָנגערירט געוואָרן; דערפאר דאַרף מער קריסטעא פארענפערן.
זאָל ער איצט באווייזן זיין מאכט! ער זאָל ארויסרופן די זשאנ־
דארן קעגן די דאָזיקע אויפשטענדלער.

די מאָלורענער האָבן געלערנט און האָבן געליטן פון דעם
געפילדער פון 1907 יאָר. גאָט וועט העלפן אז אלץ וועט זיך
ענדיקן גוט וועגן זיינעם וועגן. גיצע איז הונגעריק געוואָרן;
ס'איז אים געווען קאַלט; דאָס פייכטע ווינטל פון דער וויסטע
האָט פיין געצויגן.

נאָכדעם וואָס די ריי וועגן זיינען אָנגעקומען צו די דראָ־
פּיעס, האָבן די מענטשן אָנגעצונדען א פייער פון אלט שטרוי
און פון דערנער און האָבן געמאכט רעדלעך, רעדלעך, זינגענ־
דיק מיט גרויס באגייסטערונג. גיצע האָט אויך געהערט עט־
לעכע קללות וואָס זיינען געווען צו אים אדרעסירט. דעם דריי־
נאָזיקן האָט מען געדעקט א פּאָרציע ווי ס'געהער צו זיין
ס'זיינען ארויסגעקומען פונעם צימער אויך דער פעטער יאָן
טריגלעא און קיצא טריגלאָאיע זיי זיינען געקומען קישן דעם
וואָס איז שוין לאַנג געווען זייער זון, וואָס איז פארפאלן גע־
וואָרן אויף א צייט און האָט זיך אויך איצט אומגעקערט
אָפּסניי פון דער ווייט. ס'זיינען זיך צונויפגעקומען די מענטשן
וואָס האָבן געדינט אין הויף פונעם דריינאָזיקן, וואָס האָבן

אָנגעהויבן צו אַקערן צום צווייטן מאָל דאָס פעלד, צוגרייטנדיק דעם פאַרזיי פונעם ווייץ.

איידער די זון איז אויפגעגאַנגען, ווען די פייערן האָבן זיך באַרויקט אונטער די הייפעלעך אַש, האָט אַ שטילקייט אַלעמען באַדעקט און זיי זיינען אַנדרימעלט געוואָרן. נאָר גיצע האָט נישט געקענט צו קלעבן איין בלוטיקע ברעם צו דער אַנדערער בלוטיקער ברעם. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין פרעגן, אָן ער זאָל זיך קענען ענטפערן, וואָס וועט מיט אים געשען? ער האָט אויף זיך געהאַט אַ גרויס רחמנות.

נאָך אַ שטיקל צייט האָבן אָנגעהויבן דורכצופליען מחנות־ווייז ווילדע געגנדז געגענדיק אויף די הויכקייטן פונעם ווינט, שטייענדיק מונטער און פעסט אויף די סנאָפּעס פון די קאַט־שענעס, אין דער מיט פון זיינע חברים, האָט זיך מיטרעא דערמאַנט, ביים געקרויש פון די באַפליגעלטע רייזענדע, פון יע־נעם האַרבסט ווען ער איז געלעגן אַ אומגליקלעכער אונטערן שאָפּראָן און ס׳האָט אים באַדינט און אָפּגעשפּראָכן פון אַ גוט אויג די באָבע קיצאַ.

ס׳איז געוואָרן טאָג; דער אויפגאַנג האָט זיך אָנגעטון רויזן־קרענץ. די נישט געבעטענע געסט האָבן זיך פאַרזאַמעלט, וואַרטנדיק אויף דער נייער אָרדענונג פון וועלכער מ׳האָט גע־רעדט. דער המון פון אָרעמע און אַלמנות און פריינט פון די מלחמה־יתומים האָט געזאָלט איבערנעמען אין זיין רשות דאָס דאָזיקע ברייטע פעלד. ס׳האָט געהייסן אַז אַלע זאָלן פאַרשריבן ווערן אין די ביכער, יעדער איינער לויט זיינע באַדערפעני־שן און דערנאָך שניידן בראַזדעס, וואָס זאָלן גילטן פאַר גרענעץ סמנים. דאָס אַלטע פעלד פון קנעכטשאַפט איז אויף אַזאַ אופן איבערגעגאַנגען אין רשות פון יענע וואָס באַאַרבעטן עס זייט צענער יאָרן. „אונדזער בוך וועט מען ברענגען פאַרן גערעכטס אַנשטאַלט” האָט מיטרעא פאַרזיכערט די אומגליקלעכע חברים זיינע.

נאָך די נאַכט באַראַטונגען, האָבן זיך אייניקע פול מיט צאָרן, קענען גיצע לונגון, זיך געלאָזט אויף אים; זיי האָבן אים אָפּגעלאָזט ווען מ׳האָט אָנגעהויבן צו לייענען דעם רעגים־

טער וואו ס'זיינען פאַרטראָגן די יתומים, און ווען די אַקער־ איינס האָבן אָנגעהויבן צו שניידן דאָס פעלד.

אין יענער רגע האָט זיך געהערט א רויש פון וועגן און אַ הילך פון פערדס קאָפּיטעס פון מערב זייט, די פויערים האָבן זיך אויפגערעגט, זיי האָבן זיך נישט גערירט פונעם אָרט הייבנ־ דיק די קעפּ. מיטרעא איז געגאַנגען פאָרויס. ער האָט זיך פאַר־ געשטעלט ווער ס'קומט.

— ס'קומט דער באָיאַר קריסטעא, ס'קומט דער דרייגאָזי־ קער, האָבן עטלעכע שטימען צווישן געטון. עטלעכע אַלטע מאַלורענער האָבן אָנגעהויבן נאָכצודענקען; מיטרעאס חברים האָבן זיי פון הינטן געשטופּט אויפן שווי־פלאַץ.

קריסטעא איז געקומען אינעם הויכן דאָקאַר מיט צוויי פערד, האָבנדיק אין דער לינקער זייט דעם פלוטאָניער־מאַזשור דאַנציש, און אין דער רעכטער זייט די אַלטע ביקס וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיין געהאַרכזאַמטן דינער. ער איז געקומען צאָרנדיק, און פון דער ווייטענס האָט ער געוויזן זיין פויסט, דראָענדיק. טשיאָרנעא אויף דער קעלניע, האָט געטריבן אין א גאַלאָפּ די מיט שוים פאַרשנייטע פערד. נאָך דעם געלן דאָקאַר, איז געקומען מיט דערזעלבער שנעלקייט, א דאָרפס וועגעלע מיט דריי זשאַנדאַרן. זיי האָבן געהאַט ביקסן, זיי האָבן זיי אָבער געהאַלטן אויפגעהאָנגען אויף די פּלייצעס.

דער דאָקאַר און דאָס וועגעלע האָבן זיך נאָך נישט גוט אָפּגעשטעלט האָט שוין אָפּגעהילכט דער לייבישער ברום פונעם באָיאַר קריסטעא אין דער שטילקייט פונעם שטיבל:

— איך, וועל אייך ווייזן, געמיינע יונגען און רויבער! איר האָט זיך נאָכגענומען דעם דאָזיקן עקלהאַפטן פאַרשוין וואָס האָט געגעסן ברויט פון מיין גענאָד? אוועק פון דאַנען! כ'זאָל קיינעם דאָ נישט זען! אין איין רגע!

קאָקאָר איז צוגעגאַנגען רויק צום דאָקאַר.

— צוריק, אייזל, האָט ווי א משוגענער קריסטעא געשריגן, צו לייגנדיק צום באַפעל מיאוסע קללות. וויאַזוי האָט איר אייך נאָכגענומען, בהמות, נאָך אַזאַ פאַרשוין ווי דער?

מיטרעא האָט זיך באַהערשט, און האָט קלאָר געזאָגט:

— דאָס פאָלק איז געקומען איבערנעמען זיין ערד, אין זיין רשות, לויטן געזעץ.

— מיין ערד, איז אייערע? האָט דער באַיאַר געשריגן צו דער גאַנצער פאַרזאַמלונג. האָסט געהערט? א רוח אין אייער מאַמען אריין, אזעלכע געמיינע יונגען! האָט ער צוגעגעבן, ווענדנדיק זיך צו דאַנצישן.

קאָקאָר האָט אָפּגעיי גערעדט, אונטערשטרייכנדיק:

— די פאַרטיי האָט געמאַכט גערעכטיקייט, די ערד געהער, צו די וואָס באַארבעטן זי.

— איך האָב נישט געאַרבעט?

— ניין.

ברימנדיק ווי א ווילדע חיה, הייבט קריסטעא אויף די ביקס, דריקנדיק דאָס הענדל.

— איך וועל דיר ווייזן וואָס הייסט געזעץ! כ'וועל דיך לייגן אין דער ערד אריין!

— אין יענעם מאָמענט, האָט טשיאַרנעא פאַר שרעק א צי געגעבן די לייצעס. די פערד האָבן זיך אויפגעשטעלט אויף צוויי פיס, קלאַפנדיק מיט די קאָפּיטעס די לופט און האָבן זיך איבערקעקערט איבערן דישל. דער דאָקאָר האָט זיך געטרייסלט און האָט זיך אויסגעבויגן אויף א זייט. די ביקס האָט געגעבן א קנאַל אין דער לופט צו א כמארע וואָס איז געשטאַנען ווי א בייזע ברעם אויף מזרח זייט. קריסטעא האָט זיך געגעבן א קאָלער און איז שיר נישט ארויסגעפאַלן פונעם דאָקאָר. ער האָט זיך אויף די לענדן ארויפגעקאַטשעט און האָט אָפּגעיי זיך גע־נומען צו דער ביקס.

— וואָס טוען די זשאַנדאַרן, בהמהניק? האָט ער געשריגן צו דאַנצישן.

גלייך ווי יעדער האָט פון פריער געהאַט צוגעגרייט זיין ראָל, האָבן מיטרעאָס חברים ארויסגעצויגן פון אונטער זייערע בונדעס די אויטאָמאַטישע פּיסטאָלן א טייל פונעם המון האָבן פּעמט ארומגערינגלט די זשאַנדאַרן. דער פּלוטאָניער־מאַזשור האָט אויסגעשפּרייט זיינע אָרעמס ווי פליגל וועלכע זיינען אָראָפּגעפאַלן אויפן דריינאַזיקן אימאָביליזירנדיק אים.

א ווײַלע פון שטילקייט, ס'האָט זיך נישט געהערט קיין

שאַרף צווישן דעם צונויפגעשטופּטן המון. קאָקאָר האָט א בליי־
כער, ווידער געגעדעט:

— כ'בין נישט געקומען מאָנען ביי דיר חשבון, נישט פאַרן
הונגער, נישט פאַר די שלעק, נישט פאַרן חוזק. דו פאַרלאַנגסט
אליין די שטראָף. דו, וואָס באַרימסט דיך אַז דו האָסט דאָ
געאַרבעט, גיי גלייך מיט אונדז צום אַקערן.

פונעם המון האָט זיך געהערט א געשריי פון פאַרוואונדערונג.

— וויאַזוי האָט דאָס געוואַגט אַ דאָס מעזינעקל אַזוינס
צו זאָגן?

מיטרעא האָט זיך אויסגעדרייט און האָט דערזען גיצען אָן
אַנגעבלאָזענעם: נאָר נאָדלען האָבן אים אויסגעפעלט ער זאָל
ווערן א שטעכלער.

— דו גיי צו די אָקסן און דער פּויערים שינדער צו די
הערנער פונעם פּלוג, האָט מיטרעא אים דורכגעבוירט מיטן
בליק. —נעמט זיי!

דער דריינאָזיקער האָט געשוימט. גיצע האָט זיך מיטאמאָל
פאַרלוירן פאַלנדיק אויף די קני.

דער המון האָט זיך באַוועגט אין א ספּאָנטאַנער שמחה, אָפּ־
שטויסנדיק אַלץ ווייטער די זשאַנדאַרן. אונטער איליאָר גרי־
גאָרעס אויפזיכט, האָט דער ערשטער פּלוג אָנגעהויבן צו שניידן
בראַזדעס, פון דער פאַרטיילטער ערד. ער איז געגאַן צום האָ־
ריזאָנט מיט א פאַמעלעכער באַוועגונג, ער האָט אויסגעמיטן
די דערנער, האָט זיך אָפּגעשטעלט א ווײַלע, דערנאָך אויפסניי
אָנגעהויבן. די צושויער האָבן אים פאַרלוירן פונעם אויג ווען
ער איז אַראָפּ פונעם גלייכן באָדן, דערנאָך האָבן זיי אים ווידער
דערזען אומקערנדיק זיך צו די שטיבלעך. דער צוריק קער איז
געווען מיט מערערע אָפּשטעלונגען. דער באָיאַר קריסטעא איז
געפאַלן; מיט א שאַרפן באַפעל האָט אים איליאָר געשטאָכן, און
דעמלט האָט ער זיך קודם געשטעלט אויף די קני, דערנאָך
האָט ער זיך איבערגעקערט, דערנאָך ערשט האָט ער זיך מיט
גרויס מי געשטעלט אויף די פיס. נאָך צען שפּאַן איז ער ווי־
דער געפאַלן. גיצע האָט געטראָגן דעם קאָפּ זיינעם ווי עפּעס א
פרעמדע משא. ער איז אויך געפאַלן אויף די קני בייגנדיק
זיך ווי א וואָרם. ווען זיי זיינען אָנגעקומען פאַר דער שטוב,

האָבן זיי אויסגעזען ווי פאַרזעעניש. ס'האָט געדונען פון זיי פאַרבלוטיקט וואסער. דעם דריינאַזיקנס דאַלאַניעס זיינען געווען פול מיט וואונדן און מיט בלאָזן.

— לאָזט מיך אָפּ, פאַרברעכער! איך וועל אייך אַלע אריינ־ווארפן אין דער תפיסה! האָט ער געיאָמערט מיט ווילדער פאַרצווייפלונג.

דעמלט האָט זיך צום הערן קריסטעא דערנענטערט אנא זעוויזעאקא און האָט אים געדראָט שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, מיט צונויפגעפרעסטע ליפּן ווי א בייטל פון שנאה:

— געוואַלד! גיב ארויס, דו וואָלף. וואָס האָסט געפרעסן!

טשיאָרנעא דער קוטשער האָט געקוקט מיט פייערדיקע אויגן אויף דער נידערטרעכטיקייט פון זיין בעל־הבית ער האָט אויס־געדרייט דעם קאָפּ און האָט אויסגעשפּיגן.

דער יאָמערלעכער פלוג האָט נאָכאמאָל אָנגעהויבן שפּאנען. נאָך אים זיינען נאָכגעגאנגען די איבעריקע. מיטרעא האָט אויך געהאט זיין בראזדע; ביים אומקערן זיך פונעם אקער, איז ער געגאַן מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ און דאָס העמד ביים האלדז איז געווען צעקנעפּעלט. דער אָסיען קילער ווינט האָט אים געגלעט.

זוען ער האָט זיך אָפּגערוט, ביי דעם ברונעם פון די שע־פעלעך, האָט אים באפאלן ווי א פייל אויסן בויגן, נאסטאסיע. האלטנדיק אין דער רעכטער האנט, לעבן דער ברוסט דאָס קינד. זי האָט אים ארומגענומען מיט דער לינקער האנט ארום דעם האלדז און האָט אויסגעזאָגט מיט מאָדנע ווערטער און מיט צערטלעכע טרערן דעם עולם, די ליבע אירע צו מיטרעאן.

איר מיטרעא האָט געהאט א פארקנייטשטן שטערן און פארשנייעטע שליפן. איר מיטרעא האָט זיך באהערשט פארן עולם פונעם דאָרף, און זי האָט ארויסגעוויזן אירע ליידנשאפ־טלעכע אויסברוכן. זי האָט אים דערלאנגט דאָס קינד און האָט זיך בארויקט.

דאָס איבערנעמען די וויסטע פון די דראָפּיעס איז געווען נאָר אַן אָנהויב. ביי מיטרעא קאָקאָרן זיינען נאָך געווען גאנץ די געפילן מיט וועלכע ער איז געווען דורכגעדרינגען אין דער קאָלעקטיווער ווירטשאפט „אילימשא פאמיאטי" אינעם דאָרף טאראסאָווקא, ווען ער איז געווען א געפאנגענער און א געזעלן

אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָ אין מאלו, ווי אומעטום אין לאַנד לעבט נאָך די פאַרגאַנגענע אָרדענונג. דער אויסזע פון די דערפער און פון די פעלדער איז פונקט ווי מיט הונדערט יאָר צוריק; די פויערים זיינען צוגעבונדען צום אלטן פלוג, צו די שטיקלעך ערד אָפּגעטיילטע מיט אקער־גרעניצן, צו די אַלטע מנהגים, יעדערער פאַרמאַכט אין זיין אָרעמקייט, אָפּגע־טיילט יעדער פון זיינס גלייכן, אָבער א שותּף מיט אַלע איניינעם צו דער שקלאַוועריי וואָס קלעמט זיי נאָך.

די דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט אין אַלע לעבנס־סעקטאָרן זיינען געבליבן פרעמד פאַר די דאָזיקע מענטשן וואָס זיינען פאַרשוּוימען אין דער פאַרגאַנגענהייט. די נייע וועלט באַנוצט זיך מיט טראַקטאָרן, מיט אייראָפּלאַנען, מיט עלעק־טריציטעט; די פוסטע פעלדער ווערן באַפרוכפּערט דורך איר־יגאַציע־כח, די לאַנדשאַפטן ווערן איבערגעמאַכט דורך דער גענישאַפט פון די אינזשינערן; נוצלעכע פלאַנצונגען פאַר־נעמען דאָס פּלאַץ פון די דערנער, די זומפּן ווערן אויסגע־טריקנט, ס׳דערשיינען וועלדער דאָרט וואו ס׳זיינען געווען זאַמדן.

די מענטשן פון מאלו ווערן פאַרוויאַנעט אין דעם שאָטן פון דער פאַרגאַנגענהייט.

אָבער ווען די דאָזיקע דאָרף דורכגעפירט ווערן די רעוואָ־לוציע. די אַלטע אָרדענונג דאָרף גענצלעך איבערגעקערט ווערן. די סאָציאַליסטישע מלוכה וועט נישט פאַרשפּעטיקן צו שטעלן צו דער פאַרפיגונג פון די געוועזענע שקלאַוון אַלע כוחות פון דער וויסנשאַפט, אזוי, אז דאָרט וואו ס׳איז אַמאָל געווען זומפּן און אָרעמע כאַטעס, זאָלן דערשיינען שטראָזן און הייזער. באַלויכטן מיט עלעקטריציטעט; וואו ס׳האָט געהערשט די טרו־קעניש, זאָל קומען דורך די קאַנאַלן די שפע פונעם וואַסער; דאָרטן וואו מ׳האָט מיט געוואַלד געמוטשעט דעם מענטש, זאָלן די מאַשינען אים פאַרגרינגערן די אַרבעט; דאָס אָפּרייסן זיך פון דער פאַרגאַנגענהייט דער אריינקום אינעם נייעם דור פון דער וועלט, דאָס אַליץ האָט געבליצט אין קאָקאָרן ווי לויכטנדע און באַהאַלטענע פּייערלעך, בשעת ער האָט געהאַלטן אויף די הענט דאָס קינד וואָס ער האָט באַקומען פון זיין פרוי. דאָס

לייכטע ווינטעלע פון דער ווייסטע האָט געקיצלט דעם פּיצאַלעם נעזעלע. ס'האָט עס געמאַכט אַז ס'זאָל ניסן און ס'זאָל עפנען די אויגן. איצט האָט עס געשמייכלט צו דער אָקטאָבער זון.

— די צוקונפט איז דיינע... האָט קאָקאָר געזיפצט און אויך געשמייכלט צו די אומצייליקע בילדער וואָס ער האָט זיי צונויפגעזאַמלט ווען ער איז אַרומגעפאָרן אין דעם נייעם כאַ־ציאַליסטישן לאַנד.

נאַסטאַסיע האָט געמיינט אַז ער שמייכלט צו איר און איז טאַקע געווען גליקלעך אין יענער רגע.

— פאַר מיין צאַרנדיקן אַנהויב, האָט מיטרעא געזאָגט, וועל איך אָפּגעבן חשבון פאַר יענע וואָס וועלן מיך רופן צום משפּט.

— וואָס טוען מיר? האָט געפרעגט לייע סאַראַקו, דערנענ־טערענדיק זיך.

מיטרעא האָט אים חבריש געקלאַפּט אויף דער פּלייצע, אַז ער זאָל אים ענטפערן, זיינע מאַלורענער האָבן נאָך געהאַט דורך צו ברעכן דעם דאָרנדיקן וועג פון פאַרשטענדניש.

בוך פאראנטוואָרטלעכער: מ. ריספלער
טעכנישער רעדאקטאָר: א. קרישאן
קאָרעקטאָר: מ. ריספלער
פרייז: 8 ליי.

איבערגעבן צום זעצן דעם 14.07.55. דרוק פעאיק דעם 14.10.55. טיראזש: 1000+200. האלב־וועלין־מאט־פאפיר. 80 גר. אויף קוו. מ. פאָרמאט 1080/32×840, פארלאג־בויגן 9,62. דרוק־בויגן 7,43. באשטעלונג 753. 1 פלאנשע, A נר. 02987. פאר קליינע ביבליאָטעקן קלאסיפיצירונגס אינדעקס A=31—R8.

געדרוקט־געוואָרן לויט דער באשטעלונג 1129 אין דער פאָליגראפישער אינטערנעמונג נומער 1. גאס, גריגאָרע אלעקסאנדרעסקו 93 – 95, בוקארעשט — ר.פ.ר.